STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03015

MITN FARVORLOZTN KIND

Tehila Tiktin-Fertig

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

תהילה טיקטין־פּרטיג

✶

מיטן פאַרוואָרלאָזטן קינד

תהילה טיקטין-פרטיג

מיטן פארווארלאזטן קינד

פארלאג י.ל. פרץ ישראל
1967

TEHILA TIKTIN-FERTIG

MITN FARWORLOZTN KIND

I. L. Peretz Publishing House
31, Allenby Str. Tel-Aviv, Israel

תהילה טיקטין־פרטיג / מיטן פֿאַרוואָרלאָזטן קינד
פֿאַרלאַג י. ל. פרץ, תל־אביב, רח׳ אלנבי 31

©
נדפס בישראל תשכ״ח
Printed in Israel 1967

די הילע איז געצייכנט געוואָרן דורך
חיים זהר, זון פון תהילה טיקטין

דפוס „אורלי״, תל־אביב, טל. 32062

הקדמה

טילטשע טיקטין איז געווען אין ווילנע אין דעם יאָר־צענדליק ערב דער צווייטער וועלט־מלחמה, ממש אַ לעגענדאַרער נאָמען: אַ יונגע פרוי, פול מיט תמימותדיקן ענטוזיאַזם, האָט גענומען אויף אירע פלייצעס איבערדערציען די סאַמע פאַרוואָרלאָזטע קינדער און פאַרוואַנדלען זיי אין אַרבעט־מענטשן.

זי האָט צונויפגעזאַמלט אַרום זיך די אַזוי גערופענע „גאַסן־קינדער" און זיי פאַרוואַנדלט אין אַ קאָלעקטיוו. זי האָט זיי אַרויסגעשלעפּט פון די אָפּגרונטן פון גנבים־לעבן און דערהויבן זיי צו חברישקייט, סאָלידאַריטעט, זעלבסט־שאַפן און צום לעבן פון יגיע־כפּיים.

די ווילנער יידישע געזעלשאַפט האָט איר געגעבן דעם גייסטיקן קרעדיט. ס'זיינען דאַן געווען צייטן, ווען אין דער יידישער געזעלשאַפט בכלל, און אין דער פּעדאַגאָגישער בפרט, האָבן זיך געטראָגן די ווערטער פון פּראָפ. פישל שניאורסאָן „די לעצטע קענען ווערן — די ערשטע";

פון דאַ זענען אַוועק יאָרן פון מלחמה, וואַנדערונגען, געטאָ, קאַצעטן, וואַלד...

אָט די שיכט פון די פאַרוואָרלאָזטע קינדער איז געווען אין געטאָ נאָך מער פאַרוואָרלאָזט. אַ סך פון זיי זיינען געווען די אומגליקלעכע הפקר־קינדער פון געטאָ; זיי האָבן עס געזונגען: „כ'הייס ישראליק, איך בין דאָס קינד פון געטאָ".

און פון צווישן זיי זיינען אויך אַרויס די, וואָס זיינען פון געטאָ און קאַצעט געלאָפן אין די וועלדער.

★

אַריבער קרוב 30 יאָר פון יענער תקופה...

כ'האָב איבערגעלייענט דאָס בוך פון טילטשע טיקטין וועגן יענע קינדער און וועגן יענעם פּרווו זיי צו אָרגאַניזירן אין אַן אַרבעט־קאָלעקטיוו.

דאָס בוך האָב איך געלייענט אין איין אָטעם. טילטשע טיקטין פאַרכאַפּט מיט איר אַזוי האַרציק־התלהבותדיקן אופן פון שרייבן און מיט איר שפּרודלדיקן, פאָלקסטימלעכן סטיל. לייענענדיק פילט מען, ווי דאָס באַשריבענע וואָלט ערשט איצט פאָרגעקומען.

ס'איז איינע פון די „פּעדאַגאָגישע פּאָעמעס" פון דער יידישער ווילנע, וווּ אין אַזאַ שווערער אָרעמקייט האָבן געלעבט שילער, אָפט פון אַלע ריכטונגען,

לערער־סעמינאַריסטן און אַקאַדעמיקער. און צווישן זיי די סאַמע אָרעמסטע, די וואָס טאַטע און מאַמע האָבן זיי געשטופּט פון יוגנט אָן צו זיין אויפן ראַנד פון דער געזעלשאַפט.

ביים סוף פון בוך קומען קאַפּיטלען וועגן די פּרוּוון אויפצושטעלן אַ קינדער־היים אין דער נאָך־מלחמהדיקער ווילנע — אין געשפּרעכן מיט די אַמאָליקע ווילנער „גאַסן־יינגלעך", וואָס לעבן היינט אין ישראל. זיי האָבן דורכגעמאַכט אַ סאָציאַלן תחית־המתים. ווער פון זיי געדענקט זייערע פינצטערע יוגנט־יאָרן?

ביי דער באַגעגעניש מיט דער לערערקע טילטשע — טויכן אויף די בילדער פון אַמאָל.

ס'איז אַ בוך פון ליבע צום קינד, פון ליבע צום מענטש און פון האָפענונג אין מענטש.

ס'איז אַ בוך ווי אַזוי עס איז געבויט געוואָרן אין ווילנע אַ קליינע קינדער־מדינה.

ס'איז אַ האַרציקע מתנה פון טילטשע (תהילה) טיקטין צו פאַראייביקן איינעם אַ געוואַגטן פּעדאַגאָגישן פּרווו אין דער יידישער ווילנע, וואָס איז געבענטשט געווען מיט אַזוי פיל יידישע נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע טרוימען און צווישן זיי אויך מיט פּעדאַגאָגישע רעאַליזאַציעס פון חלומות.

ס'איז אַ בוך וועגן דער יידישער לערערקע.

ס'איז אַ בוך וועגן יידישן לערער.

ס'איז אַ בוך פון גלויבן אין גוטן.

ד"ר מ. דוואָרזשעצקי

אַרייַנפיר

מיין פּעדאַגאָגישע אַרבעט האָב איך אָנגעהויבן אין עלטער פון צען יאָר. נאָך דער שול פלעג איך העלפן אייניקע שילער פון מיין קלאַס מאַכן זייערע לעקציעס.

איך האָב זיך ניט אויסגעצייכנט מיט קיין צו גרויסן גלויבן אין מיינע כוחות. כ'בין געווען פשוט אַ געוויסנהאַפטע שילערין און באַליבט ביי די אָרעמע קינדער פון מיין קלאַס. אין עלטער פון 8 חדשים בין איך געבליבן אַליין אָן אַ טאַטן. דער שלעכטער מאַטעריעלער מצב און די שטענדיק־געדריקטע שטימונג אין שטוב האָבן מיך דערנעענטערט צו קינדער יתומים. כ'האָב ניט געקענט מוחל זיין מיין גורל, וואָס האָט מיר אַפילו ניט געגעבן צו פאַרזוכן דעם טעם פון גליק צו האָבן אַ טאַטן. כ'האָב געבענקט, געחלומט, געבעטן צו גאָט, מקנא געווען מיינע חברטעס מיט זייער פרייד, וואָס האָט זיך גענערט פון עלטערן־ליבע — און דווקא דאָס פעלן פון אָט דער פרייד האָט מיך פאַרבונדן מיט יתומים. אַז כ'האָב דערזען פון דער ווייטנס אַ יתום־קינד, פלעג איך זיך צו אים דערנענטערן ווי צו אַ נאָענטן, רופן אים, שפּילן זיך מיט אים און פּרוּוון אים פריילעך מאַכן.

מיינע לערערס האָבן מיך געהאַלטן פאַר אַ געבוירענע לערערין. זיי האָבן אין גאַנצן ניט געאַנט פון מיין עלנט און בענקשאַפט. זיי האָבן ניט פאַרשטאַנען, אַז דאָס טוליען זיך צו די אומגליקלעכע נעמט זיך פון מיין אייגענעם עלנט, וואָס איך מיין אַזוי אַרום צו לינדערן. דאָס איז געווען די הויפּט־סיבה פון זייער צושאַרן מיר לעקציעס.

צום באַדויערן זיינען מיינע לעקציעס געווען מיט קינדער פון פאַרמעגלעכע עלטערן: קינדער צעפּיעשטשעטע, זאַרגלאָזע, אָן אַ ברעקל געוויסן און פולע פון ווילטאָג. וויפל צער האָבן מיר די דאָזיקע קינדער פאַרשאַפט. זיי האָבן אויס־גענוצט מיין געדולד און נויט. יעדן טאָג פלעג איך טראַכטן איבערצורייסן מיט די דאָזיקע קינדער. ווי נאָר אָבער איך פלעג זיך אומקערן צו מיין אָרעמקייט און זען וויפל גליק מיינע פאַרדינטע גראָשנס ברענגען אַריין אין מיין אָרעמער היים, פלעג איך ווידער צוימען מיין צער און ממשיך זיין מיין אַרבעט.

דעם ווילן אַריינצודרינגען אין די מוחות פון די דאָזיקע פוילע און איבערגעזעטיקטע קינדער, איז געווען דער ערשטער שטויס־פּונקט צו זוכן דעם וועג צום קינד, צו זיין מהות און געמיט.

צו צוועלף יאָר האָב איך שוין געוווּסט, אַז בכדי צו באַוועגן דעם שילער צו

דערגרייכן גוטע רעזולטאַטן אין די לימודים, בפרט ביי אַזעלכע, וואָס זיינען ניט געבענטשט מיט קיין באַזונדערער אינטעליגענץ און ווילנס־קראַפט, איז קודם־כל נייטיק צו דערוועקן אין זיי דעם אינטערעס צו שעפערישע טואונגען, ווי, למשל, צייכענען, האַנט־אַרבעט וכדומה. דאָס דערנענטערט דעם שילער צום דערציער און במילא צו זיינע פליכטן. אַזוי אַרום פלעגט זיך אַלע מאָל איינגעבן צו דער־גרייכן אַ פאַרשריט אין די לימודים אַפילו ביי טעמפּע קינדער. לערנענדיק אין די העכערע קלאַסן, פלעג איך אָפט באַזוכן יתומים־אַנשטאַלטן, שפּילן זיך מיט די קינדער, צערטלען זיי, געבן זיי וואַרעמקייט, וואָס מיר אַליין האָט געפעלט.

בעת די זומער־פעריען פלעג איך אָפט באַזוכן די אָרעמע קוואַרטאַלן אין מיין געבוירן־שטאָט ביאַליסטאָק. מיין מוטער פלעגט זיין שטאַרק באַליידיקט אויף מיר הלמאי איך גיב זיך אָפּ מיט די שלעפּער־קינדער, מיט די גאַסנקינדער. הגם אונדזער מאַטעריעלער מצב איז געווען ניט פיל בעסער פונעם מצב ביי אָט די קינדער, האָט מיין מאַמעס רבנישער יחוס איר דיקטירט אויפצוהאַלטן איר שטאָלץ לגבי די יתומים און שטרענג געפאָדערט פון אונדז, קינדער, צו חברן זיך נאָר מיט אונדזערס גלייכן...

מיין מאַמע האָט גאָרניט געוווּסט פון מיינע געפילן און בענקשאַפטן. זי איז געווען צו פיל פאַרנומען מיט איר אייגענער בענקשאַפט נאָך אונדזער פאָטער — איר פאַרשטאָרבענעם מאַן — און מיטן גוראַנגל פאַר חיונה פאַר אירע פיר יתומים. דאָס פריע איינשפּאַנען זיך מיינס אינעם פרנסה־יאָך האָט מיר געגעבן זעלבסטזיכערקייט און שטאָלץ. כ'האָב אָנגעהויבן מאַכן אייגענע פּלענער און באַ־שלאָסן צו ווידמען מיין לעבן דעם אָרעמען קינד. אַזוי האָב איך אויסגענוצט די ערשטע געלעגנהייט צו באַזוכן אַ פּעדאַגאָגישן קורס. מיין לאַנגע, פּראַקטישע אַרבעט מיט קינדער האָט מיר פיל געהאָלפן ביים באַהערשן דעם פּעדאַגאָגישן און פּסיכאָלאָגישן לערן־מאַטעריאַל. כ'האָב אויך פאַרשטאַנען אַז דער סעמינאַר פאַרענטפערט נאָך ניט אַלע פּראָבלעמען. דאָס זוכן אַ תשובה אויף הונדערטער פראַגן, וואָס עס רוקט אַרויס די פּראַקטישע אַרבעט, האָט מיך געצוווּנגען צו לערנען פונעם קינד גופא און פון אַלע אַנדערע קוואַלן, וואָס זיינען נאָר געווען פאַר מיר צוטריטלעך. דאָס וויכטיקסטע וואָס כ'האָב פאַרשטאַנען איז געווען, אַז אַ לערער מוז קודם קול זיין אַ דערציער און מיט זיין לעבנסוועג, מיט זיין באַציִונג צום קינד און צום מיטמענטש דינען ווי אַ מוסטער פאַרן קינד;;; ער מוז פאַר אַלעמען וויסן זיין וועג, זיין ציל אין לעבן.

מיין ערשטע אַנטוישונג אין סעמינאַר האָט זיך גענומען פון דער דערקענ־טעניש, אַז העכער פופציק פּראָצענט סעמינאַריסטן איז געקומען לערנען אַ פאַך,

כדי צו פאַרדינען געלט. ניט געווען ביי זיי דאָס געפיל פון אַחריות פאַר דער דער־ציונג פונעם נייעם דור. פאַר מיר איז די אַרבעט פון דער ערשטער מינוט אָן געווען אַ הייליקע שליחות. אפשר איז עס געווען די ווירקונג פון מיין היים — דאָס ווילן זען אינעם לערער אַ גאָט.

ווען כ׳בין אַלט געווען דרייצן יאָר פלעגט די מאַמע מיר דערציילן וועגן מיין פאָטער, וועמען כ׳האָב אין גאַנצן ניט געקענט, אַז האָבנדיק סמיכות אויף רבנות האָט ער בשום אופן ניט געוואָלט ווערן קיין רב, ווייל „...פון גאָטס תורה — האָט ער געזאָגט — טאָר מען ניט מאַכן קיין פרנסה"... „זיין מוטער — האָט די מאַמע צוגעגעבן — האָט געהאַט פון אים אַ סך צער און איך — אויך ניט ווייניק"... נאָך זייער חתונה, האָט זיין מוטער געעפנט פאַר זיי אַ טוך־געשעפט, אָבער אַנשטאָט זיך אַריינצוטאָן אין מסחר, פלעגט ער גאָר זיצן און לייענען, שרייבן — גאָט ווייס וואָס, אָדער גאָר שפּילן פידל. ער פלעגט נאָך לערנען ישיבה־בחורים שפּילן און ניט נעמען ביי זיי קיין גראָשן געלט... אַז די מאַמע פלעגט זיך ברוגזן הלמאי ער טראַכט ניט וועגן תכלית און אַז פון דעם וואָס ער טוט וועט ער די קינדער ניט באַשפּייזן, האָט ער געטענהט, אַז „מוזיק איז די שענסטע תפילה און דערגייט צו גאָט פיל שנעלער — און וואָס שייך שפּייז — איז עס אַזאַ שפּייז וואָס גיט דעם מענטשן כוח צו לעבן און צו ליידן". מיין מוטער האָט אים ניט פאַרשטאַנען, אָבער זי האָט אים ליב געהאַט און האָט זיך מקריב געווען פאַר אים און פאַר די קינדער.

אפשר זיינען עס מיין מוטערס תמימותדיקע דערציילונגען געווען די אַנזאָ־גער, אַז לעבן הייסט אויך — געבן, און ניט בלויז — נעמען, אפשר איז דער ווילן מיינער צו זייען פרייד אינעם לעבן פון אָרעמען קינד די ירושה פון מיין פאָטערס מוזיקאַליש געמיט.

ס׳איז מיר ניט פאַרשטענדלעך דאָס געפיל פון זעלבסטזיכערקייט ביי אַ טייל לערער און דערציער וואָס ברענגט זיי אָפּט צו גרויסע טעותים, ווען זיי הערן זיך ניט צו צום קינד, לערנען ניט פון אים און זיינען אַפילו גרייט צו אַרבעטן מיט קינדער, ניט קענענדיק לחלוטין זייערע איבערלעבונגען, היים־באַדינ־גונגען, זייער סביבה און אַפילו זייערע פיזיאָלאָגישע שטערונגען. אַזעלכע פעלערן ברענגען צו פיל מיספאַרשטענדענישן צווישן לערער און קינד — דאָס קינד פאַרלירט דעם גלויבן אינעם לערער און במילא אין זיין תורה.

די מאָס פאַר די באַדערפענישן פונעם קינד דאַרף זיין געשטיצט אויף אַלע פאַקטאָרן: גייסטיקער און אינטעלעקטועלער ניוואָ, היים־באַדינגונגען און עמאָ־ציאָנעלער צושטאַנד פון קינד. אַ דענקנדיקער לערער, וועלכער זעט אין קינד אַ

מענטש פֿאַר וועמענס צוקונפֿט ער איז פֿאַראַנטוואָרטלעך, קען דורך הייבן דעם עמאָציאָנעלן צושטאַנד פֿון קינד דערגרייכן דערפֿאָלגן אין לערנען און אין אַרבעט, וואָס שטייגן איבער דעם קינדס איינגעבוירענע פֿעיקייטן.

אַנדערש, דאַקעגן, זיינען די רעזולטאַטן פֿון פֿאַרקערטע האַנדלונגען מצד לערער, וועלכע איילן זיך צו באַשטראָפֿן דאָס קינד מיט אַ שלעכטן צייכן, אָדער איגנאָראַנץ.

די גרויסע און כסדר־וואַקסנדיקע צאָל געשטערטע און אָפּגעשטאַנענע קינ־דער אין ישראל זאָגט עדות ניט בלויז וועגן ספּעציפֿישע באַדינגונגען פֿון די פֿאַר־שידנאַרטיקע מענטאַליטעטן, געוווינהייטן און לעבנס־תּנאים פֿון די קינדער; דער מצב זאָגט עדות אויך וועגן דעם, אַז נאָך ניט אַלע לערער זיינען באַוואָפֿנט מיט גלויבן אין זייער שליחות פֿאַרן פֿאָלק.

לערער טאָרן קיין מאָל ניט לאָזן זיך פֿאַרכישופֿן פֿון נייע מעטאָדן. זיי מוזן דורכפֿירן אַנאַלאָגיעס און זען און געדענקען, אַז אין אונדזער אַלטער געשיכטע זיינען פֿאַראַן אומאויסשעפּבאַרע קוואַלן, וואָס קענען דינען ווי לעבנס־קוואַלן ניט נאָר פֿאַרן יידישן פֿאָלק.

בין איך ניט, חלילה, קעגן פּראָגרעס. איך האַלט אָבער, אַז לערער מוזן זיך פֿאַרטראַכטן צי דאָס „נייע" איז טאַקע פּראָגרעס לגבי די אַלטע, במשך יאָר־הונדערטער איינגעוואָרצלטע יסודות פֿון דערציונג, אַ דערציונג מיט אַ דערפֿאַרונג פֿון דורות.

אַ לערער איז אַלע מאָל מער אויטאָריטעט פֿאַרן קינד איידער זיין מוטער. דעם לערער איז זייער לייכט אויסצולעשן אינעם קינד זיין גלויבן אין דער מוטערס אמתן. דאָס שוואַכע קינד בלייבט דאַן אָן אַ באָדן — אויב דער לערער האָט פֿריער ניט צוגעגרייט פֿאַר אים אַ צווייטע אמונה.

עס שטעלט זיך אָבער די פֿראַגע: צי מעגן מיר אַוועקנעמען ביים קינד דאָס אַלטע איידער מיר האָבן געשאַפֿן דאָס נייע? ווער קאָן פֿאַרגעסן די איבערלע־בונג אונדזערע פֿון דער באָבעס מעשהלעך אין די בין־השמשותן? וויסן מיר דאָך, אַז די גרויסע ווירקונג אויפֿן קינד האָט געהאַט אַחוץ דאָס מעשהלע גופֿא, אויך די ריכטיקע אינטערפּרעטאַציע פֿונעם מעשהלע וואָס איז געקומען פֿון דער באָבעס כּוח־אמונה און האָט אַראָפּגעלויכטן פֿון איר פּנים און פֿול געמאַכט די גאַנצע אַטמאָספֿער אין שטוב... אַלץ צוזאַמען האָט געשאַפֿן די גאַנצקייט, וואָס אָן איר איז ניט מעגלעך קיין דערציערישער דערפֿאָלג.

פאַרוואָס דווקא ווילנע ?

נאָך פון מיין פריסטער יוגנט איז ווילנע געווען מיין חלום.

ווילנע, ירושלים ד׳ליטא, די שטאָט פון הירש לעקערט, דאָס וויגעלע פון קאַמף פאַר סאָציאַלער גערעכטיקייט; ווילנע די שטאָט פון ווילנער גאון, וועלכער האָט פאַרשפּרייט גלויבן און ליבע צום מענטש; ווילנע די שטאָט, ווו זיין אַ ייד און רעדן יידיש איז געווען אַ שטאָלץ. ווילנע, ווו דער דאָקטאָר און דער שוסטער האָבן גערעדט אויף איין שפּראַך און זיך געפילט אָרגאַניש פאַרבונדן מיט דער יידישער געזעלשאַפט; אָט די ווילנע האָט מיך פון שטענדיק געצויגן, ווי אַ מאַגנעט.

אין יאָר 1930 בין איך געקומען דאָס ערשטע מאָל מיט אַ לערער־אויספלוג קיין ווילנע. דער ווילנער פּראָפעסיאָנעלער פאַראיין האָט אונדז זייער שיין אויפגענומען, געוויזן אונדז אַ גרויסן טייל פון די ווילנער גייסטיקע רייכטימער און די וווּנדערבאַרע נאַטור־שיינקייט: די הויכע בערג אין מיטן שטאָט, די וווּנדערלעכע פאַרקן, דעם טייך ווילִיע, וואָס שלענגלט זיך דורך דעם גרעסטן טייל שטאָט, דאָס קאָקעטישע, שטורמישע ביי־טייכל פון דער וויליע — די ווילעיקע, וועלכע רייסט אָן אויפהער די ברעגן פון די אַרומיקע בערג.

הונדערטער קינדער האָבן באַלאַגערט די ברעגן פון טייכל, געשווומען, געשלאָגן זיך תאווהדיק מיט די וועלן, שניידנדיק זיך אַ וועג צום צווייטן ברעג. מיט זיגערישע אויסגעשרייען זיינען זיי געשפּרונגען פון די בערג צוריק אין טייכל; די טיפע געדיכטע וועלדער וואָס ציען זיך לאַנגע קילאָמעטערס איבער בערג און טאָל האָבן געדינט אַלס אָפּרו־פּלאַץ נאָך אַ מידן אַרבעטס־טאָג, אַ באַהעלטעניש פאַר די פאַרוואָרלאָזטע קינדער, און געווען דאָס בעסטע אָרט פאַר אונטערערדישער אַרבעט קעגן דער סאַנאַ־

ציע מאַכט. די וועלדער האָבן באַגייסטערט צאָלרייכע יונגע און אַלטע קינסטלער.

אַט אין דער גייסטרייכער ווילנע איז געווען אַ גרויסע יידישע אָרעמ־קייט און, ווי געוויינלעך, אַלס פּועל יוצא דערפון, אַ וויגעלע פון פאַר־ברעכערישקייט. אין דער דאָזיקער הייליקער שטאָט איז געווען אַ שול פאַר גנבים, אָנגעפירט פון די בעסטע „פאַכקענער". געווען ניט קיין קליינע גרופּע מעסער־שטעכער, וועלכע פלעגן זייערע פאַרזינדיקטע חברים „אויס־לײדיקן די קישקעס אין בויך" און באַגראָבן טאַקע אין אָט די שיינע וועלדער.

ווילנע, די שטאָט וואָס האָט פאַרמאָגט די גרעסטע צאָל יידישע און העברעאישע שולן האָט אויך געהאַט אַ גרויסע צאָל יידישע גאַסן־קינדער, וועלכע האָבן קיין שול ניט באַזוכט. נאָך מיך ערשטן באַזוך אין דער שטאָט האָט זיך נאָך מער צעפלאַקערט אין מיר דער ווילן צו לעבן אין ווילנע. אין יאָר 1932 האָב איך זיך ענדלעך באַזעצט אין אָט דער שטאָט.

שוין אויפן וואָקזאַל בין איך נשתומם געוואָרן, זעענדיק ווי צענדלי־קער יידישע קינדער, אָפּגעריסענע און שמוציקע, לויפן אַרום צווישן די פּאַסאַזשירן, ווי זיי וואָלטן עפּעס געזוכט. כ'האָב געמיינט, אַז זיי ווילן עמיצן העלפן אונטערטראָגן אַ פּעקל, אָבער אין דער זעלבער מינוט זיינען דערגאַנגען צו מיר פאַרצווייפלטע געשרייען פון אַ פרוי, ביי וועלכער מ'האָט צוגענבעט אַ פּעקל. פון אַ צווייטן עק וואָקזאַל האָט אַ מאַן געשריגן אַז מ'האָט צוגענומען זיין וואַליזקע. ווי נאָר די פּאָליציי האָט זיך באַוויזן זיינען אַלע יינגלעך נעלם געוואָרן.

דאָס בילד אויפן וואָקזאַל האָט מיך ניט געלאָזט רוען, און טאַקע באַלד ווי איך האָב זיך איינגעאָרדנט אין אַ צימער, בין איך אַראָפּ אין שטאָט, כדי צו זען פון וואַנען עס רעקרוטירן זיך די גאַסן־קינדער, און זיך באַקענען מיטן צענטער פון דער יידישער אָרעמקייט. אויפן ראָג דייטשישע און רודניצקער און אויך אויף אַנדערע ראָגן זיינען געשטאַנען יינגלעך מיט פּושקעלעך איריסן און אַנדערע צוקערקעס און מיט הויכע געשרייען גערופן זייערע קונים. איך האָב זיך אָוועקגעשטעלט אויף דער אַנטקעגנדיקער זייט און זיך צוגעקוקט צו זייער האַנדל. ווען אַן עלטערע

פרוי איז צוגעגאַנגען צו איינעם פון די פּאַרקויפער האָבן זי פון אַלע זייטן אַרומגערינגלט ייִנגלעך און אין דער צייט, וואָס דער פּאַרקויפער האָט איר פאַרעדט די ציין, האָבן די אַנדערע צוויי אָנגעהויבן ציִען ביי דער פרוי פון דער קעשענע. אין דעם מאָמענט בין איך צוגעגאַנגען, כלומרשט אויף עפּעס קויפן און געשטערט זיי אין דער „אַרבעט". ווען די פרוי איז אַוועק האָב איך איינגעקויפט איריסן און מכבד זייענדיק מיט זיי די קינדער, האָב איך זיי געזאָגט, אַז איך האָב געזען, וואָס זיי זיינען גרייט געווען צו טאָן. פון אָנהויב האָבן זיי מיך אָנגעקוקט מיט שרעק, ווען כ'האָב זיי געזאָגט, אַז איך האָב זיך ממש געשעמט, אַז אַזעלכע העלדישע יאַטן, וועלכע קענען מאַכן חשובערע אַרבעטן, זאָלן זיך פאַר־נעמען מיט אַזאַ נאַרישער אַרבעט, וואָס יעדער נאַר קען עס מאַכן, צונעמען ביי אַן אָרעמער פרוי די לעצטע פּאָר גראָשן. ווען זיי האָבן גובר געווען דאָס ערשטע געפיל פון שרעק האָבן זיי מיך אָנגעקוקט מיט פאַרוווּנדע־רונג און איינער האָט מיר געענטפערט:

— וואָס זאָלן מיר טאָן, אַז אַפילו אונדזערע עלטערן קריגן ניט קיין אַרבעט, און עסן ווילט זיך.

„אויב איר האָט טאַקע אַן אמתן ווילן צו אַרבעט, דאַן וועלן מיר צוזאַמען טראַכטן און וועלן זיכער עפּעס צוטראַכטן. ווילט איר זיין מיינע געסט, כדי מיר זאָלן קענען ביי אַ גלעזל טיי געמיטלעך זיך אַדורכ־שמועסן?"

— אדרבא, מאַדאַם, ווו וווינט איר?

— איך בין ניט קיין מאַדאַם, נאָר אַ פּשוטע לערערין, וועלכע אַרבעט מיט אַזעלכע קינדער ווי איר.

נאָכן געבן זיי דעם אַדרעס האָבן מיר זיך חבריש אָפּגעזעגנט. אויף מאָרגן נאָכמיטאָג זיינען אָנשטאָט זעקס געקומען דריי קינדער. זייערע פּנימער האָבן זיך גערויטלט פון חרפּה. דאָס ערשטע מאָל אין זייער לעבן זיינען זיי געווען געלאַדענע געסט אין אַ באַלעבאַטיש הויז. אויף מיין איינלאַדונג צו זעצן זיך האָבן זיי געזאָגט:

— לערערין, ס'מאַכט ניט אויס, מיר'ן אונטערשטיין, מיר קענען נאָך מיט אונדזערע שמוציקע בגדים איינשמוצן אייערע שטולן.

אַ צווייטער האָט צוגעגעבן שמייכלענדיק, אַז די לייז קענען נאָך אוועק־שלעפּן די שטולן. איך האָב זיי אויף דעם געענטפערט, אַז אויב זיי האָבן הנאה, טאָ זאָלן שוין אויך די כנים הנאה האָבן פון אויסגעבעטע שטולן. די חברה האָט זיך צעשמייכלט און אַוועקגעזעצט.

ווען איך בין אויפגעשטאַנען, כדי צו ברענגען פון קיך טיי מיט אַ צוביס האָבן זיי מיך אַ פרעג געטאָן:

— לערערין, איר האָט גאָרניט מורא אונדז איבערצולאָזן אַליין אין צימער, איר ווייסט דאָך, אַז מיר זיינען גוטע פּאַכמענער.

— איך האָב קיין מאָל ניט געהיט מיין פאַרמעגן און מ׳האָט קיין מאָל ביי מיר ניט געגנבעט. — דערביי האָב איך זיי דערציילט אַ וויץ פון מיין פאַרשטאָרבענער מוטער. ווען איך בין אַלט געווען זעקס יאָר, פלעג איך מורא האָבן פאַר גנבים און אין מיטן נאַכט פלעג איך וועקן מיין מוטער און איר זאָגן, אַז מיר דוכט זיך, אַז איך הער אַ שאָרך פון גנבים. איין מאָל האָט מיר מיין מוטער געענטפערט: — „שלאָף, נאַרעלע, ס׳איז אַ חרפּה פאַרן גנב, ווייל ער האָט אַפילו ניט וואָס צו נעמען.“

חברה האָט זיך צעלאַכט און אין אַ געמיטלעכער שטימונג אָנגעהויבן עסן דעם כיבוד, וועלכער האָט אויסגעזען אין זייערע אויגן גאָר יום־טובדיק.

ווען איך האָב אַריינגעבראַכט דעם קיכל, וואָס איך האָב לכבוד זיי אויסגעבאַקן האָבן זיי זיך מיט פאַרוואונדערונג איבערגעקוקט און איינער האָט זיך אָפּגערופן:

— לערערין, אויב איר וועט אונדז קאָרמענען מיט אַזעלכע מאכלים, וועט איר שנעלער קומען צו אונדזער שטאַנד אידער מיר צו אייערן.

די ערשטע באַגעגעניש איז אַדורך אין אַזאַ געמיטלעכקייט, אַז זיי האָט זיך ממש ניט געוואָלט צעשיידן — זי האָט אונדז קעגנזייטיק דער־נענטערט. זיי האָבן מיט פאַרגעניגן אָנגענומען מיין איינלאַדונג צו קומען אין אַ וואָך אַרום ווידער.

צווייטע באַגעגעניש

אויף דער צווייטער באַגעגעניש האָב איך זיי פאַרגעלייגט גרינדן אַ קאָלעקטיוו, ווו יעדער איינער וועט אויספּרווון זיינע כוחות דורך פאַרשידענע אַרבעטן, כדי צו פאַרדינען זיין ברויט. דערביי האָב איך זיי געבעטן אַז זיי זאָלן זיך פאַרשטענדיקן מיט זייערע עלטערן אָדער קרובים וועגן אונדזער פּראָיעקט. ווען איך האָב זיי דערמאָנט די עלטערן, האָט זיך חברה איבערגעקוקט און געשמייכלט.

— „אפשר קען איך וויסן וועלכן קאָמישן געדאַנק כ׳האָב אַרויסגעזאָגט, וואָס איר שמייכלט אַזוי אונטער די וואָנצן?"

אַרקע: — ווען מיר וואָלטן געהאַט עלטערן, וועלכע קענען אונדז אַן עצה געבן, וואָלטן מיר מן הסתם זיך פאַרנומען מיט אַנדערע פּרנסות. לערערין, איר קענט נאָך ניט אונדזער לעבן. מיין טאַטע, למשל, איז דערשטאָכן געוואָרן דורך זיינע חברים — דורך יענע, וועלכע ער האָט געהאַלטן, אַז זיי האָבן געמסרט אָדער זיך אונטערגעלעקט דער פּאָליציי.

כריפּקאַ: — און קנאַפּ האָט ער אָוועקגעלייגט, ווייל זיי האָבן ניט געוואָלט אויספירן זיינע באַפעלן?

אַרקע: — איך וויל ניט פאַרטיידיקן מיין טאַטן, מ׳האָט מיט אים געטאָן דאָס, וואָס ער האָט געטאָן מיט אַנדערע. ער פלעגט אַליין משפּטן זיינע חברים, מיט אַ מעסער זיי אויסמישן די קישקעס אין בויך — און פאַרטרינקען מיט אַ גלאָז בראָנפן.

חייקל: — איך האָב מורא, לערערין, אַז איר וועט זאָגן אונדזערע עלטערן, אַז איר ווילט אונדז צונעמען פון אונדזערע „פּרנסות", וועט איר שוין לעבעדיק פון זייערע הענט ניט אַרויס. ווער וועט זיי העלפן אין זייערע „פּרנסות"? ווער וועט זיי העלפן, ווען עס גיט זיך זיי ניט איין אַדורכצופירן זייערע אונטערנעמונגען?

אַרקע: — צו מיין מאַמע מעג מען קומען. זי וויל דווקא איך זאָל לערנען אַ פאַך, אָבער לערערין, אויב איר מיינט צו קומען, מוזט איר מיטברענגען אַ פלעשל פּערפום, ווייל דער פּאַלאַץ ווו מיר וווינען איז אַ געוועזענער קלאָזעט, וועלכער האָט זיך איינגעבראָכן. כאָטש מיר האָבן

אַרויסגעוואָרפן דעם שמוץ, אָבער די ערד איז אַזוי אָנגעזאַפּט, אַז מ׳קען פון גוטן ריח פאַרסמט ווערן. איך בין אין דער ערשטער נאַכט אַנטלאָפן — בעסער שלאָפן אויפן גאַס, איידער אין אַזאַ פּאַלאַץ.

— וואָס טוט דיין שוועסטער? — האָב איך אַ פרעג געטאָן.

חברה קוקט זיך איבער און שמייכלען און אַרקע ווערט רויט ווי אַ בוראַק.

— ניט וויכטיק, אַרקע, — האָב איך זיך גלייך צוריקגעצויגן — איך האָב בלויז אַ פרעג געטאָן, כדי צו וויסן צי עמעצער אין דער משפחה וואָלט אונדז געקענט העלפן אין לערנען אַ פאַך. איך זע, חברה, אַז אונדזערע באַגעגענישן זיינען זייער וויכטיק, מיר דערקענען איינע די אַנדערע מער און מער, און וואָס בעסער מיר וועלן זיך קענען, אַלץ בעסער וועלן מיר וויסן ווי צו העלפן איינער דעם אַנדערן. איך וועל דאָך באַזוכן איינעקע פון אייערע עלטערן.

— אפשר ביי ריקלען, — שרייט אויס איסער — זיין פאָטער איז אַ שניידער און אין יענער שטוב קען מען זיך זיכער צוזאַמענקומען, דאָרט איז דאָ אַ סך פלאַץ — דערביי גיט ער צו, אַז ריקלס טאַטע שניידט בגדים און ריקל שניידט נאָך בעסער קעשענעס. ריקל הערט און שמייכלט שטאָלץ.

איך בעט ריקלען זיך פאַרשטענדיקן מיטן פאָטער און אונדז אָנזאָגן צי קענען מיר זיך שבת צוזאַמענקומען ביי אים. חברה ענדיקט אויסליידיקן די טעלער און זאָגנדיק אַ גוטע נאַכט טראָגן זיי זיך אַרויס פון צימער.

ביי ריקלען אין שטוב

אַן אויבערשטיבל, די פענצטער קוקן אַרויס אויפן דאָך. אין גרויסער שוואַך באַלויכטענער צימער, אין מיטן צימער אַ לאַנגער טיש און צוויי גרויסע בענק. אין אַ ווינקל נעבן אַ פענצטערל שטייט אַ ניי־מאַשין. ווען איך בין אָנגעקומען צען אַ זייגער אין דער פרי, לויט ווי ס׳איז געווען באַשטימט, זיינען שוין געווען פאַרזאַמלט 13 יינגלעך. אַ סך זיינען געקומען

זען די משונהדיקע לערערין, וואָס לאַדט איין צו זיך גאַסן־קינדער און קעשענע־גנבים און חלומט צו מאַכן פון זיי מענטשן.

— גוט שבת אַלעמען און לאָמיר זיך דאָס ערשטע באַקענען מיט ריקלס פאָטער.

דער פאָטער, אַ בלאַסער ייד אין די מיטעלע יאָרן, שטייט פון דער ווייטן און קוקט זיך צו מיט אַ פּנים וואָס איז קאַלט ווי אייז און זיין בליק איז גלייכגילטיק. אויף מיין באַגריסונג ציט ער אויס צו מיר פלעגמאַטיש די האַנט. אַ שטאַרקער ריח פון בראַנפן האַקט פון זיין מויל.

— ווי געפעלט אייך, פאָטער, אונדזער פּראָיעקט?

— איווילט זאָגן חלום, — פאַרריכט ער מיר.

— איצט איז עס נאָך אַ חלום, אָבער זאָגט מיר, צי געפעלט אייך דער חלום? אויב דער חלום וועט אונדז אַלעמען געפעלן ווערן, וועט ער ווערן ווירקלעכקייט.

— לערערין, — זאָגט דער פאָטער, — איך בין שוין צו אַלט, כּדי צו גלויבן אין חלומות. צופיל געשלאָגן געוואָרן פון לעבן, אַז איך זאָל קענען גלויבן, אַז שיינע חלומות ווערן פאַרווירקלעכט. איך בין אַמאָל יונג געווען און האָב געחלומט אויפצובויען אַ פיינע מענטשלעכע היים און וואָס האָט זיך אויסגעלאָזן: פינף קינדער האָט מיר מיין ווייב געבוירן און געשטאָרבן פון שווינדזוכט נאָך דעם ווי זי האָט פיר יאָר געקרענקט. פיר קינדער זיינען אַוועק אין שלעכטע וועגן, איין מיידעלע נאָר געבליבן נעבן מיר. אַזוי געהאָפט, אַז די קינדער וועלן אויסוואַקסן און העלפן מיר אין דער אַרבעט, העלפן מיר אויסצאָלן די חובות. אָט האָט איר, לערערין, אַ סוף פון אַ חלום. זיצסט און נייסט און דאָס האַרץ ציטערט טאָמער וועט ווידער אַ פּאָליציאַנט אַריינברענגען מיינס אַ קינד און פאָדערן פון מיר אחריות, אָדער מיך באַשטראָפן. איך פאַרשטיי, שווער צו לעבן אין אַ שטוב וווּ קיינעם לאַכט זיך ניט, אָן אַ מאַמען, אַ טאַטע אַ צעבראָכענער, אָבער דאָך אַ טאַטע. לויפן קינדער פון אַזאַ טאַטן, מאַכן אים אָן שאַנד און צרות. אַלץ געפּרוווט, מיט גוטן און מיט בייזן, און קיין זאַך האָט ניט געהאָלפן. ווילט איר, לערערין, איך זאָל גלויבן אין אייער חלום? אַ שאָד, לערערין,

אייערע כוחות. איר זייט יונג און קענט נאָך צווישן די גנבים דאָס לעבן פאַרלירן.

— איך האָב ניט קיין קיין מורא פאַר קיינעם — האָב איך געפּרוּווט אים ווייכער מאַכן — איך גלויב אין מיין גוטן ציל און איך מיין, אַז איר וועט מיר העלפן. דערלויבט אונדז נאָר ביי אייך זיך צוזאַמענטרעפן. איך מוז זיך פריער גוט באַקענען און באַפריינדן מיט די קינדער, באַפעסטיקן דעם קעגנזייטיקן צוטרוי און דאַן וועלן מיר קענען אָנהויבן מיט געמיינזאַמע כוחות צו בויען.

— איך וועל אייך העלפן, — שרייט אויס אַרקע.

— מיר אויך — שרייען יאַשקע, איסער און אַנדערע. — אַלע וועלן מיר אייך העלפן!

— איך גלייב אייך, קינדער! אָבער וואָס איך וויל פון אייך איז, אַז איר זאָלט גוט, גוט באַטראַכטן, צי זייט איר גרייט צו ליידן. די ערשטע צייט וועט אונדז זיין זייער שווער, ניט גנבענען און ניט קענען קיין סך פאַרדינען, ווייל אונדזערע הענט זיינען נאָך צו אַרבעט ניט געוווינט. דאָ מוז זיין אַן אייזערנער ווילן און געדולד, כדי טריט ביי טריט דערגיין צו עפּעס. איך גלויב אין אייער כוח און דעריבער וויל איך אייך העלפן. יעדער איינער דאַרף טראַכטן ביזן צווייטן שבת, צי ער איז בכוח מוותר צו זיין אויף זיין איצטיק לעבן.

אַזוי האָט זיך פאַרענדיקט אונדזער דריטע באַגעגעניש.

מיר באַקומען אַ לאָקאַל פאַר אַ קלוב

ווען איך בין אַריינגעקומען דעם צווייטן שבת צו ריקלען אין שטוב איז אויסער די דרייצן קינדער געווען נאָך איינער, אַן עלטער ייִנגל מיט אַ קאָפּ געקרייזלטע, בלאָנדע האָר, די אויגן האָבן שעמעוודיק געקוקט אויף אונטן, די ליפּן קינדעריש אָנגעבלאָזן. איך באַגריס אים און שטרעק

אים אויס די האַנט, ווערט ער נאָך מער פאַרשעמט, רויטלט זיך און לאָזט נאָך טיפער אַראָפּ זיין קאָפּ. פון אַלע זייטן הערן זיך באַליידיקנדיקע צונעמענישן, וועלכע מונטערן אים צו געבן מיר די האַנט. איך פאַרמייד אים די אַרבעט און מיט אַ חברישן קלאַפּ אין פּלייצע זאָג איך אים מיין נאָמען. איך פרעג אים ניט זיין נאָמען, ווייל איך האָב מורא אַז חברה וועט אים באַלד ווידער אָנרופן מיט זיינע צונעמען. ער, לייבקע, האָט שוין געקענט לייענען און האָט ליב געהאַט צו לייענען. ער האָט געהאַט אַן אָרעמע, קראַנקע מאַמע, וועלכע האָט אים געמוזט אָפּנעמען פרי פון שול און שיקן אין גאַס האַנדלען, כדי צו פאַרדינען דאָס שטיקל ברויט. ער איז אָבער געווען שטיל און באַשיידן, ניט געקענט שרייען ווי די אַנדערע און האָט אויך קיין אינטערעס אין דעם ניט געפונען. חברה פלעגט לאַכן פון אים און ניט איין מאָל אים אויסשיטן דאָס קעסטעלע איריסן, וואָס איז געווען זיין גאַנץ פאַרמעגן. לייבקע פלעגט אַ פאַרצווייפלטער, ממש מיט טרערן אין די אויגן, צונויפקלייבן זיין ביסעלע פאַרשטויבטע סחורה און, ניט האָבנדיק קיין האָפענונג עס צו פאַרקויפן, זיך אומקערן אַהיים. די מאַמע פלעגט אים באַשיטן מיט קללות און פאָדערן נקמה צו נעמען פון די כוליגאַנעס. לייבקע האָט זיך ניט געקענט מיט זיי פאַר־מעסטן, ער איז געווען אָפּהענגיק פון זיי, ווייל אין שווערע מינוטן פון הונגער פלעגט ער שטיין אויף דער וואַך, ווען זיי פלעגן אַדורכפירן אַ שטיקל אַרבעט און אַזוי אַרום זיך ראַטעווען פון פיינלעכן הונגער.

לייבקע זיצט איצט און הערט זיך צו מיט אַלע חושים, שלינגט ממש יעדעס וואָרט, ווייל וועמען איז נאָך אַזוי נאָענט צום האַרצן דער פּראָיעקט ווי אים. ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס זיי האָבן אים געהאַלטן פאַר אַ גרויסן שלימזל האָבן זיי אים דאָך געאַכטעט פאַר צוויי זאַכן: פאַרן קענען לייענען און פאַרן קענען ליידן און שווייגן. פון צייט צו צייט פלעגט ער זיי דערציילן שפּאַנענדע נייעס פון צייטונג און אויך זאָגן, וואָס עס שפּילט אין יידישן טעאַטער. ער פלעגט זיי איבערלייענען אַן אַדרעס, ווו זיי האָבן געדאַרפט עפּעס אויספאַרשן. ניט איין מאָל האָט לייבקע מורא געהאַט צו גיין אין שטוב שלאָפן, ווייל ער האָט גאָרניט פאַרדינט, פלעגט אים חברה אַריינגעמען צו זיך אין „מאַלינע" און זיך טיילן מיט אים מיטן ביסן. דאָס

האָט אים צוגעבונדן צו זיי און ער פּלעגט זיין גרייט זיי מוחל צו זיין אַ סך באַליידיקונגען.

נאָכדעם, ווי מיר האָבן זיך שוין עטלעכע חדשים געטראָפן און פּראָיעקטירט, איז באַשלאָסן געוואָרן צו געפינען אַ לאָקאַל פאַר אַ קלוב, כדי זיך יעדן טאָג צוזאַמענקומען אויף אַ פּיר שעה און פּרווון פאַרשידענע אַרבעטס־געביטן און זען אויף וויפל אונדזער חברה באַציט זיך ערנסט צו אַרבעט און וואָס מ׳קען מיט איר אַדורכפירן. צי זיינען די יינגלעך בכלל פעיִק צו לעבן אין אַ קאָלעקטיוו? מיר האָבן באַשלאָסן אָנהייבן אַזעלכע אַרבעטן, וואָס מ׳קען זיך שנעל אויסלערנען און די סחורה גלייך פאַרקויפן. מיר האָבן אָנגעהויבן זיך לערנען פלעכטן טרעטערלעך פון שטרוי. דער רוי־מאַטעריאַל האָט ניט געדאַרפט קאָסטן קיין סך און קיין ספּעציעלע מכשירים זיינען ניט נייטיק געווען דערצו. אויסער דעם האָט זיך יעדער פאַרפליכטעט צו ברענגען אַ מכשיר צו סטאָליעריי־אַרבעט. אָבער ווו נעמט מען אַ לאָקאַל? ווער וועט אַריינלאָזן אַזאַ חברה, וואָס איז אַזוי גוט באַקאַנט געווען אין דער גאַנצער שטאָט. איך האָב זיך געווענדעט צו דער באַרימטער פּסיכאָלאָגין וויטאַ לעווין, וועלכע איז מיר געווען אַן אינטימער פריינד און זי האָט מיר געראָטן זיך ווענדן צו דער אָרגאַניזאַציע „בין". דאָס איז געווען אַ פּראָגרעסיווע, פאַרגעשריטענע סקויטן־אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט זיך פאַרנומען מיט גוטע מעשים מער ווי מיט פּראָפּאַגאַנדע. דאָס איז געווען אַ יוגנט, וואָס האָט געאַרבעט אויף זיך, כּד צו דערהויבן איר מאָראַלישן ניוואָ און במילא דעם ניוואָ פון דער גאַנצער געזעלשאַפט. וויטאַ לעווין האָט אָנגעווענדט איר פּראָטעקציע און נאָך אַ קורצער צייט האָבן מיר באַקומען זייער הסכמה צו באַנוצן זיך מיט זייער לאָקאַל, ניט לענגער ווי ביז אַכט אָוונט. דער לאָקאַל האָט געמוזט געריייניקט ווערן פאַר יעדן אַוועקגיין. דער לאָקאַל איז באַשטאַנען פון אַ גרויסן האַלב־פינצטערן צימער, אין מיטן צימער — אַ לאַנגער שוואַרצער טיש, מיט צוויי לאַנגע בענק אַרום טיש. צוליב דער פייכטקייט זיינען די ווענט באַליייגט געווען מיט טונקעלע שוואָמען און אַ גרינער מאָך האָט באַדעקט אַלע ווינקלען פון צימער. ווען איך בין דאָס ערשטע מאָל אַריין אין לאָקאַל האָט דער ווילגאָטש מיר אַ קלאַפּ געטאָן

אין דער נאָז און דער גאַנצער שוואַרצער אומעסטעטישער אויסזען זיינער האָט פאַרטונקלט מיין געמיט.

אָבער ווען איך האָב אַ טראַכט געטאָן וועגן די וווין־באַדינגונגען פון אונדזערע קינדער, האָב איך זיך באַרויִקט און אַפילו אַ טראַכט־געטאָן, אַז ווען עס וואָלט געווען שענער, וואָלטן זיי זיך זיכער געפילט אומהיימלעך.

אונדזער קלוב

ווען איך האָב דאָס ערשטע מאָל געבראַכט די חברה אין לאָקאַל, איז געוואָרן אַ שפּרינגעריי איבער די בענק, זיי האָבן געמאַכט קאָזשלקעס און סתם געשריען אָן אַ פאַרוואָס. אַזוי פיל רוים האָבן זיי נאָך קיינמאָל ניט געהאַט און דאָ האָט זיי אויסגעזען, ווי אַ פּאַלאַץ. כ׳בין לאַנג געשטאַנען און געדולדיק געוואַרט ביז עס וועט זיך איינשטילן דער אויסברוך פון באַגייסטערונג. אָבער ווען עס האָט זיך מחמת גרויס שמחה אָנגעהויבן אַ געשלעג צוליב שפּרינגען דער ערשטער פון טיש, האָב איך מיט אַ שטרענגן און ערנסטן טאָן אַ פרעג געטאָן: צוליב דעם האָבן מיר אַזוי פיל חדשים געזוכט אַ לאָקאַל און געבעטן פּראָטעקציע?

ביסלעכווייז האָט אויפגעהערט די ווילדע שפּיל און זיי האָבן זיך אָנגעהויבן אַרומזעצן אַרום טיש. ווען ס׳איז שוין אין גאַנצן שטיל געוואָרן האָב איך זיי דערציילט אויף וועלכע באַדינגונגען מיר האָבן באַקומען דעם לאָקאַל און געפרעגט, צי זיי נעמען אויף זיך די אחריות? אַלע שרייען מיט איין קול „יאָ״ און שרייבן פייערלעך אונטער דעם קאָנטראַקט, וועלכן איך האָב זיי געבראַכט.

עס ווערט באַשלאָסן, אַז יעדער מוז דערוויל פאַרזעצן זיינע פריערדיקע פּרנסות ביז מיר וועלן זיך אויסלערנען וועלכע עס איז אַרבעט, כדי צו פאַרדינען כאָטש אויף אַן אָרעם לעבן.

לכבוד דער דערעפענונג פון קלוב האָב איך צוגעגרייט אַ באַשיידענעם כיבוד: ברויט מיט מאַרמעלאַד און פינף פלעשלעך לעמאָניאַד. מיר האָבן

געמיטלעך פֿאַרברענגט, אָבער כדי צו קריגן אַ ביסל לעמאָניאַד האָט מען געמוזט געדולדיק וואַרטן, ווייל אין לאָקאַל זיינען געווען בלויז צוויי גלעזער. דער חסרון איז דווקא געווען אַ מעלה, ווייל דאָס איז געווען דער ערשטער פּרוּוו פון קענען אָדער ניט קענען הערשן איבער די אינסטינקטן.

דערמאָנענדיק זיי, אַז דאָס איז די ערשטע שוועריקייט און אַז עס וואַרטן אונדז נאָך אַ סך גרעסערע שוועריקייטן, מיט וועלכע מיר וועלן מוזן שלום מאַכן, און אַז ביי די שוועריקייטן וועלן מיר קענען דערקענען אויף וויפֿל מיר זיינען גרייט צו לײַדן צוליב אונדזער ציל, האָט טאַקע יעדער געוואָלט וויזן, אַז ער איז בעסער און געשטופּט דאָס גלאָז צום חבר. נאָכן אָונטברויט האָבן מיר צוזאַמענגעשטעלט אַ רשימה וועלכע זאַכן מיר מוזן באַזאָרגן צום מאָרגנדיקן טאָג: יעדער איינע רהאָט גערדאַרפט ברענגען אַ גלאָז, אָדער טעפּעלע צום טרינקען, אויך אויף וויפֿל ס'איז מעגלעך — אַ מכשיר צו סטאָליאַריי־אַרבעט; פינף גראָשן צו אַ בשותפות־דיקן אָונטברויט. איך האָב זיך פֿאַרפּליכטעט צו ברענגען אַ נאַפּט־מאַשינקע צו קאָכן טיי און אַ טשייניק.

אויף מאָרגן זיינען אַלע געקומען אין אַ געהויבענער שטימונג, ווייזנ־דיק מיט שטאָלץ זייערע געבראַכטע מתנות פאַרן קלוב. בלויז צוויי קינדער האָבן גאָרניט געבראַכט און זיינען צוליב דעם געווען אומעטיק. קיינער האָט זיי ניט אויסגערעדט און ניט געשטראָפט. מיר האָבן זיך חבריש צעטיילט מיטן אָרעמען אָונטברויט. פון די צוזאַמענגעקליבענע גראָשנס האָט געסטייעט אויף ברויט מיט מאַרמעלאַד און טיי אָן צוקער, נאָר פאַר־ווייסט מיט צוויי לעפעלעך מילך. אָט דער אָרעמער אָונטברויט האָט געשאַפֿטן אַזוי פיל געמיטלעכקייט און אינטימקייט, אַז עס האָט זיך ניט געוואָלט אויפשטיין פון טיש. אַזוי זיצנדיק, האָבן מיר צוזאַמענגעשטעלט אַן אָרדנער־ליסטע לויטן אלף־בית און דער ערשטער אָרדנער איז טאַקע גלייך אויפגעשטאַנען, אַראָפּגענומען פון טיש, אָפּגעווישט אים און געוואַשן די גלעזער.

שוין אין ערשטן אָונט איז אַנטשטאַנען דאָס פּראָבלעם, ווו אַהינצוטאָן די כלים. היינט אויפן פענצטער, אָבער שוין מאָרגן מוזן מיר אָנהויבן מאַכן אַ שאַפֿקע. ס'זיינען שוין געווען צוויי האַמערס, אַ שלעכטער הובל, אַ

צוועגל, נעגל און אַן אַלט זעגעלע מיט אויסגעבראָכענע ציינער, אָבער קיין ברעטער זיינען נאָך ניט געווען. מיר באַשליסן נאָך אַ לאַנגן ישוב הדעת זיך צו ווענדן צו עטלעכע טאַרטאַקן זיי זאָלן אונדז אויסבאָרגן עטלעכע ברעטער און ווי גיך מיר וועלן אָנהויבן פֿאַרדינען וועלן מיר זיי גלייך אָפּצאָלן. אונדזער פּרווו איז געלונגען און מיר האָבן באַקומען 7 זעקס־מעטערדיקע ברעטער פֿון ערגסטן סאָרט, אָבער פֿאַרן אָנהויב איז עס געווען גוט. מיר האָבן אָנגעצייכנט אַ פּראָיעקט פֿאַר אַ שאַפֿקע מיט מאָסן צו יעדער זייט און יעדער חלק. מ׳האָט געדאַרפֿט אָנהויבן די אַרבעט און אָט האָבן זיך אָנגעהויבן די שוועריקייטן: יעדער וויל זעגן, הובלען און ס׳איז דאָ בלויז איין מכשיר. עס הייבן זיך אָן רייסערייען, מ׳שלאָגט זיך ביז בלוט. די קולות זיינען גרויס און אויפֿן הויף געפֿינט זיך די יידישע קהילה, וועלכע לאַכט זיך אויס פֿון אונדזער פּראָיעקט, גלויבט ניט אַז מ׳קען פֿון אַזעלכע קינדער מאַכן מענטשן און וויל אונדז בכלל ניט האָבן אויפֿן הויף. ווידער אַ מאָל איז דער חסרון פֿאַר אונדז געווען אַ מעלה. טאַקע אויס מורא, אַז מ׳זאָל אין קהילה ניט דערהערן, האָט מען איבער־געריסן דאָס געשלעג. איך לייג פֿאָר, אַז יעדעס קינד זאָל מאַכן איין טייל פֿון דער שאַפֿקע און אַזוי ווי ס׳זיינען געווען 15 טיילן, איז נאָך פֿאַר מיר אויך געבליבן אַ טייל.

אַלס די פֿעיִקסטע האָבן זיך אַרויסגעוויזן ריקל, לייבקע און סיאָמקע. כדי די איבעריקע זאָלן ניט שטיין ליידיק, האָבן מיר באַשלאָסן איינקויפֿן שטרוי און זיך לערנען מאַכן טרעטערלעך. די אַרבעט האָבן זיי באַהערשט אין עטלעכע טעג און שוין צום ערשטן פֿרייטיק זיינען פֿאַרטיק געוואָרן צום פֿאַרקויף 24 טרעטערלעך. צום פֿאַרקויפֿן האָבן מיר באַשטימט אַזעלכע, וועלכע האָבן אין דער סטאָליער־אַרבעט ניט מצליח געווען און האָבן זיך אויסגעצייכנט אין האַנדל.

כדי די אַרבעט פֿון די טרעטערלעך זאָל אונדז ניט נמאס ווערן צוליב איר איינטאָניקייט, האָבן מיר אָנגעהויבן פֿאַרבן די שטרוי און מאַכן כל מיני מוסטערן. מיר זיינען אַריין אין אַזאַ האַזאַרט פֿון אַנטוויקלען די פֿאַנטאַזיע און געשמאַק, אַז מיר האָבן באַשלאָסן צו גרייטן אַן אויסשטעלונג פֿון צענדליקער מוסטערן טרעטערלעך. צו דער אויסשטעלונג זיינען גע־

קומען אַ סך לערער און אָנהענגער פון אונדזער אידעע און האָבן אויס־געקויפט ביז איין טרעטערל. דאָס האָט געגעבן נאָך אַ גרעסערן סטימול צו דער אַרבעט און פאַרשאַפט אַ גוטן נאָמען פאַר אונדזער סחורה. מיר האָבן באַקומען אַ סך באַשטעלונגען און אַזוי אַרום האָט זיך פאַרגרעסערט אונדזער הכנסה, אַזוי אַז די אָוונט־ברויטן זיינען געוואָרן אַלץ בעסער און אויך די צאָל מכשירים אין דער סטאָליערײַ האָט זיך פאַרגרעסערט. מיר האָבן אָנגעהויבן איינקויפן אויך דיקטן און פון זיי געמאַכט שיינע זאַלץ־האַלטערס, פּאָליצעס צו בלומען. אויף צו באַפּוצן אונדזער פּראָדוקציע מיט שיינע מוסטערן, האָבן מיר אויסגענוצט די קינדער, וועלכע האָבן געהאַט אַ נייגונג צום מאָלן. אויך אין דער אַרבעט האָבן מיר זיך אַלץ מער און מער קוואַליפיצירט און ס׳איז געגאַנגען ניט שלעכט. אונדזער פּראָדוקציע האָט אָנגעהויבן פאָדערן אַ וואַרשטאַט. מיר האָבן באַשלאָסן צוגרייטן עטלעכע שיינע אויסאַרבעטונגען און אַוועקגיין דערמיט צום דירעקטאָר פון ווילנער יידישן טעכניקום און אים ווייזן ווי שטאַרק עס איז אונדז נויטיק אַ וואַרשטאַט. דער דירעקטאָר, אינזשיניער שרייבער, אַ הייסער ייד און אַ גרויסער קינדער־פריינד, איז ממש גליקלעך געווען צו זען די באַגייסטערונג פון די קינדער, וועלכע ער האָט גוט געקענט פון דער גאַס און האָט אונדז צוגעזאָגט געבן אַ וואַרשטאַט. אין אַ וואָך אַרום האָבן מיר שוין געהאַט אַ וואַרשטאַט, אמת, אַן אַלטן, אָבער נאָך גענוג גוט, כדי צו אַרבעטן אויף אים. די שמחה מיטן וואַרשטאַט איז געווען אַזוי גרויס, אַז מ׳האָט געמוזט מאַכן אַ לחיים לכבוד אים מיט עטלעכע פלעשלעך לעמאָניאַד. דער סטאָליער־טיש האָט געגעבן מער מעגלעכקייטן אַרויסצוועדיקן די שאַפקע. צו די דרייַ וואָכן איז די שאַפקע פאַרענדיקט געוואָרן.

אונדזער שאַפּקע

שווער צו באַשרייבן די שמחה מיט דער שאַפּקע. יעדער האָט זי געגלעט, געעפּנט און פאַרמאַכט. שפּעטער האָט מען די שאַפּקע געמאָלט מיט כל מיני מוסטערן. מ׳האָט זי געשלעפּט פון איין ווינקל אין צווייטן, מיינענדיק אַז דער נייער אָרט איז בכבודיקער פאַר איר. ווער עס האָט נאָר געעפּנט אונדזער טיר האָט מען אים גלייך באַוויזן די שאַפּקע. די אויגן ביי די קינדער האָבן געגלאַנצט פון גליק. וויפל שטאָלץ און בטחון האָט אונדז געגעבן די נעבעכדיקע שאַפּקע, וועלכע איז געווען שלעכט געהובלט, שלעכט געבונדן און איז געשטאַנען, ווי מיט אַ האָרב אויף איין זייט. זיי האָבן אַלע חסרונות פאַרמאָלט און געווען זיכער אַז זי האָט רעכט צו שטיין אויף אַן אויסשטעלונג.

ווען די פאַרב האָט זיך שוין אויסגעטריקנט האָט מען גענומען אַרייג־ לייגן אונדזער נעבעכדיקן אינווענטאַר: אויף דער אויבערשטער פּאָליצע די גלעזער און דאָס עסנוואַרג, אין מיטן די סטאָליאַריי־מכשירים און אונטן דעם טשייניק און דעם פּרימוס. ווען אַלץ איז שוין געווען אינעווייניק האָט ריקל אויפגעהאַנגען אַ גרויסן שלאָס מ׳זאָל חלילה ניט באַגנבענען אונ־ דזער אייגנטום.

קיין סטאָליאַר־מייסטער האָבן מיר נאָך ביז איצט ניט געהאַט און אַלץ איז געמאַכט געוואָרן מיט די אייגענע כוחות. איך האָב פּלאַנירט און צוזאַמען מיט זיי געמאַכט די אויסמעסטונגען פון יעדן חלק. אויב מיר האָבן אין אַזעלכע באַדינגונגען ניט געקענט פּראָגרעסירן אין פאַך־קענטעניש איז אָבער דער גלויבן אין אייגענעם כוח געוואָקסן פון טאָג צו טאָג. צוזאַמען מיטן גלויבן איז געוואָקסן דער ווילן צו שאַפן.

תהילה טיקטין־פרטיג

באַזוך פון פּראָפעסאָר שניאורסאָן

איידער מיר האָבן פאַרלאָזן דעם קלוב איז געקומען צו אונדז צו גאַסט פּראָפעסאָר שניאורסאָן. ער איז גראָד געווען אויף אַ באַזוך אין דער געזעלשאַפט פאַר ספּעציעלער דערציונג און דערהערנדיק וועגן דער עקזיסטענץ פון אַזאַ קלוב, איז ער געקומען זיך באַקענען מיט אונדזער אַרבעט. ווען ער איז אַריין אין דעם האַלב־פינצטערן לאָקאַל מיט די שמוציקע ווענט, באַלייגטע מיט שוואָמען, האָט זיך זיין געזיכט צוזאַמענגעשרומפּן, אָבער ווען ער האָט דערזען די חברה, וועלכע איז מיט אַלע חושים געווען אַריינגעטאָן אין דער אַרבעט, אַזוי אַז זיי האָבן אַפילו ניט געלייגט קיין אַכט אויף זיין אַריינקום, איז ער געוואָרן באַגייסטערט. ווען איך האָב פאַרזיכטיק אַ פרעג געטאָן, צי זיי ווילן זיך באַקענען מיט אַ גאַסט, האָבן זיי זיך אַפילו ניט אומגעקוקט און אַ ברום געטאָן, אַז נאָך דער אַרבעט וועלן זיי זיך באַקענען.

פּראָפעסאָר שניאורסאָן האָט צו מיר געוווּנקען איך זאָל זיי גאָרניט זאָגן, נאָר לאָזן אָנגיין מיט זייער אַרבעט. ווען יאַשקע איז מיד געוואָרן הובלענדיק מיטן טעמפּן הובל און עס איבערגעגעבן אַ צווייטן חבר, האָט ער זיך אומגעקוקט צום גאַסט און גלייך מיט אַן איראָנישן שמייכל אַ זאָג געטאָן צו דער חברה, אַז דער הער האָט זיך מורא אָוועקצוזעצן אין אונדזער פּאַלאַץ. ער האָט מורא איינצושמוצן זיינע אידעלע בגדים. פּראָפעסאָר שניאורסאָן האָט עס אויפגעכאַפּט און באַמערקט, אַז ער האָט אַ טעות, ער וואַרט פשוט אויף זיי, ווען זיי אַלע וועלן זיך זעצן צום טיש. חברה האָט זיך אומגעקוקט צו אים און ביסלעכווייז איז דער אַרבעטס־טעמפּאָ געוואָרן שוואַכער, די אַרבעט איז געגאַנגען צום סוף.

איידער זיי האָבן נאָך מיט אים געשלאָסן קאָנטשאַפט האָבן זיי אים שוין באַוויזן זייער שאַפקע און זייער פאַרמעגן אין דער שאַפקע. ווען זיי האָבן דערפילט אין שניאורסאָנס בליק די אָנערקענונג פאַר זייער שאַפונג, האָבן זיי אים אָנגעהויבן דערציילן די גאַנצע געשיכטע פון אונדזער קלוב און פון דער אויסשטעלונג, און שפּעטער אים אָנגענומען חבריש ביים אָרבל און געפירט אים צום טיש. דער אָרדנער האָט גענומען גרייטן דעם

אָוונטברויט און געבעטן דעם פּראָפעסאָר עסן צוזאַמען מיט אונדז. דער פּראָפעסאָר האָט זיך פאַרענטפערט, אַז ערליידט אויפן מאָגן און קען ניט אַלץ עסן. חברה האָט זיך ציניש איבערגעקוקט און ווען ער איז אַוועק האָבן זיי אָפּשפּעטנדיק געזאָגט: ווי פּאַסט דאָס פאַר אַזאַ חשובן הער צו עסן אַן אַ טעלער און נאָך פון אַזעלכע ריינע הענט, ווי אונדזערע.

מיר ווילן אַהיים!

דער אינטערעס צו שעפערישער אַרבעט און די קליינע דערפאָלגן, וועלכע האָבן אין זייערע אויגן אויסגעזען אַ סך גרעסער, ווי זיי זיינען געווען אין דערווירקלעכקייט, האָט אָפּגעשוואַכט דעם אינטערעס צום ביז־איצטיקן גאַסן־לעבן. זיי האָבן אויפגעהערט זיך פאַרנעמען מיט זייערע פּרנסות און האָבן אויפגעהערט כמעט אין גאַנצן צו העלפן זייערע עלטערן און דאָ האָט זיך אויפגעהויבן דער אמתער שטורעם. די עלטערן האָבן צו־געזאָגט מיך אָפּצוראַמען פון וועג, אויב איך וועל ניט באַפרייען זייערע קינדער פון מיין אַכזריותדיקן כישוף. זיי פלעגן שרייען, אַז איך האָב זיי אָנגעטאָן אַ כישוף און זיי צוגעבונדן מיט אייזערנע קייטן. די קינדער האָבן זיך מער ניט געטאָרט באַווייזן פאַר זייערע צעיושעטע עלטערן.

די קינדער פלעגן מיך ניט לאָזן גיין אַליין אין שטוב נאָכן קלוב, כדי מ׳זאָל מיך ניט אַוועקליינגן. אַלע טאָג פלעגן אַנדערע יינגלעך מיך באַגלייטן. זיי האָבן אָנגעהויבן פאָדערן אַ היים. זיי האָבן מער ניט ווו צו גיין נאָכן קלוב: צו די „מאַלינעס" זיינען זיי מער קיין שותפים ניט, ווייל זיי העלפן ניט אַדורכפירן קיין גנבות; צו די עלטערן אויך ניט; אַזוי, אַז זיי פלעגן גאַנצע נעכט זיך אַרומדרייען פון איין בית־המדרש צום צווייטן, אויפן וואָקזאַל, מיד און פאַרלייזיקט, און די פאָדערונג צו האָבן אַ היים איז געוואָרן מיט יעדן טאָג אַלץ דרינגענדיקער.

די צוגעבונדנקייט צו אָט דעם אָרעמען קלוב, זייער אַרבעטזאַמקייט און אויסגעהאַלטנקייט, האָט אַרויסגערופן צוטרוי ביי דער יידישער גע־

זעלשאַפט. ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן מיט אונדז צו אינטערעסירן לערער, פּסיכאָלאָגן און שפּעטער די „געזעלשאַפט פאַר ספּעציעלער דערציאונג״, וועלכע איז געגרינדעט געוואָרן דורך דער לערערין וויטאַ לעווין, די גרינ־דערין פון דער שול פאַר אָפּגעשטאַנענע קינדער אין ווילנע. איר שול האָט זיך אויך געפונען אויפן זעלבן הויף פון דער ייִדישער קהילה און איז געווען געשטיצט דורך דער „געזעלשאַפט פאַר ספּעציעלער דערציאונג״. וויטאַ לעווין, ווי אויך אַ סך מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט, זיינען גע־ווען קעגן בויען אַ היים, זיי האָבן געהאַלטן, אַז צוליב די אויסזיכטלאָזע מעגלעכקייטן צו קענען אויסהאַלטן די היים מאַטעריעל, דאַרף מען פאַר־זעצן די אַרבעט אין קלוב. די שול, וואָס איז שוין געווען אָנערקענט פון דער רעגירונג האָט אויך קוים געזשיפּעט. די לערער אין דער שול האָבן געאַרבעט כמעט פאַר אַ הונגער־לוין.

ווען מיר פלעגן שמועסן מיט די קינדער וועגן די שוועריקייטן, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט דער בויונג פון אַ היים, פלעגן זיי שרייען מיט איין קול:

— מיר דאַרפן ניט קיין בעטן, ניט קיין בעטגעוואַנט. אין די „מאַלינעס״ שלאָפן מיר אויף דער נאַסער ערד, מיר ווילן נאָר אַ דאַך איבערן קאָפּ.

מיר האָבן באַשלאָסן זיך ווענדן צו דער ייִדישער קהילה און בעטן איינעם פון אירע לאָקאַלן, וואָס איז שוין יאָרן־לאַנג געשטאַנען ליידיק — כדי צו שאַפן אַ היים. די קהילה האָט אָפּגעזאָגט.

— לערערין, ניטאָ מער קיין וועג אויף צוריק, — פלעגן שרייען די קינדער. — ניטאָ קיין כוח צו לעבן צווישן הימל און ערד, ניט ווי קיין גנב און ניט ווי קיין ערלעכער מענטש.

איך בין נאָך אַ מאָל אַוועק אין קהילה און דערציילט וועגן אונדזער שווערער לאַגע, געבעטן, אַז זיי זאָלן אונדז געבן איינע פון זייערע ליידיקע דירות. זיי האָבן שפּאַטיש געפרעגט: „ווער איז דאָ דער בעל־הבית, וועל־כער קען אונדז גאַראַנטירן, אַז אייערע 14 גנבים וועלן ניט צעברעכן די טירן און פענצטער און ניט באַגנבענען די שכנים?״

— איך, — האָב איך געענטפערט מיט זיכערקייט.

— ווער זענט איר דאָס, וואָס איר זענט גרייט צו גאַראַנטירן? אַ פאַב־ריקאַנט? אַ באַנקיר?

— ניט דאָס און ניט יענץ! פאַבריקאַנטן און באַנקירן אינטערעסירן זיך ניט מיט אומגליקלעכע, דעקלאַסירטע קינדער. איך בין בלויז אַ לערע־רין. אַחוץ דעם זיינען די קינדער אייערע מער ווי מיינע, ווייל א י ר זענט די סאָציאַלע פאַרזאָרגער פון שטאָט. איך וויל אייך בלויז העלפן אויספירן אַ הייליקע פליכט: אַריינפירן עטלעכע צענדליק קינדער אין אַ מאָראַליש לעבן, פון וועלכן זיי זיינען אָן זייער שולד אַרויסגעשטויסן געוואָרן.

— מיר גלייבן ניט אין אייער דערפאָלג און דעריבער וועלן מיר אייך ניט געבן קיין דירות.

איך פרוו נאָך אַ מאָל אַפּעלירן צו זייער געוויסן און בעט זיי פון דאָס ניי באַטראַכטן די זאַך, איידער זיי זאָגן זייער לעצט וואָרט. איך דער־קלער זיי, אַז אויב אונדזערע קינדער וועלן אויפהערן גלייבן אין דער נוצ־לעכקייט פון זייער עקזיסטענץ, וועלן זיי נעמען אַ דירה מיט כוח. זיי האָבן מער ניט וואָס אָנצוווערן — די תפיסה וועט זיי געבן בעסערע לעבנס־באַ־דינגונגען ווי זיי האָבן איצט. איך בעט זיי ניט ברענגען די קינדער צו קיין עבירות און בעסער געבן די דירה מיט גוטן ווילן. איך האָב צוגעזאָגט געדולדיק צו וואַרטן דריי טעג אויף תשובה. אין משך פון די דריי טעג זיינען געגאַנגען חשובע מענטשן, וועלכע האָבן שוין דווקא געגלייבט אין אונדזער ציל, בעטן פאַר אונדז, אָבער קיין שום אינטערווענצן האָבן ניט געהאָלפן. אויפן פערטן טאָג האָבן מיר גענומען אַ דירה מיט כוח. חברה האָט צוגעגרייט מכשירים און אין אָוונט, ווען ס'איז געוואָרן פינצטערלעך, האָבן מיר אויפגעעפנט דאָס שלאָס און זיינען אַריין אין אַ דירה.

די ערשטע נאַכט זיינען מיר אַלע געשלאָפן אויף דער הוילער פּאָדלאָגע. מיר האָבן מיטגעבראַכט אונדזער איינציקן און טייערסטן אוצר — די שאַפקע, דעם וואַרשטאַט און די מכשירים. אין משך פון דער נאַכט האָבן מיר צונויפגעקלאַפּט אַ פּראָוויזאָרישן טיש אויף קאָזלעס, אויך צוויי לאַנגע בענק צום טיש. קיינער האָט ניט פאַרלאָזן דעם לאָקאַל אויך אויף צו־מאָרגנס, מורא האָבנדיק, אַז באַלד וועט מען קומען פון דער קהילה און מ'וועט אונדז אַרויסוואַרפן. מיר אַלע זיינען געווען באַוואָפנט מיט שטעקנס

אויב מ׳וועט וועלן אָנווענדן קעגן אונדז כוח. צו אונדזער גליק האָט אונטער אונדזער דירה געוווינט אַ בעקער, וועלכער האָט געהאַט צוויי זין סאָציאַליסטן און זיי האָבן געבליבט אין דער גערעכטיקייט פון אונדזער זאַך און אונדז געהאָלפן אין אונדזער נויט. זיי פלעגן אַרויפטראָגן אַן עמער וואַסער, אַ פּאָר לעבלעך ברויט. אין דער דירה איז אַפילו קיין וואַסערלייטונג ניט געווען. מיר האָבן זיך טאָקע עטלעכע טעג געשפּייזט נאָר מיט ברויט און וואַסער, קיין אַנדערע פּראָדוקטן זיינען נאָך אין שטוב ניט געווען. אויפן צווייטן טאָג, נאָכמיטאָג, איז מען טאָקע געקומען פון דער קהילה און געמאָלדן מיר זאָלן מיט גוטן פאַרלאָזן די דירה און אויב ניט וועלן זיי אונדז אַנגעבן אין געריכט. מיר האָבן די דירה ניט פאַרלאָזן און די יידישע כּלל־טוער האָבן אונדז אָנגעגעבן אין געריכט. מיר זיינען געווען זיכער אין אונדזער גערעכטער זאַך און האָבן זיך ניט געשראָקן פאַרן משפּט.

מיר האָבן זיך ענערגיש גענומען צו דער אַרבעט און אונדזערע אויסאַרבעטונגען האָבן געהאַט גרויס דערפאָלג. דאָס האָט, פאַרשטענדלעך, צוגעצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון דער יידישער אינטעליגענץ און מ׳האָט גענומען זיך אַלץ מער צו אונדז דערנענטערן. מיר האָבן באַשלאָסן גרייטן אַ פאָרשטעלונג לכבוד אונדזער נייער היים. די פאָרשטעלונג האָט געדאַרפט ווערן צוגעטראַכט נאָר דורך די קינדער. דער ציל איז געווען ניט נאָר דער עצם יום־טוב, נאָר אויך צו וויַיזן מיט וואָס עס אָטעמט דאָס פאַרוואָרלאָזטע קינד. וועגן דער פאָשטעלונג שרייבט דניאל טשאַרני אין זיין בוך „אַ ליטוואַק אין פּוילן״.

די פאָרשטעלונג לכבוד דער נייער היים

סיי די טעמע, סיי די פאָרעם האָבן געשאַפן די קינדער גופא. איך האָב געוווּסט ווי שטאַרק עס וועט זיין די קריטיק פונעם עולם: לערער, שרייבער און בכלל פון דער ווילנער אינטעליגענץ. קיין זאַך האָט אָבער ניט געקענט ביישטיין מיין ווילן צו זען מיינע קינדער אין זייער גאַנצער גייסטיקער נאַקעטקייט. אַחוץ דעם, האָב איך געוואָלט זיי געבן דאָס געפיל פון שטאָלץ, אַז זיי זיינען די איינציקע שעפער און אָרגאַניזאַטאָרן פון דעם גרויסן יום־טוב. כ׳האָב געוואָלט זען דעם פרייען אויסדרוק פון אַלע פאַר־זיטיווע און נעגאַטיווע כוחות.

די טעמע איז געווען: „אונדזער נייע היים". אין ערשטן אַקט שילדערן זיי זייער אַלטן לעבנסשטייגער, זייערע פלענער, זייערע „פרנסות" (מ׳שרייט אויס אויף די גאַסן דאָס ביסל סחורה, וואָס מ׳טראָגט אַרום), זייערע שמועסן צווישן זיך און קריגערייען. דער צווייטער אַקט שילדערט זייער ניי לעבן: די אַרבעט אין די וואַרשטאַטן, די פאָרעם פון לעבן אין אַ קינדער־רעפּו־בליק, די זיצונגען, דיסקוסיעס און באַשלוסן. אויף איינער פון די זיצונגען ווערט צוו. אַנד באַשלאָסן אַרויסצושיקן אַ יינגל אין מאַרק מיט דער פּאַר־טיקער פּראָדוקציע, וואָס איז באַשטאַנען פון טאַבאַרעטקעס, פּאָליצקעס און פיין באַגילדעטע וואַזעס, וואָס מיר פלעגן מאַכן פון צעבראָכענע פלע־שער. נאָכן פאַרקויף, ווען דאָס יינגל דערפילט אין זיין האַנט גאַנצן 11 זלאָטעס, פאַרלירט ער זיין מאָראַלישע גלייכגעוויכט און אַנטלויפט מיטן געלט. ער קערט זיך צוריק צו זיין פריערדיק לעבן, צו זיין מאַלינע, צו זיין פריערדיקער חברה און פלוצים דערשפּירט ער, ווי אַלץ איז אַנדערש. ער האַלט אויס קוים איין וואָך און קומט בעטן מחילה. ער איז צעבראָכן און דערשלאָגן און איז גרייט צו נעמען אויף זיך יעטוועדע שטראָף פון קאָלעקטיוו און זאָגט אויך צו אויסצוצאָלן יעדע וואָך, אויפן חשבון פון די פאַרשוועדעטע 11 זלאָטעס, צו 25 גראַשן, וואָס ער פלעגט באַקומען פון זיינעם אַ פעטער, אַבי מ׳זאָל אים אַריינעמען צוריק אין דער היים. אויף דער סצענע קומט פאָר אַ משפט פון די קינדער איבער זייער גע־וועזענעם חבר, וועלכער איז אויך געווען אַ מיטגליד אין דער פאַרוואַלטונג.

נאָך אַ לאַנגן וויכוח ווערט באַשלאָסן אים מוחל צו זיין דאָס ערשטע מאָל און אים אַנגעמען אין דער היים, אָבער שוין ניט אין דער פּאַרוואַלטונג. דאָס יינגל צעוויינט זיך פאַר פרייד. דער פּאַרהאַנג פאַלט.

אין דריטן אַקט שטעלן זיי פאָר ווי זיי באַשליסן זיך אַרויסלאָזן אין דער ווילנער אונטערוועלט צו ווערבירן נייע קינדער פאַר זייער קינדער־רעפּובליק. זיי האָבן דערפאָלג אין זייער אונטערנעמונג, און די ווילנער גאַסן ווערן כמעט אָפּגערייניקט פון די גאַסן־קינדער, גנבים און שנאָרער.

צו דער פאָרשטעלונג איז געקומען די גאַנצע יידישע אינטעליגענץ און אויך אייניקע פון די עלטערן, וועלכע האָבן שלום געמאַכט מיטן גורל פון זייערע קינדער און געקומען שעפּן אַ ביסל נחת. צו די דאָזיקע עלטערן פלעגן מיר שיקן די ערשטע איינלאַדונגען און פלעגן רעזערווירן פאַר זיי די בעסטע פלעצער.

אין יענער צייט איז אין פּוילן פּראָקלאַמירט געוואָרן אַן אַמנעסטיע, און אָט האָט אַ יינגל, אַן אָנטיילנעמער אין דער פאָרשטעלונג, דערזען פון דער סצענע, ווי ס'איז אַריין אין זאַל זיין טאַטע, אַ קעשענע־גנב, וועלכער איז נאָר וואָס באַפרייט געוואָרן פון תפיסה. ער איז געוואָרן בלאַס און איז צוגעלאָפן צו מיר הינטער די קוליסן און אָנגעזאָגט מ'זאָל היטן די קעשע־נעס, ווייל זיין טאַטע איז דאָ...

איך האָב גלייך איבערגעגעבן די ידיעה צו אַ חבר און דער חבר האָט דעם טאַטן מיט גרויס כבוד איינגעלאַדן זיך זעצן אויף דער ערשטער באַנק. ווען דאָס יינגל האָט דערזען, אַז דער פאָטער איז איינגעאָרדנט, האָט ער זיך באַרויִקט און זיין ראָל געשפּילט נאָך בעסער ווי פריִער.

נאָך דעם געלונגענעם אָוונט האָט מיט אונדז געקלונגען די גאַנצע שטאָט, אַלע צייטונגען האָבן באַשריבן די דערגרייכונגען און די ענדערונג צום גוטן פון די קינדער.

די קהילה־פאָרשטייער, וועלכע האָבן זיך געגרייט צו באַגעגענען מיט מיר די צווייטע וואָך אין געריכט־זאַל, האָבן זיך דערשפּירט אומבאַקוועם. זיי האָבן צוריקגעצויגן זייער געריכט־אָנקלאַגע, ווייל דאָס האָט געקענט נאָך בולטער אַנטפּלעקן זייער גלייכגילטיקע באַציונג צום גורל פון די קינדער, ניט נאָר פאַר דער יידישער געזעלשאַפט, נאָר אויך פאַר דער

פוילישער — און פאַר דעם האָבן זיי מורא געהאַט פיל מער, ווי פאַר זייער געוויסן.

אַ שטורמישע זיצונג

נאָך דער פאָרשטעלונג האָבן זיך אָנגעהויבן מיט אונדז צו אינטערעס־סירן אַ סך נייע פריינד. פּלוצים האָט מען דערזען אונדזער אָרעמקייט און מ׳האָט אָנגעהויבן אַריינברענגען אונדז אַלטע בעטלעך. פון אַ פאַבריק האָט מען אונדז צוגעשיקט דעקן זיך צוצודעקן.

די געטרייסטע און טעטיקסטע טוערין פאַר אונדזער היים איז געווען פרוי ד״ר ראַף. זי פלעגט ניט רוען; געהאַט אונדז אויפן געוויסן, געפילט זיך מיטשולדיק דערין, וואָס מיר לעבן נאָך אין אַזאַ אָרעמקייט. זי פלעגט ניט דורכלאָזן קיין פריינד, וועלכער האָט זיך נאָך ניט באַשטייערט מיט וואָס עס איז פאַר דער היים.

ווען מיר זיינען שוין געווען אַ ביסל איינגעאָרדנט אין אונדזער היים און אָנגעהויבן לעבן אָן שרעק, אַז די קהילה קען אונדז אַרויסוואַרפן, האָבן מיר אָנגעהויבן טראַכטן ווי אַזוי צו אַרבעטן, כדי צו פאַרדינען כאָטש אַ מינימום צום לעבן און ניט דאַרפן אָנקומען צו די אַלטע פרנסות. די שטיצע, וואָס מיר פלעגן באַקומען פון דער „געזעלשאַפט פאַר ספּעציעלער דערציִונג״, האָט ניט געדעקט אַפילו קיין פערט־חלק פון די אויסגאַבן.

כדי צו פאַרגרעסערן די פאַרדינסטן איז באַשלאָסן געוואָרן אָפּצוגעבן מער צייט די אויסאַרבעטונגען פון שטרוי און דיקט און נעמען טראַכטן וועגן אַ פאַך פאַר דער צוקונפט. צוליב דער שווערער מאַטעריעלער לאַגע איז באַשלאָסן געוואָרן צו לערנען נאָר איין פאַך, סטאָליעריי, און ניט טראַכטן גלייכצייטיק וועגן שלאָסעריי ווי עס האָבן געפאָדערט יענע, וואָס האָבן געהאַט אַ נייגונג צו שלאָסעריי.

נאָך דער עקאָנאָמישער פראַגע האָב איך אַרויסגעהויבן די פראַגע פון בילדונג: זיך אויסלערנען אָנשרייבן אַ בריוו, לייענען אַ צייטונג, אַ

בוך און בכלל אָנהייבן זיך אינטערעסירן מיט קולטור־געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען, ווי עס פּאַסט פאַר מענטשן וואָס לעבן פון ערלעכער אַרבעט.

די ערשטע פראַגע איז דורך די קינדער אויפגענומען געוואָרן מיט פאַרשטענדעניש און ערנסטקייט. ס׳איז אַפילו באַטראַכט געוואָרן אַ פאָר־שלאַג צי ס׳איז כדאי אָפּצוגעבן אייניקע קינדער צו מייסטערס, כדי צו לערנען אַ פאַך. ס׳איז אָבער באַשלאָסן געוואָרן, אַז עס לוינט ניט, ווייל די פּריוואַטע מייסטערס פלעגן זייער אויסנוצן די לערניינגלעך צו פאַר־שידענער שטוב־אַרבעט, אַנשטאָט זיי צו לערנען דאָס פאַך. ס׳איז אויך גענומען געוואָרן אין אַכט דער אונטערשייד פון לעבנס־ניווֹאָ פון די מייס־טערס קינדער און די קינדער פון אונדזער אָרעמען לעבנסשטאַנד, וואָס קען אַרויסרופן קנאה און פירן צו רעצידיוון. — בעת דער צווייטער פונקט פון בילדן האָט אַרויסגערופן אַ טומל:

— לערנען, בשום אופן ניט! — האָבן זיי געשריען. — וואָס, איר ווילט אונדז מאַכן פאַר אינטעליגענטן? אונדזער אַרבעט וועלן מיר מאַכן אָן דיפּלאָמען.

אָנקוקנדיק די צעפלאַקערטע פּנימער פול מיט שנאה, הערנדיק די קללות אויפן חשבון פון די לערער און שילער, האָבן איך פאַרשטאַנען, אַז איך האָב געעפנט אַ ניט פאַרהיילטע וווּנד. איך האָב פאַרזיכטיק אַ פרעג געטאָן, צי האָט עמעצער פון זיי שוין באַזוכט אַ מאָל אַ שול. דער ערשטער, וועלכער האָט זיך געאיילט צו ענטפערן איז געווען אַרקע. ער האָט דער־ציילט:

— איין מאָל, ווען דער טאַטע האָט נאָך געלעבט, איז געקומען עפּעס אַ באַאַמטער און געמאָלדן, אַז אויב מ׳וועט מיך ניט שיקן אין שול וועלן מיינע עלטערן צאָלן שטראָף. מיין מאַמע האָט זיך שטאַרק דערשראָקן און גלייך אויף מאָרגן מיך פאַרשריבן אין תלמוד־תורה. אַכט יאָר בין איך דאַן אַלט געווען, ווען איך בין אַריינגעפאַלן אין מיין ערשטער טורמע. פאַר יעדן וואָרט, וואָס מ׳פלעגט אַרויסרעדן אויף דער לעקציע, פלעגט דער לערער שלאָגן מיט אַ ליניקע איבער די הענט. ווען מ׳האָט זיך צוויי מאָל פאַרזינדיקט פלעגט מען אַרויסטרייבן פון קלאַס. מאַכן די לעקציעס אין שטוב האָב איך ניט געקענט — ס׳איז ניט געווען קיין עלעקטריע און ניט

קיין לאָמפּ. אַחוץ דעם, אַז מ׳שטייט אויפן הויף ווייסט מען דאָך ניט וואָס דער לערער האָט דערקלערט און אין שטוב איז ניט געווען וועמען עפּעס צו פרעגן. אויף צו מאָרגנס אין שול, פלעג איך אויסער „גולם״, „הילצערנער קאָפּ״, גאָרניט מער ניט הערן.

אַרקעס אינטעליגענץ־נאָרמע איז געווען ניט העכער פון 65, דערצו איז ער נאָך געווען אַ ביסל טויבלעך. געפאָדערט פון אים האָט מען ווי פון אַ נאָרמאַל קינד, וואָס לעבט אין נאָרמאַלע באַאינגונגען.

גלייך נאָך אַרקעס אַריינגיין אין תלמוד־תורה איז זיין פאָטער דער־שטאָכן געוואָרן, ס׳איז שוין ניט געווען מיט וואָס צו צאָלן קיין דירה־געלט. די משפחה איז גלייך געבליבן אָן חיונה און אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ. ער דערציילט: „אויפן הויף איז געווען אַן איינגעפאַלענער קלאָזעט, האָבן מיר אים אויסגערייניקט און דאָרט זיך אַריינגעקליבן״. ס׳איז קלאָר אין וואָסערע שווערע באַדינגונגען ער האָט געלעבט. ער איז אַנטלאָפן פון תלמוד־תורה מיט דער גרעסטער שנאה צום לערנען. אַרקע האָט אָנגעהויבן האַנדלען אויף דער גאַס און זיך שולן אויף אַלע געביטן פון גאַסן־לעבן. עס פלעגן שוין טרעפן ביי אים גוטע טעג און ער פלעגט מיט פרייד אַוועקטראָגן זיין האַרץ־קראַנקער מאַמען און שוועסטער זיין פאַרדינסט. ער פלעגט אויך טיילן דעם לעצטן ביסן מיט דער גאַסן־חברה. חברה האָט אים ליב געהאַט, אָבער זיי פלעגן אויסנוצן זיין גוטסקייט צוליב זיין אָפּגעשטאַנענקייט.

נאָך אַרקען האָט חייקל דערציילט וואָס ער האָט דורכגעלעבט במשך זיין האַלב יאָר שוללעבן:

— ביי מיר איז אויך געשען דאָס זעלבע. דער באַאַמטער האָט אויך מיין מאַמען איבערגעשראָקן און זי האָט מיך פאַרשריבן אין שול. קיין שיך האָב איך ניט געהאַט, קיין בגדים אויך ניט. איז די רייכע זינדלעך ניט געפעלן דער ריח פון מיינע בגדים. און אַז גאָט פלעגט נאָך געבן, אַז עס פלעגן אַ שפּאַציר טאָן עטלעכע לייז, פלעגן זיי אַנטלויפן פון מיר ווי פון אַ קרעציקן הונט. דער לערער פלעגט אויך ניט זשאַלעווען קיין גיפ־טיקע ווערטער: „וואָס הייסט, ווי קומט מען עס אַזוי שמוציק אין שול?״. דאַן פלעג איך טראַכטן אין האַרצן און בעטן גאָט, אַז ער זאָל נאָך דערלעבן

צו אַזאַ שטאַנד ווי מיינער, וועט ער וויסן פאַרוואָס מ׳קומט שמוציק אין שול.

חייקלס משפחה איז באַשטאַנען פון טאַטע־מאַמע און זעקס קינדער. אין דעם איינציקן צימער אָן עלעקטריע און וואַסערלייטונג, פלעגן נאָך פאַרקומען די באַראַטונגען פון די גנבים און דער קאָרטנשפּיל. חייקלס מאַמע איז אַלע מאָל געווען צו זייער דינסט... זיי פלעגן אָנשיכורן זיין טאַטן, אַריינוואַרפן אים אין קעמערל און טאָן מיט דער מאַמען אַלץ, וואָס זייער האַרץ האָט געגלוסט. דער טאַטע איז ניט פעיִק געווען צו די „פּרנסות" און טאַקע ניט געקענט געבן זיין משפחה קיין חיונה. ער איז געווען פאַרביטערט אויף דעם ווייבס „פּרנסה", אָבער ניט געקענט זיך העלפן, ווייל אויך ער האָט פון דעם געלעבט.

אַז חייקל איז אַלט געוואָרן 7 יאָר איז ער אַנטלאָפן פון שטוב. ער האָט אָנגעהויבן פאַרשטיין וואָס עס קומט פאַר מיט זיין מוטער. ער האָט ניט געוווּסט, וואָס דער מאָרגן וועט אים ברענגען. דאַן איז ער אויך פּטור געוואָרן פון דער שול און האָט אָנגעהויבן לעבן מיט אַרקען אין דער „מאַלינע". די פּראַגע לימודים האָט אויפגעוועקט זיינע טרויעריקע זכרונות פון יענע יאָרן און ער האָט ממש געשפּיגן מיט פייער.

נאָך חייקלען האָבן נאָך געשריִען יאַשקע, הערצקע און אַנדערע. די שווערסטע אַרבעט זיינען זיי גרייט צו טאָן, אָבער ניט לערנען.

אויסהערנדיק דאָס אַלץ האָב איך אָנגעהויבן באַנעמען, ווי ווייט איך בין נאָך צו פאַרשטייך, וואָס עס קומט פאַר אין אונדזערע קינדערישע נשמות. מיר מוזן נאָך לאַנג לערנען, ווי אַזוי מ׳דאַרף צוגיין צו זיי, ניט פאַרשאַפנדיק די קינדער קיין נייע יסורים. איך האָב באַשלאָסן ניט צו באַרירן די פּראַגע לימודים אַזוי לאַנג ביז דאָס לעבן אַליין וועט דערצו ניט צווינגען. מיר האָבן פאַרגעזעצט די זיצונג און זיך פאַרטיילט מיט די פונקציעס: אַ סאַניטאַר, אַ פאַראַנטוואָרטלעכער פאַרן מאַגאַזין, פאַר די מכשירים פון סטאָליערײַ און שטרוי־אַרבעט, צוויי פאַרקויפער פון אונדזער פּראָדוקציע, צוויי אָרדנער פאַר דער קיך און צוויי אָרדנער פאַרן רייניקן די דירה. עס איז אויך באַשלאָסן געוואָרן, אַז די אָרדנער,

וועלכע ענדיקן פריִער זייער רייניקונגס־אַרבעט, זאָלן קומען העלפן ביי דער שטרוי־אַרבעט. יעדן חודש בייט מען זיך מיט די פונקצעס.

— וואָס וועט זיין אויב עמעצער וועט ניט וועלן אויספירן זיינע פליכטן? — האָבן געפרעגט איסער און חייקל.

— אויב זיי וועלן ניט אויספירן פאַר אונדז וועלן מיר ניט אויספירן פאַר זיי.

זשאַמקע רופט זיך אָן:

— אויב עמעצער וועט מאַכן פאַלשע שטיק און ניט אויספירן זיין פליכט דאַרף ער קריגן קלעפּ פון גאַנצן קאָלעקטיוו.

— אויף קלעפּ בין איך ניט מסכים. יעדער איינער נעמט זיין פליכט פרייוויליק, ווייל ער וויל העלפן די, וואָס העלפן אים. דעריבער מיין איך, אַז מיר דאַרפן איצט ניט טראַכטן וועגן שטראָפן.

דערמיט איז די זיצונג געשלאָסן געוואָרן.

„אַ קאָמוניסטישע נעסט"

בעת צו די פּוילישע מאַכט־אָרגאַנען איז דערגאַנגען די ידיעה וועגן דער עקזיסטענץ פון אונדזער היים, זיינען זיי געווען זיכער, אַז דאָס איז אַ קאָמוניסטישע נעסט, ווייל קיינער האָט זיך אַפילו ניט געווענדט צו זיי וועגן אַ לעגאַליזאַציע. ווי איז אָבער מעגלעך געווען זיך צו ווענדן, ווען אין אונדזער היים איז נאָך ניט געווען קיין מעבל, קיין כלים, קיין בגדים און וועש. אַפילו קיין פּערסאָנאַל ניט צו דער אַרבעט. ווער וואָלט עס אונדז געגעבן אַ דערלויבעניש? דער אָנגענומענער יסוד פאַר אַ גוט אָוועקגעשטעלטער היים איז געווען פריִער פון אַלץ — אַ גוטע אויס־שטאַטונג.

מיין יסוד איז געווען אין גאַנצן אַן אַנדערער: ניט קומען אויפן פאַרטיק, נאָר שטייגן צוזאַמען מיט דער אַלגעמיינער גייסטיקער און

שעפּערישער אַרבעט פון די קינדער. איך האָב געזען דאָס גליק פונעם קינד ניט אינעם באַקומען אַלץ גרייט, נאָר דווקא אין זעלבסטשאַפונג. פאַר דעם פאַרוואָרלאָזטן קינד, וואָס האָט קיין מאָל ניט געהאַט דאָס גליקלעכע געפיל פון זיין אַ העלד אין זיין שעפערישקייט און האָט גע־זוכט צו דערגרענצן דעם פאַרלוסט דורך נעגאַטיווע „העלדנטאַטן", דווקא פאַר אים איז די זעלבסטשאַפונג וויכטיקער ווי פאַר יעדן אַנדערן נאָר־מאַלן קינד.

ס׳איז קלאָר, אַז דאָס אַלץ צוזאַמען האָט ניט דערמעגלעכט צו באַ־קומען קיין לעגאַליזאַציע פאַר אונדזער היים. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ שפּיאָנירונג נאָך אונדזער יעדן טראָט — די מאַכט האָט זיך געוואָלט דערוויסן מיט וואָס מען פאַרנעמט זיך אין דער דאָזיקער „נעסט".

געווען איז עס דאַנערשטיק, זעקס אַ זייגער אין דער פרי, ווען מיר אַלע זיינען געשטאַנען מיט באָרוועסע פיס און געוואַשן די טירן, פענצטער און פאַדלאָגעס. יעדן דאָנערשטיק פלעגן מיר באַקומען אַן אומזיסטע הייסע באָד פאַר די קינדער און טאַקע צוליב דעם פלעגן מיר די גענע־ראַלע רייניקונג מאַכן פאַר דער באָד.

פּלוצים הערן מיר אַ שטילן קלאַפּ אין טיר. זשאַמקע האָט אויפגע־עפנט די טיר און עפּעס אַ מאָדנער פאַרשוין איז אַריינגעקומען אין קאָ־רידאָר און געבעטן רופן דעם דירעקטאָר. זשאַמקע האָט מיט פאַרוווּנדע־רונג מיר געזאָגט, אַז עפּעס בעט ער אַ דירעקטאָר. איך האָב אַוועקגע־לייגט די שייער־באַרשט און בין מיט די באָרוועסע פיס אַרויס אים פרעגן וואָס ער וויל. ער האָט מיר געזאָגט, אַז ער איז דער פּראָקוראָר פון קינדער־געריכט און ער וויל זען דעם דירעקטאָר. מיט אַ שמייכל האָב איך זיך פאָרגעשטעלט פאַר אים און געבעטן אַנטשולדיקונג פאַר מיין ניט עסטעטישן אויסזען. ער האָט מיך אָנגעקוקט מיט פאַרוווּנדערונג און אַ ווילע געשוויגן. איך האָב אים איינגעלאַדן אין קאַנצעלאַריע זיך זעצן. די קאַנצעלאַריע איז געווען אויסגעשטאַט מיט אַ צעבראָכן שרייבטישל, צוויי טאַבאָרעטקעס פון אייגענער אויסאַרבעטונג און אונדזער היסטאָ־רישע שאַפקע. איך האָב אים מיט שטאָלץ דערציילט, אַז דאָס איז אונ־דזער אייגענע פּראָדוקציע. איך האָב אים אויך דערציילט, וואָס פאַר אַ

וויכטיקער טאָג ס׳איז פאַר אונדז דאָנערשטיק און בכלל אַ ביסל וועגן אונדזער לעבן.

נאָך אַ לאַנגן שווייגן און פאַרשערישן בליק, האָט ער צו מיר מיט חניפה אַ זאָג געטאָן:

— אמת, אַז אָן אַ גרויסן אידעאַל קען מען אַזאַ אַרבעט ניט אויס־פירן?

— געוויס, מ׳מוז ליב האָבן און גלייבן אין מענטשן, אָן דעם איז ניט מעגלעך קיין דערפאָלג — האָב איך אים געענטפערט.

איך קוק אים גלייך אין די אויגן און זע זיין אומצוטרוי צו מיר. איך טו אים אַ פרעג אָן צערעמאָניעס:

— איר מיינט אַוודאי, אַז איך בין אַ קאָמוניסטקע און וויל די קינדער אויסנוצן פאַר מיינע צוועקן?

— יאָ! — ענטפערט ער אומדרייסט. און וועלנדיק מיך קאָמפּענסירן פאַר דער גרויסער באַליידיקונג, גיט ער צו — אָבער דו טוסט אַ גרויסע זאַך!

איך קוק אים אָן מיט ביטול און ענטפער אים, אַז אויב די קינדער וואָלטן שוין געווען אין אַזאַ מצב, אַז מען וואָלט זיי געקענט אָנפאַרטרויען אומלעגאַלע אַרבעט, וואָלטן זיי זיך שוין ניט געניטיקט ניט אין מיין הילף און ניט אין זיין הילף. דערביי האָב איך צוגעגעבן, אַז ער קען די קינדער ניט ערגער פון מיר, ווייל ניט איין מאָל איז אַ גרויסער טייל פון זיי געשטאַנען פאַר זיין געריכט. ווי איז עס מעגלעך צו דערלאָזן אַזאַ חשד?

ער האָט זיך טאַקע אַ ווײַלע פאַרטראַכט און צוגעגעבן, אַז זיי האָבן טאַקע וועגן דעם ווייניק געטראַכט, און ער האָט מיך באַשאָנקען מיט אַ פריינדלעכן שמייכל.

נאָכן שטעלן מיר צענדליקער פראַגן און נאָכן באַקוקן אונדזער גרויסע אָרעמקייט, האָט ער גרויסמוטיק צוגעגעבן, אַז ער וועט רעפערירן וועגן דעם אין דער שטאָט־פאַרוואַלטונג און וועט פאָדערן פון דער אָפּטיילונג פאַר סאָציאַלער פאַרזאָרגונג מ׳זאָל אונדז צוטיילן שטיצע.

אין אַ קורצער צייט אַרום איז אונדזער היים אָנערקענט געוואָרן

פֿאַרמעל פֿון דער אָפּטיילונג פֿאַר סאָציאַלער פֿאַרזאָרגונג און מיר האָבן באַקומען שטיצע נאָר פֿאַר די קינדער, וואָס זיינען שוין געוואָרן פֿאַר־האַלטן דורך דער פּאָליציי. די קינדער, וואָס האָבן געקענט דאָס „פּאַך" בעסער און האָבן זיך אויסגעהיטן פֿון דער פּאָליציי, האָבן קיין שטיצע ניט באַקומען. אַזוי אַרום האָבן מיר באַקומען שטיצע נאָר פֿאַר אַ העלפֿט קינדער. צוזאַמען מיט דער אָנערקענונג איז אויף מיר אַרויפֿגעלייגט געוואָרן אַ פֿליכט מיטצואַרבעטן מיטן קינדער־געריכט. יעדן צווייטן מיטוואָך האָב איך געמוזט זיין אָנוועזנדיק אין געריכט. די יוגנטלעכע וועלכע איך האָב געהאַלטן פֿאַר פּאַסיק פֿאַר אונדזער היים, האָב איך געהאַט די רעכט זיי אַריינצונעמען אין אונדזער היים.

ניט אַלע מאָל האָב איך געהאַט די מעגלעכקייט אָװעקצוגיין און איבערלאָזן די חברה אויף דער השגחה פֿון אַ פּאָר עלטערע יינגלעך אָדער אויף אַ צופֿעליקן חבר, וועלכער פֿלעגט קומען מיך פֿאַרבייטן אויף אַ פּאָר שעה. און אָט איז אַ מאָל געשען, אַז איך בין ניט געקומען און דער דער ריכטער האָט אָן מיר באַשלאָסן, אַז דער פֿאַרמשפּטער איז פּאַסיק פֿאַר אונדזער היים. אַ פּאָליציאַנט האָט אַוועקגעפֿירט דאָס יינגל צוזאַ־מען מיט די אַקטן צו אונדז.

אַ פּאָליציאַנט ברענגט יודקען

ווען דער פּאָליציאַנט איז אַריין מיטן יינגל, זיינען מיר אַלע געזעסן ביי שטרוי־אַרבעט. מיר האָבן זיך געאיילט אַרויסצוענדיקן אַ באַשטע־לונג. ווען די חברה האָט דערזען דאָס יינגל, האָבן זיי אָנגעהויבן שרייען: „האָ, יודקע שנאָרער איז שוין דאָ?" איך האָב איינגעלאַדן דעם פּאָלי־ציאַנט מיט יודקען אין קאַנצעלאַריע און בעטנדיק ביי אים די אַקטן, געהייסן אים צוואַרטן ביז איך וועל זיך באַראַטן מיט די קינדער, ווייל אָן זייער הסכמה נעמען מיר ניט אָן קיין ניי קינד אין אַנשטאַלט. דערהערנדיק דאָס, האָט דער פּאָליציאַנט שיר ניט באַקומען אַ האַרצ־

שלאָק. זיי האָבן זיך דאָך געהאַלטן פאַר גאַנצע גענעראַלן, דאַרף ער גאָר וואַרטן ביז די זשידלאָקעס־גנבים וועלן באַשטימען אָנצונעמען אָדער אָפּצוואַרפן דעם באַשלוס פון הויכן פּוילישן געריכט? עס האָט אים גע־וואָרפן ווי אין קדחת. איך האָב געפּרוווט אים אויפקלערן, אַז אויב איך וועל אָננעמען קינדער אין זייער משפּחה קעגן זייער ווילן וועלן די ייִנג־לעך זיי פּייניקן און במילא מיר ניט העלפן אין מיין אַרבעט פון רעהאַבי־ליטאַציע. מיינע אַלע דערקלערונגען זיינען אָבער ניט דערגאַנגען צו זיין צעהיצטן קאָפּ. ער קען בשום אופן ניט באַגרייפן, ווי קען דאָס זיין, אַז אַ דירעקטאָר פון אַן אַנשטאַלט זאָל זיך אַפילו נעמען דאָס רעכט ניט אָנ־צונעמען אַ קינד, וואָס דאָס געריכט האָט אַזוי באַשטימט, אָן דער הסכמה פון די גנבים?

איך האָב אים געלאָזן זיך היצן און בין אַריין מיט די אַקטן צו די קינדער. צונויפגערופן אַן עקסטראַ זיצונג און וויל זיי איבערלייענען די אַקטן פון אויספאָרשונג־ריכטער. הייבט זיך אָן אַ געשריי פון אַלע זייטן: „בשום אופן ניט! מיר וועלן מיט יודקען צוזאַמען ניט זיין. יודקע איז ניט נאָר אַ שנאָרער, ער איז אויך אַ מסור!" יעדער האָט צו דערציילן עפּעס אַ פאַקט, וואָס ער האָט איבערגעלעבט מיט יודקען. אַלע זאָגן עדות אויף דעם נידעריקן מאָראַל זיינעם. די לעצטע דערציילונג פון איסערן האָט מיך פולשטענדיק איבערצייגט, אַז זיי קענען דערוויל בשום אופן ניט לעבן מיט אים צוזאַמען.

איסער האָט דערציילט אָט וואָס: יודקע האָט בכלל ניט געהערט צו זייער בראַנזשע, ער איז געווען אַ שנאָרער, און גנבים האָסן די שנאָרערס מער ווי אַ פּאָליציאַנט. אָבער איין מאָל איז ער געקומען אין זייער „מאַ־לינע" אַ צעבלוטיקטער און דערציילט, אַז זיין שטיפמאַמע האָט אים געשלאָגן, ווייל אַנשטאָט שטיין ביים קינאָ און שנאָרן, האָט ער זיך אַריינ־געגנבעט אין קינאָ־זאַל און געזען דעם פילם. ער איז געווען אַזוי צעשלאָגן, אַז ס'איז געווען אַ רחמנות אויף אים צו קוקן.

— איך, גולם, האָב אַנגעהויבן בעטן חברה זאָל אים אַריינגעמען צו אונדז אין „מאַלינע" — דערציילט ווייטער איסער. — די יאַטן האָבן ניט געוואָלט מסכים זיין. אָבער גנבים האָבן אַ גוט האַרץ און מ'האָט אים

אַריינגענומען און זיך געטיילט מיט אים מיטן לעצטן ביסן. אין עטלעכע טעג אַרום האָבן מיר געדאַרפט אַדורכפירן אַ שטיקל אַרבעט און ער האָט געדאַרפט בלויז היטן. אָט האָט ער געהיטן: ווי נאָר ער האָט דער־זען אַ „מענטש" (פּאָליציאַנט), האָט ער אָנגעהויבן אַנטלויפן אַנשטאָט אונדז צו געבן אַ סימן. די מענטש האָט זיך אַ יאָג געטאָן נאָך אים און נאָך די ערשטע פּאָר קלעפּ האָט ער באַלד אויסגעזאָגט ווו מיר זיינען. עס גייט ניט, לערעריז, אין די קלעפּ וואָס מיר האָבן אַריינגעכאַפּט, נאָר אין פּאַרדרוס, אַז מ׳קען אַזעלכעס אָפּטאָן אַן אייגענער חברה, וואָס טיילט זיך מיט דיר מיטן לעצטן ביסן.

ווען איך בין כמעט נאָך אַ שעהדיקער זיצונג אַריין אין קאַנצעלאַריע מיט אַ נעגאַטיוון ענטפער, איז דער פּאָליציאַנט גרייט געווען אונדז אַלע־מען דורס צו זיין. מיט שוים אויף די ליפּן האָט ער געשריען, אַז מ׳דאַרף אַ סוף מאַכן מיט דער קאָמוניסטישער פאַרברעכער־באַנדע. ער האָט אַ כאַפּ געטאָן יודקען ביים קאָלנער און איז אָן אַ „גוטן טאָג" אַרויס פון צימער.

עקסטראַ־זיצונג אין פּוילישן געריכט פאַר קינדער

ווען דער פּאָליציאַנט האָט צוריקגעבראַכט יודקען מיט אַלע אַקטן און דערציילט אויף זיין שטייגער, וואָס עס קומט פאַר ביי אונדז אין דער הייב, האָבן זיך אָנגעהויבן די הויכע פּוילישע יוסטיץ־באַאַמטע צו באַאומרויקן און מיך אַרויסגערופן צו אַ פאַרברייטערטער זיצונג פון ריכטער, אַדוואָ־קאַטן און פּראָקוראָרן, ווו איך האָב געדאַרפט רעפערירן וועגן דער פּאָליטיק פון מיינע אַרבעטס־מעטאָדן, באַרירן דעם צוגאַנג מיינעם צו רעליגיע און נאָך... עס זיינען מיר געשטעלט געוואָרן הונדערטער פראַגן און קרייץ־פראַגן, כדי מיך אַרויסצופירן פון גלייכגעוויכט. אויף אַלעם האָב איך געענטפערט מיט רויִקייט און זיכערקייט אין מיין וועג ווי איך וואָלט געזעסן צווישן פריינד.

די זיצונג האָט געדאַרפט באַשליסן, צי איז עס טאַקע אַ דערציִונג־אַנ־

שטאַלט, אָדער אַ קאָמוניסטישע נעסט. אַ סך פון מיינע דערציִערישע מע־טאָדן איז דורך אַ גרויסער צאָל יוריסטן אויפגענומען געוואָרן מיט פאַר־שטענדעניש, אָבער בנוגע איין פראַגע האָבן זיי געהאַט ספיקות: ווי אַזוי קען מען איבערדערציִען קינדער אָן רעליגיע?

ווען זיי האָבן געזאָגט רעליגיע, האָב איך זיי אויסגעבעסערט, אַז זיי טראַכטן מן הסתם וועגן דאָגמען, ווייל אויך רעליגיע פאַרנעמט אין אונדזער דערציִונג־סיסטעם אַ וויכטיק אָרט — און טאַקע דער וויכטיקסטער יסוד פון רעליגיע, ווי ליב האָבן דעם חבר ווי זיך זעלבסט און העלפן איינער דעם אַנדערן אין אַ שווערער מינוט. איז דען נאָך פאַראַן עפּעס העכערס אין דער רעליגיע, ווי דאָס? וואָס שייך דאָגמען? האָב איך זיי דערקלערט, אַז אין דער ערשטער פאַזע פון דערציִונג קען עס אַפילו ניט קומען אין באַטראַכט, ווייל קינדער, וואָס האָבן אין זייער לעבן ניט פאַרזוכט דעם טעם פון ליבע, וואַרעמקייט און די פרייד פון קינדער־שפיל, קענען ניט גלייבן אין גאָט אָדער מענטש. זיי באַציִען זיך מיט אַכזריותדיקער אויסלאַ־כערישקייט צו גלויביקע. און פאַרוואָס טאַקע זאָלן זיי גלייבן? ווער האָט זיי אויסגעשטרעקט אַ האַנט, ווען זיי זיינען אַרומגעגאַנגען הונגעריק און אָפּגעריסן אין זייערע פריסטע קינדער־יאָרן און נאָך ניט געוווּסט דעם וועג ווי אַזוי זיך צו ראַטעווען פון בויט.

איך האָב זיי דערציילט איינעם פון דער גרויסער צאָל ביליקע וויצן, וואָס קורסירן צווישן אָט די קינדער און זאָגן עדות וועגן זייער באַציִונג צו געטלעכקייט: איין מאָל איז אַ יינגל אַריין אין בית־מדרש זיך אַנוואַרעמען. זאָגט צו אים אַ ייד: „עס פעלט איינער צום מנין, קום, שטעל זיך דאַווע־נען". „רופט בעסער די רייכע זינדלעך", האָט אים דאָס יינגל געענטפערט, „זיי גיט גאָט אַלץ. מן הסתם האָט אויך גאָט ליב מ׳זאָל אים אונטערקויפן".

איך האָב זיי דערציילט, אַז ביי די קינדער איז ניטאָ קיין זכר פון גלויבן אין די אייגענע שעפערישע כוחות. זיי האַלטן זיך פאַרן נידעריק־סטן שיכט פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט און זיינען פאַרביטערט אויף דער גאַנצער וועלט.

דער יסוד פון אונדזער אַרבעט איז קודם־כל איינצופלאַנצן גלויבן אין זייער שאַפונגס־קראַפט: בויען זייער א י ך — זייער פערזענלעכקייט אויפן

בשותּפותדיקן יסוד פון זייער ניי געזעלשאַפטלעך לעבן; געבן זיי די מעג־לעכקייט פריי זיך אַרויסצוזאָגן וועגן אַלע ענינים און אַפילו באַשטימען זאַכן. דער דערציִער מוז זיין פאַרזיכטיק ביים אַריינדרינגען אין דער נשמה פון די קינדער מיט זיין נייעם וועג פון איבערשאַצן פון ווערטן, מיט זיין מאָראַל. דער דערציִער מוז זיך אַפילו טיילווייז אַראָפּלאָזן צו זיי און ווי אַן „אייגענער״, פון אינעווייניק, לאַנגזאַם, אומבאַמערקט פאַר זיי ענ־דערן זייערע באַגריפן וועגן דער פערזענלעכער און געזעלשאַפטלעכער מאָ־ראַל. דאָס איז אַ לאַנגער פּראָצעס, און נאָר מיט אַ טיפער פאַרשטענדעניש פאַר זייער שווערער פאַרגאַנגענהייט און מיט פולן פערזענלעכן צוטרוי, וועט מען קענען דערפירן די דאָזיקע קינדער צו אַ העכערער מדרגה. אפשר דאַן וועט מעגלעך זיין צו באַווירקן זייער דערוועקט מענטשלעך געפיל מיט רעליגיעזע עלעמענטן. איך האַלט, אַז זיי וועלן נאָך לאַנג ניט זיין פעִיק אויפצונעמען אַבסטראַקטע באַגריפן.

אויב מיר זאָלן אַפילו דערלאָזן דעם געדאַנק, אַז רעליגיע איז אַ נויט־ווענדיקייט, איז דאָס בעסטע מיטל צו אַנטוויקלען זייער פאַנטאַזיִע, וואָס איז אַזוי וויכטיק פאַר יעדן קינד און דערוואַקסענעם ביי דער איבערדער־ציִונג צו אַ מער עטיש לעבן — איז עס אויך נאָר מעגלעך אויף אַ העכע־רער קולטור־מדרגה. ווען זיי וועלן שוין קענען לייענען, קען מען זיי פאַר־זיכטיק אונטעררוקן שיינע רעליגיעזע לעגענדעס, אויסטערלישע געשעע־נישן, נסים און רעליגיעזע העלדן, וועלכע האָבן זיך מקריב געווען פאַר אַ פאָלק, פאַר אַ גלויבן אָדער אַן אמת.

נאָכן אויסהערן מיינע אויפקלערונגען איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז די פּוילישע אינטעליגענץ זאָל שיקן סטודענטן און לערער, כדי צו לערנען דעם אַרבעט־סיסטעם פון אונדזער היים און דאַן, נאָך אַ גרינטלעכער באַהאַנדלונג, אויפבויען אַן אַנאַלאָגישע היים פאַר קריסטלעכע קינדער.

פוילישער אינטערנאַט פאַר פאַרוואָרלאָזטע און פאַרברעכער־קינדער

בעת דער פוילישער אינטערנאַט האָט זיך אָנגעהויבן בויען, זיינען נאָך אין אונדזער היים געווען צוויי ניט־יידישע קינדער, איינער אַ פוילישער און איינער אַ רוסישער. די דאָזיקע קינדער האָבן יאָרן לאַנג געלעבט צו־זאַמען מיט אונדזערע קינדער אין די „מאַלינעס", געלעבט דאָרט ווי געטרייע ברידער. ווען אונדזערע קינדער האָבן זיי געבראַכט אין היים האָב איך אין גאַנצן ניט געפילט, אַז דאָס זיינען ניט קיין יידישע. זיי האָבן גערעדט יידיש און געווען אַן אָרגאַנישער טייל פון דער חברה.

ווען די „געזעלשאַפט פאַר ספּעציעלער דערציִונג" האָט אָנגעהויבן שטיצן דעם אַנשטאַלט איז זייער ערשטע פאָדערונג געווען צו באַזייטיקן די קריסטלעכע קינדער. דאָס איז געווען די ערשטע זינד פון דער פילאַנ־טראָפּיע לגבי אונדזער היים. סיי איך, סיי די קינדער האָבן ניט געקענט טראַכטן אַפילו וועגן שיידן זיך מיט וואַנקען און יוזשעקן. מיר האָבן אַלץ אָפּגעלייגט די אָפּראַציע ביז עס איז געשען דער גרויסער נס.

די פוילישע אינטעליגענץ האָט זיך פּלוצים דערפילט זייער געטראָפן, וואָס די יידישע מינדערהייט האָט געזוכט און געפונען אַ וועג צו דער פאַרהעלטנישמעסיק קליינער צאָל פאַרברעכער־קינדער און די פוילישע אינטעליגענץ לעבט זיך רויִק, בעת טויזנטער קריסטלעכע קינדער פאַר־פולן די קינדער־קאָלאָניעס און גאַסן. טאָג־איין טאָג־אויס האָבן אָנגעהויבן קומען דעלעגאַציעס אויף אָבסערוואַציעס און לסוף האָבן זיי אָרגאַניזירט אַ היים מיטן גאַנצן טשאַק: שיינע זאַלן, שיין־מעבלירטע צימערן, גוט־איינ־געאָרדנטע וואַרשטאַטן מיט אַ געשולטן פּערסאָנאַל אין עטלעכע ווינקעלע פאַכן, ווי סטאָליעריי, שלאָסעריי און אַפילו שוסטעריי. גוט עסן און ספּעציעל גוטע קליידונג, זייענדיק זיכער, אַז זיי האָבן אונדז איבערגעשטיגן אין גאַנצע הונדערט פּראָצענט. די פּרויען־פּאָליציי האָט פאַר זיי ווערבירט די גאַסן־קינדער, דאָס געריכט האָט אַלע קריסטלעכע קינדער געשיקט אַהין און אויך אונדזערע צוויי קינדער זיינען אויפגעפאָדערט געוואָרן אַריבער־צוגיין אין זייער אינטערנאַט. אין אַ קורצער צייט האָבן זיי אָנגעקליבן 58

קינדער. דער סדר־היום איז איינגעשטעלט געוואָרן אָן דעם אָנטייל פון די קינדער. איך האַלט, אַז דאָס איז געווען דער גרעסטער פעלער זייערער, וואָס האָט צעשטערט דעם יסוד פון זייער היים. דער ערשטער פונקט פון סדר־היום זיינען געווען די תפילות: נאָך יעדן עסן האָט מען געדאַרפט זאָגן אַ דאַנק־תפילה און פאַרן שלאָפן־גיין האָט מען ווידער געדאַרפט קני׳ען פאַר דעם הייליקן בילד און זאָגן אַ תפילה. פאַרשטענדלעך, אַז די תפילות זיינען באַגלייט געוואָרן דורך די יינגלעך מיט חוזק און דאָס האָט אַרויסגערופן כעס און קאָנפליקטן מיט די דערציִער.

מ׳האָט אָנגעהויבן שטאַרק צו באַשטראָפן פאַר יעדן חוזק. דאָס האָט, פאַרשטענדלעך, פאַרשאַרפט דעם אומצוטרוי צו די דערציִער. עס פלעגן דאָרט, פונקט ווי ביי אונדז, פאַרקומען יעדע וואָך זיצונגען מיט די קינדער, אָבער די קינדער פלעגן קיין איין באַשלוס ניט קענען דורכפירן. זיי האָבן זיך געפילט געצוווּנגען אָנצונעמען געזעצן, וואָס זיינען געווען קעגן זייער מיינונג. אַ גאַסן־קינד, וואָס די פרייהייט איז געווען די איינציקע קאָמפּענסירונג פאַר אַלע זיינע לײַדן, איז ניט בכוח מוותר צו זיין אויף איר אַזוי לײַכט, ווי עס האָבן זיך פאָרגעשטעלט די פוילישע דערציִער. עס האָבן אָנגעהויבן יעדן טאָג אַנטלויפן קינדער פון דעם „גן־עדן", מיטנעמענדיק פאַרשידענע זאַכן. וואַנקע מיט יוזשעקן פלעגן קומען יעדע פאַר טעג און בעטן מיר זאָלן זיי צוריק אָננעמען אין אונדזער היים. זיי האָבן דערציילט וועגן סקאַנדאַלן, וואָס קומען דאָרט פאָר. מיר האָבן זיי געמוזט אָפּזאָגן, פאַרענטפערנדיק זיך, אַז דאָס געריכט דערלויבט אונדז ניט.

פאַרשלאַג אָנצונעמען יודקען אין אונדזער היים

נאָך דעם ווי יודקע איז ניט אָנגענומען געוואָרן אין אונדזער היים און איז אָפּגעפירט געוואָרן אין אַ קינדער־תפיסה, פלעג איך אים יעדע צוויי וואָכן באַזוכן. ווען עס זיינען שוין אַריבער אַרום צוויי חדשים ווי יודקע איז

געזעסן, האָב איך געפּרוּווט וועקן דאָס געוויסן ביי מיין חברה. מיינע דער־ציילונגען וועגן זיינע ליידן האָבן ביסלעכווייז איינגעלאָשן דעם האַס צו אים און דעם פּונק פון נקמה, וואָס האָט אַ ברען געטאָן בעת ער איז געבראַכט געוואָרן אין דער היים. איך האָב אָנגעהויבן באַהאַנדלען דאָס לעבן פון אַ שנאָרער־קינד בכלל. דערציילט זיי, אַז אַ קינד פון אַ שנאָרער־משפּחה הייבט אָן ליידן שוין פון דער ערשטער וואָך פון זיין געבוירן. די עלטערן נוצן אויס דאָס קינדערישע געוויין, כדי צו דערוועקן רחמנות ביים דורכגייער און דורך דעם מאַכן זיי מער געלט.

די קינדער הייבן אָן זיך צו דערמאָנען און דערציילן בילדער פון „ראַספּוטינס" ווייבער (אַ באַרימטער ווילנער בעטלער, וועלכער האָט גע־האַט, ווי מ׳פלעגט דערציילן, 20 ווייבער) מיט יעדן ווייב האָט ער געהאַט קינדער און דאָס איז געווען די בעסטע פּרנסה. ביי יעדן ראָג פון אַ קרייצ־גאַס פלעגט ער אַוועקשטעלן אַ פרוי מיט אַ קינד און פון דער ווייטנס קאָנטראָלירן צי זיי בעטלען גוט, צי זיי קנייפּן זייערע קינדער אין דער ריכטיקער צייט, ווען די „הערעלעך" גייען אַדורך. זשאַמקע דערציילט, אַז ווינטער־צייט אין גרעסטן פראָסט פלעגן זיי טראָגן זייערע קליינע קינדער מיט בלויע, באָרוועסע פיסלעך. איין מאָל האָט ער אַליין געזען, ווי אַ מאַ־דאַם האָט אַ בעטלערין דערלאַנגט קליידער פאַרן קינד, האָט זי די קליידער גלייך פאַרקויפט און זיך געביטן מיט אַ צווייטער שנאָרערקע מיט די קינ־דער, כדי מ׳זאָל ניט דערקענען, אַז זי טראָגט ווידער דאָס קינד נאַקעט. כריפּקאַ האָט דערציילט, ווי אַזוי „ראַספּוטין" פלעגט שלאָגן די עלטערע קינדער, וועלכע האָבן שוין געקענט אַליין בעטלען און פלעגן ניט גענוג רייסן די פאָלעס פון די „הערעלעך".

האָבנדיק אַזאַ רייכן מאַטעריאַל פאַר זיך און אַזאַ גרויסן אָנטייל פון אַלע קינדער, האָב איך שטיל און אומעטיק אַ פרעג געטאָן, צי מיינען זיי, אַז מיר זיינען אין אָרדענונג לגבי יודקען? איז דען אַ וווּנדער, ווען אַ קינד, וואָס האָדעוועט זיך אין אַזוי פיל יסורים, איז אַ פּחדן און אַ מסור? פאַרוואָס האָבן מיר אים נאָך צוגעלייגט יסורים, מיר, וועלכע ווייסן אַזוי־גוט וועגן אומגליקלעך לעבן. מיר האָבן אים געשיקט אין תּפיסה, אַנ־שטאָט אים אויסשטרעקן אַ האַנט אין זיין נויט.

— ס׳מאַכט ניט אויס, — זאָגט הערצקע, — זאָל ער שפּירן דעם טעם פאַרן פאַראַטן אייגענע חברים?

— לערערין, — גיט צו איסער, — פון אַ שנאָרער וועלן מיר קיין מאָל קיין מענטש ניט מאַכן! שענקט אַ נדבה! — שרייט ער אויס מיט חוזק.

— לערערין! — רופט אויס אַרקע, — אַ גנב וועט בעסער שטאַרבן פאַר הונגער און וועט ניט אויסשטרעקן די האַנט.

פון אַלע זייטן הערן זיך אויסרופן, אַז אַ גנב וועט בעסער פאַרפוילט ווערן אין טורמע, אידער זיך אַזוי דערנידעריקן.

עס ווילט זיך מיר זיי זאָגן, אַז אַריינרוקן אַ האַנט אין אַ פרעמדער קעשענע איז ניט קיין גרעסערער יחוס, ווי בעטלען. אָבער איך שווייג. איך ווייס, אַז דאָס איז זייער איינציקער שטאָלץ אין לעבן.

— מיינט איר ניט, חברה, אַז צוויי חדשים תפיסה אַלס צוגאָב צו זיין טרויעריקן לעבן, איז אַ גענוגנדיקע שטראָף? —

זיי שווייגן און דאָס איז אַ גוטער סימן.

— מיינט איר ניט, אַז מ׳וואָלט געדאַרפט צוגיין זען, צי איז ער נאָך ניט איינגעבראָכן אין גאַנצן? איר שוויגט! איר פאַרשטייט ווי גרויס אונדזער זינד איז, אָבער איר האָט נאָך ניט קיין כוח גובר צו זיין די שנאה, וואָס איר טראָגט אין האַרצן. איך גיי צו אים איבערמאָרגן אויף אַ זעונג, ווער עס וויל מיטגיין, דאַרף מיר ביז מאָרגן פרי געבן אַ תשובה, כדי איך זאָל קענען אַרויסנעמען אַ דערלויבעניש.

אַלע שווייגן. דער איינציקער, וואָס האָט מוט געהאַט זיך אָפּצורופן, איז געווען לייבושקע. ער האָט ניט קיין מורא געהאַט פאַר דער קריטיק פון דער חברה. ער וועט מיטגיין. מיר באַשליסן מיטצונעמען זיסוואַרג. דערמיט ווערט די זיצונג געשלאָסן.

באַזוך ביי יודקען אין תפיסה

אין אַ האַלב־פינצטערער קאַמער האָבן מיר געפונען יודקען זיצנדיק אויף זיין נאַרע. ער איז בלאַס און דערשלאָגן. אין קאַמער זיינען געווען נאָך צוויי קריסטלעכע ייִנגלעך, וועלכע זיינען געווען עלטער פון יודקען און האָבן זיך געפילט אין קאַמער מעשה באַלעבאַטים. קיינער פון זיין משפחה האָט אים קיין מאָל ניט באַזוכט און קיינער האָט אים קיין פּעקל ניט געשיקט. דאָס עסן איז ווייניק און שלעכט. לייבושקען האָט ער זיך געשעמט צו קוקן אין די אויגן, געפילט זיך שולדיק אַקעגן אים. אָנגע־קוקט מיך שעמעוודיק, גערעדט שטיל, פרעגנדיק, צי וועל איך אים אַ מאָל פון דאַנען אַרויסנעמען. פלוצים האָבן מיר דערפילט, אַז ער שטיקט זיך פון זיינע טרערן. ער האָט מער ניט געקענט אַרויסברענגען קיין איין וואָרט. לייבושקע האָט באַמערקט זיין צושטאַנד און אַ קלאַפּ געבנדיק אים אין פּלייצע, אויסגערופן:

— זיי ניט קיין יידענע!

יודקע האָט לאַנג, לאַנג געכליפּעט. ווען ער האָט זיך באַרויִקט, האָב איך אים געפרעגט:

— ווי מיינסטו, יודקע, וואָלסט זיך גוט געפילט צווישן אונדזער חברה?

— לערעריך, — האָט יודקע געזאָגט מיט געבעט, — איך וועל טאָן אַלץ, כדי אויסצוקויפן מיינע זינד. איך וועל זיי ווייזן, אַז יענער יודקע איז שוין מער ניטאָ. איר וועט זען, אַז זיי וועלן מיר מוחל זיין. גנבים האָבן גוטע הערצער.

מיר האָבן זיך מיט אים געזעגנט, צוזאָגנדיק אים, אַז מיר וועלן טאָן פאַר אים אין דער דאָזיקער ריכטונג.

לייבושקע איז געווען גערירט ביז טרערן און גרייט געווען אים באַלד מיטצונעמען. — לערעריך, — האָט ער געפרעגט אַ גערירטער — פאַר־וואָס האָבן מיר אים איבערגעלאָזן אין אַזאַ לאַגע?

— איך טו גאָרניט אָן דער הסכמה פון דער חברה — האָב איך גע־ענטפערט — אויב חברה וועט באַשטימען אים אויפצונעמען אין אונדזער

משפחה און זיך באַציִען צו אים מענטשלעך, וועל איך עס גלייך אַדורכפירן דורכן געריכט.

ווען מיר זיינען צוריקגעקומען פון דער זעונג זיינען אונדז אַלע אַנט־קעגנגעקומען מיט פראַגן. מיר האָבן זיך אַרומגעזעצט אַרום טיש און איך האָב זיי דערציילט, אין וואָסער מצב מיר האָבן אים געפונען און וואָס ער האָט געבעטן. אַ סך פון די ייִנגלעך זיינען געווען דערדריקט און ביי אַנ־דערע האָט מען געזען אַ טייוולאָנישן שמייכל פון זיסער נקמה. אַרקע האָט אויסגעשריִען:

— איך אויף אייער אָרט וואָלט אים גלייך מיטגענומען!

— און וואָס וואָלט איר געטענהט — האָב איך געפרעגט מיט געמאַכ־טער קאַלטקייט — ווען איך ברענג אים אָן אייער הסכמה? איבעריקנס, פון אַ תפיסה נעמט מען ניט ווען מ׳וויל, מ׳מוז פריִער באַקומען אַ דערלוי־בעניש.

— מיר זיינען פחדנים! — שרייט לייבושקע אויס מיט צער, — וואָס האָבן מיר מורא געהאַט אים אויפצונעמען, וואָס וועט ער אונדז איצט מסרן? בעסער וואָלט געווען אים באַצאָלן מיט קלעפּ אין שטוב איידער אים אַריינוואַרפן צווישן גויִישע מערדער!

עס הייבט זיך אָן אַ וויכוח און עס ווערט באַשלאָסן אים אויפצונעמען און אַפילו נישט דערמאָנען אים וועגן זיינע אַמאָליקע חטאים.

יודקע אין אונדזער היים

אין צוויי טעג אַרום איז שוין יודקע געווען מיט אונדז. אָפּגענומען האָבן אים אַרקע, לייבושקע און איסער. די איבעריקע חברה האָט דערוויַיל צוגעגרייט אַ גוטן מיטאָג, קלאַצקעס מיט מילך. מ׳האָט געכלאַפּטשעט די זופּ מיט גרויס התמדה און מ׳האָט כמעט ניט גערעדט. ווען יודקע האָט געענדיקט איין טעלער האָט אים דער אָרדנער פאַרגעלייגט אַ צווייטן טעלער און חברה האָט שמייכלענדיק צוגעגעבן:

יודקע ביים אָנקומען אין אונדזער היים

— יודקע, רייב און שוויג!

ביסלעכווייז איז די געדריקטע שטימונג צעשוועמט, מ׳האָט זיך אָנגעהויבן אויספרעגן וועגן דער טורמע, ווער פון זייער חברה זיצט דאָרט? צי אַרבעט מען שווער? יודקע האָט דערציילט מיט נחת און דאָס קאָמישסטע איז געווען די מעשה מיט דער יום־טובדיקער זופּ:

— די זופּ אין טורמע איז באַשטאַנען בלויז פון אַ קוואָרט וואַסער, ווו ס׳פלעגט אַרומשווימען אַ האַלבער קאַרטאָפל, אַ מאָל אַ בעבל, אָדער אַ שטיקל קרויט. איין מאָל, לכבוד זייערס אַ יום־טוב, האָט מען אונדז געבראַכט אַ רויטע פּאָמידאָרן־זופּ מיט קאַרטאָפל און אַפילו מיט שטיקלעך פליישׁ. מיינט איינער פון די שקצים, אַז דאָס שטיקל פליישׁ אין מיין מענאַשקע איז גרעסער און רייסט אַרויס ביי מיר מיין מענאַשקע און גיט מיר זיינע. גיי קעמף מיט אַזאַ געזונטן זשלאָב. האָב איך אים אָפּגעגעבן מיין מענאַשקע און גענומען עסן פון זיינער. איך הער ווי ער זשלאָקעט די זופּ, וועלנדיק וואָס גיכער צוקומען צו דעם גרויסן שטיק פליישׁ. פּלוצים שלעפּט ער אַרויס מיט הנאה דאָס גרויסע שטיק און דערזעט גאָר, אַז עס איז אַ מויז. איך האָב געמיינט, אַז ער קריגט אַ האַרצשלאַק. ער האָט פון כעס אַ שליידער געטאָן די מענאַשקע אין דער ערד און גרייט געווען מיך אויפצועסן. איין נס, וואָס דער שומר האָט דערהערט דעם קלאַפּ, איז ער אַריין אין קאַמער.

חברה האָט זיך געקייקלט פון געלעכטער. עס האָט זיי אַרומגעכאַפּט אַ תאווהדיק נקמה־געפיל און זיי האָבן געשריִען מיטן גאַנצן כוח:

— גוט אַזוי! אַ מכה פאַרן כאַפּן! אַ מויז אין דעם טריפהנעם האַלדז!

יודקע איז גלייך אַריין אין דער אַרבעט מיט לייב־און־לעבן. די הענט האָבן געאַרבעט און דאָס מויל האָט ניט אויפגעהערט צו באַקן ליגנס (אַ ספּעציפישער שטריך פון שנאָרער). ער האָט דערציילט מעשיות וועגן זיינע קרובים, וועלכע זיינען געווען גרויסע גבירים, דאָקטוירים און געלערנטע, געהאַט גרויסע פאַבריקן און הייזער, געפאָרן אין שיינע קאַרעטעס. די יינגלעך האָבן הנאה געהאַט פון זיינע מעשיות און געלאָזן אים באַקן די ליגנס.

יודקע האָט אָבער געהאַט אויך גרויסע מעלות: ער האָט ליב געהאַט

אַ בוך, ער פֿלעגט לייענען אַ צייטונג, און שפּעטער,ביים שלאָפֿן־גיין, דערציילן די יינגלעך וועגן דעם וואָס ער האָט געלייענט. ווען איך האָב אים פֿאַרגעלייגט מיין הילף ביים לערנען, האָט ער מיין פֿאָרשלאָג אָנגענומען מיט גרויס פֿרייד. ער פֿלעגט אַרבעטן אויף די לעקציעס אין יעדער פֿרייער מינוט. אין משך פֿון איין יאָר האָט ער דורכגעמאַכט דעם קורס פֿון דריי לערניאָרן און איז אַריין אין פֿינפֿטן קלאַס פֿון אַ נאָרמאַלער שול. ער האָט געלערנט מיט גרויס דערפֿאָלג און וואָלט זיכער פֿאָרגעזעצט די לימודים אין אַ מיטלשול, ווען ער וואָלט ניט אומגעבראַכט געוואָרן דורך די דייטשן.

ערשטער דין־וחשבון פֿון דער אויסגעקליבענער פֿאַרוואַלטונג

יעדן חודש האָט יעדער פֿאַרוואַלטונגס־מיטגליד געדאַרפֿט אָפּגעבן אַ דין־וחשבון פֿון דער אַרבעט אויף זיין געביט. דער ערשטער האָט זיך אָפּגערעכנט דער פֿאַראַנטוואָרטלעכער פֿאַרן מאַגאַזין. ער האָט דערציילט, וועלכע סחורות זיינען אריינגעפֿלאָסן, פֿאַר וועלכער סומע, וויפֿל האָט ער אין משך פֿון חודש אַרויסגעגעבן פֿאַר די פֿאַרשידענע אַרבעטס־געביטן און וויפֿל ס'איז געבליבן. לייבקע, וועלכער האָט געקענט לייענען און שרייבן, האָט עס געלייענט פֿון אַ פּאַפּיר. בעת ער האָט געלייענט זיין באַריכט איז מיר איינגעפֿאַלן אַ געדאַנק, ווי אַזוי אויסצונוצן די באַריכטן פֿאַרן לערנען. ווען לייבקע האָט געענדיקט זיין באַריכט האָב איך פֿאָרגעלייגט, אַז מ'זאָל אויפֿן טאָוול פֿאַרשרייבן די אַלע באַריכטן, כדי יעדער איינער פֿון אונדז זאָל וויסן וואָס מיר פֿאַרמאָגן. צווייטנס, זאָל מען קענען קאָנטראָלירן, צי עמעצער האָט ניט געמאַכט קיין טעות. אַ טעות קען טרעפֿן ביים גרעסטן געלערנטן. אַחוץ די אַלע וויכטיקע סיבות איז דאָ נאָך אַ סיבה: מיר וועלן אַלע מאָל קאָנען קאָנטראָלירן צי מ'פֿאַרדינט עפּעס פֿון דער סטאָליערריי־אָדער שטרוי־אַרבעט, צי ניט. איך לייג פֿאָר, אַז צו דעם צוועק וועלן מיר יעדן איינעם געבן אַ העפֿט און ער וועט אַראָפּשרייבן פֿון טאָוול אַלע

ווערטער און ציפערן און וועט קענען צו יעדער צייט וויסן ווי מיר שטייען מיט אונדזערע פֿאַרדינסטן. אַזוי אַרום וועט מען פֿאַרשפּאָרן אומזיסטע חשדים...

היות דער צוטרוי צו מענטשן איז נאָך ביי די קינדער ניט געווען צו שטאַרק, האָבן אַ סך פֿון זיי געשריען: „טאַקע, גוט אַזוי!" אָבער אַ טייל האָט געטענהט, אַז זיי קענען ניט שרייבן. אין דעם וויכוח בין איך באַשטאַנען אויף מיין פֿאָדערונג: אויב יעדער איינער וועט ניט פֿירן קיין קאָנטראָל וועל איך אַפֿילו ניט אָפּנעמען דאָס געלט פֿון דער שטאָט־פֿאַרוואַלטונג, ווייל איך וויל ניט, אַז עמעצער זאָל מיך חושד זיין, אַז כ'האָב דאָס געלט גענומען פֿאַר זיך.

נאָך אַ לאַנגן וויכוח איז אָנגענומען געוואָרן מיין פּראָיעקט און שוין דער ערשטער דין־וחשבון איז געשריבן געוואָרן אויפֿן טאָוול און יעדער איינער האָט אַראָפּגעשריבן אים פֿון טאָוול אין זיין העפֿט אַריין. פֿון די באַריכטן איז מעגלעך געווען צו זען וועלכער אַרבעט־צווייג אַרבעט בע־סער און וועלכער שטייט אָפּ.

דער לעצטער האָט זיך אָפּגערעכנט דער קאַסירער. נאָך אַלע אויס־גאַבן איז אין קאַסע געבליבן בלויז 17 זלאָטעס. וועגן דעם צושטאַנד פֿון דער קאַסע פֿלעגט זיך דער קאַסירער אָפּרעכענען יעדן פֿרייטיק, ווייל מען האָט געמוזט וויסן וואָס פֿאַר אַ סומע מיר קענען אויסגעבן אויף פֿאַרווייַ־לונגען לכבוד שבת. אונדזערע פֿאַרווייַלונגען זיינען געווען: טעאַטער, קינאָ, אויפֿנעמען געסט מיט כּיבוד, אָדער אויספֿלוגן.

דאָס פֿאַרשרייבן די באַריכטן האָט מען געמוזט צעלייגן אויף עטלעכע מאָל, ווייל די קינדער זיינען ניט געווען בכוח אָפּצושרייבן אַלע באַריכטן אין איין אָוונט. עס פֿלעגט אויסקומען כּמעט יעדן דריטן טאָג צו שרייבן אַ צוויי שעה די באַריכטן. די קינדער זיינען אין גאַנצן ניט חושד געווען, אַז מ'מיינט גאָר דאָס לערנען און ניט דעם באַריכט. אין משך פֿון איין יאָר האָבן זיך אַלע קינדער, אָן אויסנאָם, אויסגעלערנט לייענען, שרייבן און זייער גוט חשבונען. אויפֿן צווייטן יאָר האָבן זיך שוין אָנגעהויבן באַוויזן אַלץ מער און מער שיין־אילוסטרירטע ביכלעך אויף די פּאָליצעס. אַפֿילו שפּאַנענדיקע קרימינעלע ראָמאַנען, אַבי אַרויסצורופֿן זייער אינטערעס צום

מ׳שפּילט אין שניי־באַלן אויפן הויף

געדרוקטן וואָרט. וואָס מער מ׳האָט געלייענט, אַלץ מער איז געוואַקסן דער אינטערעס צום לייענען. מיר האָבן אָנגעהויבן איינצולאָדענען רעפּערענטן, וועלכע האָבן רעפערירט אויף פאַרשידענע אַקטועלע טעמעס און שפּעטער — אַפילו וויסנשאַפטלעכע טעמעס. צום סוף פון צווייטן יאָר עקזיסטענץ פון דער היים האָבן מיר שוין געפירט אַ רעגולערע אַרבעט פון אַלגעמיינע לימודים במשך דריי שעה טעגלעך.

שפּיל־לעבן

ניט קיין קליינעם אָרט אין אונדזער דערציִונגס־אַרבעט האָט פאַרנומען דאָס שפּיל־לעבן, אויך דאָס איז אַ מיטל פון אויסלאָדן דעם אינערלעכן שטורעם, דעם דראַנג צו זיין אַ העלד.

פון אָנהויב פלעגן די שפּילן באַשטיין אין שטופּן זיך, אַראָפּוואַרפן פון שטולן פאַרמעסטן זיך ווער וועמען עס וועט גיכער אָוועקלייגן. זייער אָפּט פלעגן זיך אָט די שפּילן פאַרענדיקן מיט געשלעגן ביז בלוט.

ביסלעכווייז האָבן מיר אַריינגעפירט די שפּיל פון האַנטבאָל, ווינטער דאָס וואַרפן זיך מיט שניי־באַלן, גליטשן זיך. נאָך אַזעלכע שפּילן פלעגט זיין זייער אָנגענעם די וואַרעמע שטוב מיט די מוזיק־שעהן ביים ראַדיאָ. די קינדער פלעגן אויסגעלאָדענע פון ענערגיע־איבערפלוס זיצן געמיטלעך אַרום דעם ראַדיאָ און זיך צוהערן צו די שטילע מוזיק־טענער.

ווען וועלכעס ס׳איז ליד פלעגט זיי שטאַרק געפעלן, פלעגן מיר מוזן זיך באַקענען מיט זיין שאַפער. מיר פלעגן מיט עטלעכע חברה אַוועקגיין אין ביבליאָטעק, אויפזוכן די ביאָגראַפיע פון דעם מוזיקער און דורכן פאַרלייענען עס פאַר אַלעמען זיך ביסלעכווייז דערנענטערן צו דעם קוואַל פון גייסטיקער דערהויבנקייט, וואָס ברענגט יעדן קינסטלער צו זיין שאַפן. דער כח פון קענען זיך קאָנצענטרירן איז געוואַקסן פון טאָג צו טאָג. מ׳האָט אָנגעהויבן זיך מער באַנוצן מיט די ביכלעך, וועלכע זיינען לאַנג, לאַנג געלעגן פאַריתומטע אויף די פּאָליצעס און געוואַרט מ׳זאָל אין זיי אַריינקוקן. אַפילו די

ביי שאַך־שפּיל

שיינע אילוסטראַציעס פלעגן פון אָנהויב ניט צוציען זייער לאַנג. ביסלעכווייז האָבן זיך אָנגעהויבן הערן פראַגן און דיסקוסיעס, וועלכע צייכנונג איז שענער.

איך האָב געפּרוווט אַריינפירן שאַך־שפּיל. ס'איז געווען גענוג צו זאָגן, אַז נאָך דריי מאָנאַט זיינען מיינע שילער געוואָרן בעסערע שפּילער פון מיר און האָבן געהאַט די גרעסטע הנאה מיר צו געבן מאַט.

גאָר אין גיכן איז דאָס שפּיל־לעבן געוואָרן באַרייכערט מיט פאַרשידענע אַנדערע שפּילן צוגעטראַכטע פון די קינדער אַליין.

די קעפּקע

געווען איז עס ניט לאַנג נאָכן אָנערקענען אונדזער היים דורך דער שטאָט־פאַרוואַלטונג. זייערע סובסידיעס זיינען געווען נישטיקע. די אָרעמ־קייט איז נאָך געווען גרויס. געשלאָפן איז מען אויף נאַרעס אָדער צעבראָ־כענע אייזערנע בעטלעך, וואָס מיר האָבן באַקומען ביי גוטע מענטשן. אַנ־שטאָט מאַטראַצן זיינען געווען צוקער־זעקלעך אָנגעשטאָפּט מיט היי אָדער שטרוי. צום באַשיצן זיך פון די מוראַשקע פרעסט האָבן געדינט בלויז האַלב־וואָלענע דעקן. דאָס עסן איז אויך ניט געווען בעסער און דאָס אָנטאָן נאָך ערגער. גענוג צו זאָגן, אַז יעדעס קינד האָט געהאַט בלויז איין העמד און אויף 19 קינדער זיינען געווען נאָר 4 מאַנטלען.

ווען אהרעלע איז אָנגעקומען צו אונדז איז ער אַלט געווען צוועלף יאָר. געבראַכט האָבן אים אונדזערע קינדער, פאַרשטעלנדיק אים אַלס גוטן יאַט, נאָך ניט קיין גרויסער „פּאַכמאַן", אָבער ניט קיין שנאָרער און ניט קיין פּחדן. ער קען האַלטן דעם פּיסק, כאַפּנדיק אַפילו די שווערסטע קלעפּ. זיי קענען ניט פאַרגעסן איין פאַל, ווען ער איז געשטאַנען אויף שמירה און אַ „מענטש" האָט אים געכאַפּט און געמאַטערט געשלאָגן און ער האָט געשוויגן ווי אַ העלד.

מיר האָבן געשלאָסן קאָנטשאַפט. זיינע גרויסע, העל־ברוינע אויגן

האָבן מיך פאַרשנדיק אָנגעקוקט און געבליבן רויִק. אויף זיינע לאַנגע דינע פיסלעך האָט זיך געשאָקלט אַ דאַרער, איינגעבויגענער גוף פון אַ זקן. ער איז אַרומגעגאַנגען אַ גאַנצן טאָג און געשוויגן. אַלץ באַקוקט און מורא געהאַט, אַז ער וועט אַזעלכע זאַכן ניט קענען מאַכן. ער פלעגט צוגיין אומ־דרייסט צום טיש און עסן זייער ווייניק.

חברה האָט פאַרשטאַנען זיין שטימונג, אים געמוטיקט:

— גולם, וואָס מאַכסטו שטיק ווי אַ רייך זינדל, רייב און שוויַג!

אהרעלע איז אָבער ניט געוואָרן פריילעכער, ניט געווען ביי אים קיין שמץ פון בטחון אין זיינע שעפערישע כוחות.

ווען חברה האָט דערפילט זיין שטימונג, האָבן זיי אָנגעהויבן שרייען:

— העי, שמענדריק, וואָס מאַכסטו אַ פּנים פון אַ הייליקער מאַטקע באָסקע? ווען מיר זיינען אָנגעקומען אין דער היים, האָבן מיר אויך געקענט וויפל דו און האָבן זיך אויסגעלערנט איינס־און־צוויי...

ווען ס׳איז געקומען די צייט פון שלאָפן־גיין און מיר האָבן אים געוויזן זיין בעטל, וואָס חברה האָט שוין געהאַט צוגעגרייט פאַר אים, איז ער גע־שטאַנען אַ דערשטוינטער, אַ דערשראָקענער. נאָך קיין מאָל ניט געשלאָפן אין קיין בעט, וואָס איז אויסגעבעט מיט אַ ווייס ליילעך. ער האָט זיך אָפּגעזאָגט צו לייגן אין בעט, ווייל ער קען עס נאָך איינשמוצן...

— קענסט זיך אויסטאָן און אַרומוואַשן, — האָט חברה אים חבריש געמונטערט און געגעבן אים אַ ריין העמד. די יינגלעך האָבן אָנגעוואַרעמט וואַסער אויפן פּרימוס, כדי ער זאָל זיך ניט אָפּשרעקן פאַרן קאַלטן וואַסער און טאַקע, כדי די בלאָטע זאָל אַראָפּ וואָס גיכער. אהרעלע האָט אויפגענומען דעם פאַרשלאָג מיט גרויס אומצופרידנקייט. עס האָט זיך אים זייער ניט געוואָלט אַנטפּלעקן זיין בלאָטיקן גוף און די לייז, וואָס זיינען געקראָכן אויף זיינע בגדים. איך האָב זיך אַרויסגעטראָגן פון צימער, ניט וועלנדיק פאַרגרעסערן זיין חרפּה. איבעריקנס, האָב איך געוווּסט, אַז די יינגלעך וועלן עס בעסער מאַכן פון מיר.

מיט איין געלונגענעם וויץ האָט חייקל אים אויסגעטאָן. ער האָט אים געטרייסט, אַז ווען ער איז אָנגעקומען האָט ער זיך פאַרשפּאָרט אויסטאָן, ווייל די לייז האָבן זיינע זאַכן אַראָפּגעטראָגן. אהרעלע האָט אַ שמייכל געטאָן,

און זיך גענומען וואַשן. ווען ער איז פאַרטיק געוואָרן און איז אַ ריינער אַריין אין בעט, האָט ער זיין קעפּקע פון קאָפּ ניט אויסגעטאָן. איך בין צוגעגאַנגען צו אים, איינגעדעקט אים און געפרעגט, צי האָט ער ניט פאַרגעסן אויסטאָן זיין קעפּקע. אהרעלע האָט שנעל פאַרדעקט זיין קעפּקע מיט ביידע הענט און דערביי אויסגעשריגן:

— דאָס ניט! מיט מיין קעפּקע וועל איך זיך קיין מאָל ניט שיידן!

אהרעלען איז די קעפּקע געווען דער נאָענטסטער פריינד אין לעבן. זי איז געווען זיין קישן אויף די האַרטע בענק אין בית־מדרש, אָדער אויף דער האַרטער ערד אין „מאַלינע", זי איז געווען זיין באַשיצערין אין פראָס־טיקע ווינטער־נעכט. די קעפּקע האָט אים געשיצט פון רעגן און ווינט, אין דער קעפּקע פלעגט ער האַלטן זיין אָרעמען מאָלצייט, אויסבאַהאַלטן זיינע נעבעכדיקע גנבות, זי האָט אים אויך געדינט אַלס האַנטעך נאָך אַ רעגן און אַלס נאָזטיכל אין זיין כראָנישן קאַטאַר.

ווען אהרעלע איז שוין היימיש געוואָרן האָט ער אונדז דערציילט די געשיכטע פון דער קעפּקע. מיט דריי יאָר צוריק, אין טאָג פון זיין פאָ־טערס טויט, האָט ער די קעפּקע באַקומען פון אַ שכנטע. די שכנטע האָט געזאָגט, אַז אויף אַ בית־הקברות טאָר מען ניט אַרויפגיין אָן אַ היטל. גאָט שטראָפט דערפאַר. ער האָט ניט פאַרשטאַנען אַפילו מיט וואָס קען אים דאָס גאָט נאָך מער באַשטראָפן; ווען ער איז אַלט געווען זעקס יאָר האָט אים דער דאָזיקער גאָט צוגענומען זיין מאַמען, זי איז געשטאָרבן פון שווינדזוכט. צו ניין יאָר — צוגענומען זיין טאַטן. וואָס זשע קען דער דאָזיקער גאָט נאָך ביי אים צונעמען? זיין שוועסטער, וועלכע וואַלגערט זיך אין די שאַנד־הייזער און שעמט זיך אַפילו מיט אים צו באַגעגענען, כדי ער זאָל זי ניט פרעגן ווו זי לעבט. עס האָט זיך אים געגלוסט אָפּגעבן דאָס היטעלע צוריק, אָבער עס האָט אַזוי געוואַרעמט דעם קאָפּ אין דעם קאַלטן ווינטער־טאָג. די קעפּקע האָט אויך פאַרשטעלט די אויגן, וועלכע זיינען פול געווען מיט טרערן. אַזאַ „דערוואַקסן" ייִנגל ווי אהרעלע שעמט זיך שוין צו וויינען, אָבער דאָך איז עפּעס אַ שאָד געווען זיך צו שיידן מיטן טאַטן. אַן אָרעמער טאַטע, וואָס האָט אים אָפט געשלאָגן ווען ער פלעגט קומען אַ שיכורער און ניט גע־פינען קיין פּיצל ברויט אינעם האַלב־פינצטערן שטיבל. ווען דער טאַטע

פלעגט זיך אויסשלאָפן אַ ביסל אויף דער קאַלטער פּאָדלאָגע און פלעגט ניכטער ווערן, פלעגט ער שטאַרק וויינען. אַרומנעמען אהרעלען, דריקן אים צו זיין האַרץ, קוקן אויף אים מיט אויגן, וואָס בעטן מחילה.

ווען איך האָב געזען אהרעלעס שרעק בעתן צעשיידן זיך מיט דער קעפּקע, האָב איך אים פאַרזיכערט, אַז ער קען זיין רויִק, ווייל ביי אונדז וועט קיינער ניט אַראָפּנעמען זיין קעפּקע מיט געוואַלד. געווונטשן אים אַ גוטע נאַכט און פאַרלאָזט דאָס צימער.

— אַזוי האָט אהרעלע ביי אונדז געלעבט און זיך איינגעוואָרצלט, גע־אַרבעט און געפרייט זיך, אָבער מיט דער קעפּקע זיך ניט געוואָלט שיידן. צו זיין געבורטסטאָג האָבן מיר אים געוואָלט קויפן אַ ניי היטעלע, אָבער ווען ער האָט געדאַרפט אָפּגעבן זיין אַלטס, האָט ער זיך אָפּגעזאָגט צו נעמען דאָס נייע. ווען מיר האָבן אים געבעטן דערלויבן אויסצוואַשן די קעפּקע האָט ער אויך ניט דערלויבט, ווייל זי קען זיך נאָך, חלילה, צערייסן. די קעפּקע האָט געגלאַנצט פון סמאָלע, אָבער ער האָט זי געדריקט צום האַרצן, ווי דעם גרעסטן אוצר. צום סוף איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז די נייע וועט ער טראָגן שבת און די אַלטע יעדן טאָג און צום שלאָפן, ביז ער וועט זיך אָפּגעוויינען.

אָט אַזוי האָט געלעבט אהרעלע, זיך געשפּילט ווי אַ קינד פון זעקס יאָר, הגם ער האָט געהאַט געגנוג שכל פאַר זיינע צוועלף יאָר. דערלויבט זיך צו רעדן נאַרישקייטן, געפילט זיך זיכער אין זיין נייער משפחה. גע־שלאָפן מיטן פולן באַוווסטזיין, אַז קיין זאַך וועט אים ניט געשען.

און אָט אין איינעם פון אַזעלכע אָוונטן, ווען איך זיץ אין דערבייִקן צימער און הער זיך צו צו דעם רעגולערן אָטעמען פון די קינדער און צו זייערע חלומות, וועלכע פלעגן זיי נאָך אָפט מאַטערן, הער איך פלוצים אַן איידעלן קלאַפּ אין טיר. ווען כ׳האָב אויפגעעפנט די טיר האָט זיך באַוויזן אַ פרעמדער מאַן, וועלכער האָט זיך פאָרגעשטעלט אַלס אינספּעקטאָר פון דער אָפּטיילונג פאַר ספּעציעלער דערציִונג. זיין אויפגאַבע איז געווען צו קאָנטראָלירן די אַנשטאַלטן פאַר פאַרברעכער־קינדער ביי דער נאַכט, ווייל די גרעסטע צאָל פאַרברעכנס קומען פאָר ביינאַכט. נאָך אַ קורצן שמועס אין קאַנצעלאַריע האָט ער פאַרלאַנגט איך זאָל אים וויזן די שלאָפצימערן.

איך פּרווו אים דערקלערן, אַז עס קען אַרויסרופן אַ צעשטערונג פון דער נאַכט. ער וויל פון גאָרניט וויסן, ער מוז זען די קינדער. אויף דער אָרעמ־קייט פון אונדזערע געלעגערס האָט ער אַפילו קיין אַכט ניט געלייגט. ער האָט געציילט די בעטן און פּלוצים איז ער געבליבן שטיין פאַרגאַפט, דערזעענדיק אהרעלעס קעפּקע.

— וואָס קומט דאָ פאַר — האָט ער אויסגעשריגן מיט כעס — ווער דערלויבט עס צו גיין שלאָפן אין בעט מיט אַ היטל, און נאָך דערצו מיט אַזאַ שמוציק היטל?

— איך וועל אייך אַלץ אויפקלערן — האָב איך געפּרוווט באַרויִקן דעם אינספּעקטאָר — אָבער ניט נעבן די שלאָפנדיקע קינדער.

ער באַפעלט מיר אָבער קודם אַראָפּנעמען די קעפּקע. איך זאָג זיך אָפּ אויסצופירן דעם באַפעל. דער אינספּעקטאָר איז צוגעגאַנגען צו אהרעלען און ברוטאַל אַראָפּגעריסן די קעפּקע. אהרעלע איז אויפגעשפּרונגען ווי אַ פאַנטערע, האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צו אים און שרייענדיק „רוצח, גזלן", האָט ער אַרויסגעריסן זיין קעפּקע.

איך פּרווו אים באַרויִקן זאָגנדיק, אַז דער אינספּעקטאָר האָט געמיינט אַז ער האָט פאַרגעסן אויסטאָן זיין היטל, אָבער אהרעלע שטייט אין בעט אַ בלאַסער און דערשראָקענער און שרייט:

— זוכט ניט פאַר אים קיין תירוצים, זיינע אויגן זאָגן דאָך, אַז ער איז אַ מערדער.

דער אינספּעקטאָר איז אַוועק ווי אַ צעררייצטער וואָלף, באַשולדיקנדיק מיך אין דערלאָזן הפקרות און אַנטי־היגיענע.

אהרעלע האָט די גאַנצע נאַכט זיך ניט געקענט באַרויִקן. ער איז געקומען אין קאַנצעלאַריע מיך וואָרענען איך זאָל גוט פאַרשליסן די טיר און קיינעם ניט אַריינלאָזן, ווייל זיי קענען נאָך מיך אויך דערהרגענען.

שימעקס געבורטסטאָג

ווען אַ קינד פּלעגט אָנקומען צו אונדז אין קינדערהיים פּריוויליק, אָן דער הילף פון דער פּאָליציי, פּלעגן מיר אים גאָרניט פרעגן, אויסער זיין נאָמען. די דאָזיקע קינדער האָבן ניט ליב, אַז מ׳פּאָרשט זיי. חוץ דעם האָבן זיי נאָך צו קיינעם ניט קיין צוטרוי און ווילן בכלל ניט רעדן וועגן זיך. ווען דאָס קינד פלעגט זיך דערפילן היימישער און ביסלעכוויז אַריינגיין אין די ענינים פון אונדזער היים, אין די זאָרגן און פריידן און שוין נעמען אָנטייל אין דער ווירטשאַפט פון קיך, פלעג איך אים צוהעלפן אין קיך אַלס עלטסטער אָרדנער, אים לערנען די מלאכה און פירן מיט אים אינטי־מערע שמועסן.

ניטאָ קיין בעסער אָרט, וואָס קען אַרויסרופן מער נאָענטקייט, ווי אין קיך, ביי די ריחות פון זודיקן טאָפּ, ביים פייער פון דער ברענענדיקער פּליטע, זיצנדיק אויף נידעריקע בענקעלעך ביים שיילן קאַרטאָפל. די קיך איז פאַר יעדן נאָרמאַלן קינד אַ תענוג, בפרט פאַר אַ קינד, וואָס האָט קיין מאָל קיין שטוב־לעבן ניט געהאַט און אַלע מאָל אַזוי געבענקט נאָך אַ ביסל וואַרעמקייט.

טאָקע דאָרטן, ביים שיילן קאַרטאָפל, פלעג איך אים אַ פרעג טאָן אומבאַמערקט:

— איך זע, אַז דיינע הענט גייען ווי ביי אַ פּופּצניאַריקן חברהמאַן.

— גראָד ניט געטראָפן, — האָט שימעק מיט אַ זיגערישן שמייכל אַ זאָג געטאָן — ווינטער ווערט מיר ערשט 13 יאָר.

— געדענקסט אַפילו דעם חודש?

— ניין. איך געדענק נאָר, ווי איין מאָל, אין אַ קאַלטן ווינטערטאָג איז די מאַמע געזעסן אַזוי פאַרדאגהט און זי האָט אַ זאָג געטאָן: „היינט ווערט פּונקט 4 יאָר ווי דער טאַטע איז אַרעסטירט״. דאָס איז געווען דער טאָג ווען ראובקע איז געבוירן געוואָרן. איך בין דאַן אַלט געווען 6 יאָר. פון דעמאָלט אָן איז נאָך דער טאַטע געזעסן אַ יאָר צייט און מ׳האָט אים באַפרייט. דאָ איז שימעק געבליבן שטיל, זיך פאַרטראַכט און געשוויגן. לאַנג־

אַ לעקציע פאַר דער ייִנגערער גרופּע

דיק אים אַ געוויסע צייט שוויַיגן, האָב איך אים שטיל געפרעגט, וואָס איז דערנאָך געוואָרן מיט זיין טאַטן.

— וואָס קען ווערן מיט אַזאַ מענטשן? געזוכט אַרבעט און ניט געפונען און איז ווידער אַוועק זוכן ברויט אויף די אַלטע וועגן. צוויי יאָר מצליח געווען, געלעבט ווי מענטשן, געגעסן גוט, מיר מיט ראובקען געקויפט שיך, בגדים, די מאַמע האָט זיך אויסגעפוצט. אוי, לערעריִן, ווען איר וואָלט דאַן געזען מיין מאַמען, ווי שיין זי איז געווען. איר וואָלט אייערע אייגענע אויגן ניט געגלייבט. אָבער דאָס איז געווען אונדזער אומגליק. „סראָלקע דער הונדערטער" האָט זיך אָנגעהויבן דרייען נעבן מיין מאַמען, ברענגען אונדז מתנות. ביז דער טאַטע האָט אים צעכמאַליעט די מאָרדע. דאָ האָט דער הונט באַשלאָסן זיך נוקם צו זיין אין מיין טאַטן און אים אָפּרוימען פון וועג. ביי דער ערשטער גניבה נאָך דעם, האָט מען אים געכאַפּט און ווידער אַריינגעזעצט. חברה זאָגט, אַז סראָלקע האָט אים געמסרט. און ווידער איז שוין צוויי יאָר אַריבער, ווי דער טאַטע איז אין תפיסה און ווער ווייסט, ווען ער וועט אַרויס. דער הונט האָט געמיינט, אַז ער וועט אָפּרוימען דעם טאַטן, וועט ער קענען גלייך נעמען די מאַמע, אָבער אַ מכה פּאַרן וועלן. די מאַמע האָט אים דורכגעטריבן ווי אַ הונט. איין מאָל איז ער צוגעגאַנגען צו מיר און געוואָלט מיר געבן אַ זעקעלע מיט זיסוואַרג, האָב איך אים אַ שפּיי געטאָן אין פּנים אַריין און בין אַנטלאָפן. ער האָט געמיינט, אַז איך בין אַ שנאָרער, וועמען מ'קען אונטערקויפן. אַ גנב וועט בעסער גיין אין תפיסה און ניט פאַרקויפן זיין געוויסן.

אַזוי אַרום פלעג איך זיך דערוויסן אַ סך אינטימע זאַכן פון זייער לעבן און אויך דעם טאָג פון זייער געבוירן.

מיר האָבן באַשטימט, אַז שימעקס געבורטסטאָג פאַלט אויס אין חודש יאַנואַר. אויף איינער פון די פּריטיקדיקע זיצונגען אין חודש דעצעמבער איז באַשטימט געוואָרן ווי אַזוי צו פייערן שימעקס געבורטסטאָג, וועלכע מתנות מיר וועלן אים קויפן, וועלכן כיבוד מירן צוגרייטן, וועלכע געסט צו פאַרבעטן. דער בעל־שמחה פלעגט דאַן ניט טאָרן זיין אַנוועזנדיק. עס איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז מיר וועלן אים קויפן אַ נייע בלוזקע און כדי עס קענען דערגרייכן וועט יעדער געבן נאָך אַן אַרבעטס־שעה אין משך

פון דער גאַנצער וואָך. אַחוץ דעם איז באַשלאָסן געוואָרן צו גרייטן אַ פּיעסע. גלייך האָבן מיר זיך פאַרטיילט מיט די פונקציעס און דעם גאַנצן חודש פלעגט קאָכן און זידן אין קינדערהיים. בעת די לימודים פלעגט מען שרייבן פּיעסן, צייכענען איינלאַדונגען פאַר די געסט. דער בעל־שמחה האָט ניט געטאָרט וויסן, אַז דאָס אַלץ ווערט געטאָן צוליב אים. אַ טאָג פאַרן יום־טוב פלעגט מען דאָס צימער באַפּוצן מיט גרינס און אויפשריפטן, די טישן פלעגן געדעקט ווערן מיט ווייסע יילעכער. די צוויי בעסטע פּלעצער — רעזערווירט פאַרן בעל־שמחה און זיינע עלטערן. די שענסטע בגדים פלעגט מען אָנטאָן דעם בעל־שמחה און איינלאַדן וועמען ער האָט געוואָלט. האָט שימעק טאַקע איינגעלאַדן די בעסטע חברים זיינע פון דער אונטערוועלט. די געסט פלעגן מיר אויפנעמען מיט גרויס כבוד און געבן זיי די חשובסטע פּלעצער. אויסער די נאָענטע געסט פונעם בעל־שמחה פלעגן צו אונדזער יעדער שמחה קומען די פריינד פון דער „געזעל־שאַפט פאַר ספּעציעלער דערציִונג" און דער שילער־פאַטראָנאַט פון דער גימנאַזיע „אָקס", וועלכער פלעגט אויך איינלאַדן אונדזערע קינדער צו זייערע שמחות. אונדזער ציל איז געווען אַריינפירן זיי אין אַ נאָרמאַלער מענטש־לעכער סביבה, שאַפן אַ קאָנטאַקט מיט דער קולטורעלער וועלט.

די צערעמאָניע פלעגט זיך אָנהייבן מיט אַ קורץ פאָרוואָרט, אין וועלכן ס׳פלעגט דערקלערט ווערן וואָס דאָס קינד האָט דערגרייכט במשך דער צייט סיי פאַר זיך גופא, סיי פאַר זיין קאָלעקטיוו. דעריבער טאַקע איז דער טאָג פון זיין געבוירן פאַר אונדז אַ גרויסע שמחה. מיר בענטשן די על־טערן, וועלכע האָבן אים געבוירן און ווינטשן זיי און אים ווייטערדיקע דערפאָלגן. באַלד נאָכדעם פלעגט מען אויסטרינקען דעם ערשטן כוס. נאָכן „לחיים" פלעגן צוויי קינדער אים צוטראָגן פייערלעך די מתנה. ניט איין מאָל האָט געטראָפן, אַז סיי דער בעל־שמחה און סיי זיינע עלטערן האָבן זיך פשוט צעוויינט פון גערירטקייט. מיט שטילקייט און כבוד פלעגן מיר אָפּוואַרטן ביז זיי פלעגן זיך באַרויִקן. ס׳פלעגט אויך טרעפן אַז דער בעל־שמחה זאָל זיך פאַרשעמען פאַר זיין שוואַכקייט און זיך צעלאַכן. די קינדער פלעגן לייענען זייערע צוגעגרייטע וויצן אויפן חשבון פון בעל־שמחה, אָדער פאָרלייענען זייערע לידער, וואָס זיי האָבן פאַרפאַסט לכבוד אים.

אַנדערע קינדער פלעגן דעקלאַמירן לידער פון יידישע דיכטער, פּאַסיקע צו דער געלעגנהייט. נאָכן לייענען, פלעגט זיך אָנהייבן די סעודה. נאָך דער סעודה פלעגט מען אַרויסטראָגן די טישן אין אַ צווייט צימער, צע־שטעלן אויף גיך בענק און אָנהייבן די פאָרשטעלונג.

ווען די עלטערן פלעגן זען, ווי זייערע פריִער שמוציקע און אָפּגעריסענע קינדער שטעלן פאָר און ווי מען פרייט זיך מיט זייער געבורטסטאָג, פלעגן זיי ניט גלייבן זייערע אייגענע אויגן. זיי, די עלטערן, האָבן זיך דאָך קיין מאָל ניט געפרייט מיט זייער געבורט, ווייל זיי האָבן געוווּסט, וואָס עס וואַרט זיי אין לעבן.

אָט אַזוי פלעגן מיר פייערן אַ געבורטסטאָג.

ערב פסח

די אַרבעט אין אַנשטאַלט איז געוואָרן אַלץ קאָמפּליצירטער. צוזאַמען מיטן לעגאַליזירן דעם אַנשטאַלט זיינען צוגעקומען אַ סך פאָרמאַליטעטן, ווי למשל, פירן סטאַטיסטיקעס, בוכהאַלטערישע חשבונות, מאַכן אַרבעט־פּלענער. וואָס מער די קינדער האָבן זיך קוואַליפיצירט אין דער אַרבעט אַלץ בעסער האָבן געדאַרפט זיין די אַרבעט־מכשירים, אַלץ מער אַרבעט־מאַטעריאַלן. קיין געלט צו קויפן איז נישט געווען, האָט מען געמוזט גיין שאַפן דאָס אַלץ ביי גוטע מענטשן. דאָס לויפעניש איז געווען אָן אַ סוף, און קיין מענטשן ביי וועמען איבערצולאָזן די קינדער איז ניט געווען, ווייל צאָלן פאַר דער אַרבעט איז ניט געווען פון וואַנעט און פרייוויליקע פלעגן קומען פון צייט צו צייט בלויז אויף עטלעכע שעה.

צופעליק האָב איך זיך דערוווּסט וועגן אַ מענטשן, וועלכער לערנט און קען אַ סך תורה און וויל טאָן גוטס פאַר מענטשן. ער איז אויך געווען עלנט און אָרעם, פּונקט ווי אונדזערע קינדער. איך האָב זיך אַוועקגעלאָזן איבער די בתי־מדרשים און אים געפונען אין גאונס קלויז. איך האָב אים דערציילט וועגן אונדזער שווערער לאַגע און געבעטן זיין הילף. ער וועט

קענען לעבן ביי אונדז און גיין לערנען תורה יעדן טאָג, ווען איך וועל זיך צוריקקערן פון גאַס. דער ענין איז אים געפעלן געוואָרן, אָבער ער האָט ניט געגלייבט, אַז די קינדער וועלן פאַר אים דרך־ארץ האָבן. ער האָט ניט געהיט זיין כבוד, אָבער ער האָט מורא געהאַט אַז ניט האָבנדיק קיין אויטאָריטעט, וועלן זיי זיך צעלויפן, ווען ער וועט בלייבן מיט זיי אַליין. אַחוץ דעם האָט ער זיך געשראָקן, אַז זיין רעליגיעזקייט וועט ביי זיי אַרויסרופן חוזק.

איך האָב אָפּגערעדט מיט אים, אַז איך וועל אַדורכפירן אַ באַראַטונג מיט די קינדער און ווען איך וועל פילן דעם קלענסטן חוזק מצד זיי, וועל איך אים אָפּן זאָגן, וויל במילא וועט קיין נוצן ניט זיין פון זיין אַרבעט.

בעת איך בין געקומען אַהיים איז שוין געווען כמעט מיטאָג־צייט. די אָרדנער האָבן פאַרענדיקט דאָס קאָכן מיטאָג און געוואַרט מיט אומגעדולד אויף מיין בשורה. איך האָב זיי נאָך אַ מאָל געשילדערט די הויכע מאָראַל פון זיין פּערזאָן, זיין אָרעמקייט און גרייטקייט אונדז צו העלפן, אָבער אויך זיין פאַרדאַכט, אַז זיי וועלן אים ניט פאָלגן און אויסלאַכן זיין פרומקייט. איך האָב אים געשילדערט ווי אַ גייסטיקן העלד, וועלכער שעפּט כוח איבערצוטראָגן אַלע יסורים פון זיין טיפן גלויבן אין גאָט.

די קינדער האָבן זיך טאַקע באַצויגן צו אים מיט גרויס דרך־ארץ. זיי האָבן הייליק צוגעזאָגט צו בלייבן טאָלעראַנט און צו פאָלגן אים. אויף צומאָרגנס בין איך ווידער אַוועק אין קלויז און אים דערציילט וועגן זייער צוזאָג און געבעטן אים גיין מיט מיר.

ווען מיר זיינען אָנגעקומען אין אונדזער היים האָבן די קינדער אים זייער וואַרעם אויפגענומען און אים איינגעלאַדן צום טיש. אַלע האָבן זיך אַרומגעזעצט אַרום טיש און ס'האָט זיך אַנטוויקלט אַ זייער געמיטלעכער שמועס. די קינדער האָבן אים דערציילט, אַז אַ סך מאָל האָבן זיי זיך אַריינגעגנבעט אין גאַנס קלויז און דאָרט איבערגענעכטיקט. זיי האָבן אים דערציילט וועגן פאַרשידענע איבערלעבונגען פאַרבונדענע מיטן בית־מדרש. קליינע גנבות פלעגן זיי פאַרבאַהאַלטן אין קלויז און אַזוי אַרום זיך געראַטעוועט, ניט איין מאָל, פון צרות.

אונדזער ליבער גאַסט איז אויך ניט געבליבן שולדיק. ער האָט אָנגע־

דער אָרדנער צעטיילט דעם מאָלצייט

הויבן דערציילן פֿאַרשידענע לעגענדעס פֿון תלמוד, וואָס זיי האָבן אויס־געהערט מיט גרויס אינטערעס. אין שטוב האָט געהערשט אַ וואַרעמע און אינטימע אַטמאָספֿער. ברוך איז געווען שטאַרק צופֿרידן פֿון דעם דאָזיקן געהויבענעם מצב.

ווען די אָרדנער האָבן געגומען גרייטן דעם אָונטבריוט, האָבן זיי אים דערלאַנגט דעם ערשטן, ער האָט זיך אָבער אָפּגעזאָגט צו עסן. די קינדער זיינען געווען זייער באַזאָרגט, אָבער איך האָב פֿאַרשטאַנען, אַז ער האָט ניט קיין צוטרוי צו אונדזער כשרות. איך האָב אים דערלאַנגט אַ גלאָז טיי און ער האָט דאָס געטרונקען און צוגעגעסן מיט טרוקן ברויט, ניט וועלנדיק זיך צורירן צו אונדזערס אַ מעסער אָדער לעפֿעלע. צו מאָרגנס האָבן מיר פֿאַר אים געקויפֿט ספּעציעלע כלים, געוואַשן זיי אונטערן קראַן, כדי נישט צו מישן, חלילה, צוזאַמען מיט אונדזערע כלים. ברוך איז דער־פֿון געווען באַזאָרגט, זענענדיק וויפֿל אומזיסטע מי און אויסגאַבן מיר האָבן צוליב אים געמאַכט. איך האָב אים דערקלערט וואָס פֿאַר אַ וויכטיקער דערציִערישער מאָמענט דאָס איז; ווי וויכטיק עס איז צו לערנען זיך טאָן עפּעס גוטס פֿאַר אַ מענטשן, אַפֿילו אַזוינס, וואָס איז לויט זייער מיינונג ניט נייטיק.

אויף אַ ספּעציעלער זיצונג האָבן מיר באַשלאָסן צו מאַכן אַ כשרן פּסח, כדי ברוך זאָל קענען פֿייערן דעם יום־טוב צוזאַמען מיט אונדז. מיר האָבן גערייניקט און געכשרט אַלץ, וואָס ס'איז נאָר מעגלעך געווען, לויט דער אָנווייזונג פֿון אונדזערס אַ שכן אַ רב. דאָס איבעריקע געקויפֿט נייס, ספּע־ציעל אויף פּסח. די קינדער האָבן אַפֿילו אויסגעדריקט זייער גרייטקייט צו זאָגן די הגדה און צוגרייטן אַלע מאכלים לויטן דין. אין דער היים האָט געהערשט אַזאַ הויכע מאָראַל, אַ מסירות־נפֿשדיקע גרייטקייט צו מאָן אַלץ איבער די כוחות צוליב ברוכן.

ווען דער גאַנצער פּסח איז שוין געווען צוגעגרייט זיינען מיר אַלע אַוועק אין באָד און אָנגעטאָן ריינע וועש און טיילווייז נייע בגדים, און אין אַ יום־טובדיקער שטימונג זיך אַוועקגעזעצט וואַרטן אויפֿן ליבן חבר ברוך. דער רב איז שוין געהאַט געקומען פֿון דאַווענען, פֿון אַלע פֿענצטער הערט מען שוין זאָגן די הגדה און אונדזער ברוך איז נאָך אַלץ ניטאָ. די קינדער

זיינען געזעסן און געקוקט אויפֿן ווייסן טישטעך, אויף די געשמאַקע מאכלים אויפֿן טיש, וואָס איז געווען באַלויכטן פֿון די יום־טוב־ליכט און די סלינע איז זיי ממש גערונען פֿון מויל. דער הונגער האָט געמאַטערט, אָבער קיינער האָט ניט פֿאַרגעלייגט אָנהייבן די סעודה אָן ברוכן. מיר האָבן באַשלאָסן זיך אַרויסלאָזן און אויפֿזוכן אים. מיר זיינען אויסגעווען אין אַלע בתי־מדרשים און אים ניט געפֿונען. אַנטוישטע האָבן מיר זיך אומגעקערט אַהיים שפּעט ביינאַכט, זאָרגנדיק וועגן גורל פֿון אונדזער ליבן חבר. די יום־טובדיקע סעודה איז אָפּגעגעסן געוואָרן אין אַ זייער וואָכעדיקער שטימונג. יעדער איינער האָט צוגעטראַכט אַן אַנדער סיבה וועגן זיין נעלם ווערן, אָבער דעם אמת האָבן מיר זיך דערוווּסט ערשט מיט אַ סך וואָכן שפּעטער. ביז שפּעט אין אָונט זיינען מיר געזעסן און געטראַכט, צי ער איז ניט צומאָל קראַנק געוואָרן און געפֿינט זיך אין אַ שפּיטאָל און מידע זיך אָוועקגעלייגט שלאָפֿן. ווען די קינדער האָבן אין דער פֿרי גע־עפֿנט די אויגן, איז זייער ערשטע פֿראַגע געווען וועגן ברוכן.

גלייך נאָך פֿרישטיק האָבן מיר זיך אַוועקגעלאָזן איבער די שפּיטאָלן, אָבער אין ערגעץ אים ניט געפֿונען.

אַ סך טעג נאָך פּסח האָבן מיר אים אַרומגעזוכט און זיך שטאַרק געזאָרגט וועגן זיין גורל, ביז מיר זיינען מיד געוואָרן און זיך גענומען צו דער רעגולערער אַרבעט, ווייל מיר האָבן זייער פֿיל צייט פֿאַרלוירן מיט דער זוכעניש. דריי וואָכן נאָך פּסח איז פּלוצים געקומען ברוך. די שמחה איז געווען ביזן הימל. די קינדער האָבן אים אַרומגערינגלט, אַרומגעטאַפּט זיי־נע שמוציקע קליידער און באַשאָטן אים מיט צענדליקער פֿראַגן. זיי האָבן אים דערציילט, ווי אַזוי זיי האָבן געגרייט דעם סדר, ווי לאַנג זיי האָבן הונגעריקע געוואַרט אויף אים אין דער סדר־נאַכט, ווי אַזוי זיי האָבן אים אַרומגעזוכט ביז שפּעט אין דער נאַכט.

ברוך איז געווען גערירט ביז טרערן פֿון דעם אַלעם און געבעטן, אַז זיי זאָלן אים מוחל זיין פֿאַרן פֿאַרשטערטן יום־טוב. מיר האָט ער דער־ציילט, אַז ער איז אַוועק אין אַ צווייט שטעטל, ווו מ׳קען אים ניט, ווייל ער האָט ניט געהאַט קיין ריינעם בגד לכבוד יום־טוב און האָט ניט געוואָלט אַריינטראָגן די גרויע וואָכעדיקייט אין דער יום־טובדיקער אַטמאָספֿער.

ברוכס באַשיידנקייט איז אָפט דערגאַנגען ביז אומנאַרמאַלקייט. ער האָט זייער אָפט ניט פאַרשטאַנען אָפצושאַצן וואָס איז וויכטיקער.

מיר פלעגן זיך באַמיִען אויסצונוצן די שיינקייט פון אונדזערע טראַ־דיציעס. פורים, למשל, פלעגן מיר שיקן מתנות פאַר די קינדער. די קינ־דער האָבן פאַרגעלייגט צו קויפן אַ מתנה פאַר ברוכן, אַ שיין העמד אויפן חשבון פון צוויי וואָכן קינאָ־ אָדער טעאַטער־באַזוך. איך בין געווען גליק־לעך מיט זייער דערהויבנקייט. ברוך האָט די מתנה ניט אָנגענומען און אויפגעהערט בכלל קומען צו אונדז.

אָט אַזוי ווערן טייל מאָל דורך אונדז, דערוואַקסענע מענטשן, אַכזריות־דיק אָפּגעשטויסן די ריינסטע געפילן פון קינדער, וואָס ווערן פאַרוואַנדלט אין כעס און אין פאַרביטערונג.

אונדזער פריינד לייב עפּראָן

מיט דער צייט האָבן זיך די ידיעות וועגן אונדזער היים אַלץ מער און מער פאַרשפּרייט און אַריינגעדרונגען צווישן די ווילנער יידן. טאָג־איין, טאָג־אויס, פלעגן קומען צו אונדז פאַרשידענע עקסקורסיעס: פּראָפעסיאָ־נעלע פאַראיינען, סטודענטן, לערער און סתם מענטשן; זיי פלעגן קומען זען, צי איז טאַקע אמת וואָס די צייטונגען שרייבן וועגן אונדזער היים, וואָס האָט געטראָגן דעם נאָמען „ווילנער רעפּובליק שקיד".* צווישן די אַלע באַזוכער איז אויך געווען דער באַקאַנטער קונסט־גראַווירער און דרוק־קעריי־אייגנטימער לייב עפּראָן. נאָכן פאַרברענגען מיט אונדזערע קינדער אַ קורצע צייט, צוקוקנדיק זיך צו אונדזערע שווערע באַדינגונגען, האָט ער מיר פאָרגעלייגט זיין הילף דורך לערנען די קינדער דאָס דרוקער־פאַך. פריינד עפּראָן האָט אין דרוק־וועזן געזען ניט נאָר אַ פאַכקענטעניש, ער האָט אין יעדער פאָרעם פון אותיות געזען קונסט, געשיכטע און חכמה. איך האָב אים געפרעגט צי ער מיינט, אַז אונדזערע קינדער זיינען גענוג גייסטיק צוגעגרייט, כדי עס אויפצונעמען. דערויף האָט ער געזאָגט, אַז אויב ניט

* ראשי תיבות פון רוסיש: „שול אויפן נאָמען פון דאָסטאָיעווסקי".

אַלע איז אָבער כדאי עטלעכע פון זיי אָנפּילן מיט שעפערישער פרייד פון דער דרוקער־קונסט. פריינד עפראָן איז געווען אַ האָרץ־ליידנדיקער און נאָך אַ שווערן טאָג אַרבעט פלעגט ער מיט די לעצטע כוחות, צווי מאָל אַ וואָך, זיך אַרויפשלעפּן אויף די צעשעדיקטע טרעפּ, כדי אַריינטראָגן אין אונדזער לעבן אַ ביסל ליכט. ער פלעגט די קינדער געבן פריַער אַ טעאָרעטישע אויפקלערונג און שפּעטער זי אילוסטרירן פּראַקטיש.

אויב דער עמאָציאָנעלער צושטאַנד פון די קינדער איז שוין געווען אַ סך העכער זינט זייער אַהערקומען, איז אָבער דער אינטעלעקטועלער מצב זייערער געווען זייער נידעריק. כדי צו פאַרשטיין עפראָנס לעקציעס וועגן געשיכטע, קונסט און אַנטוויקלונג פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט, האָבן די קינדער געמוזט זיין אויף אַ העכערער מדרגה. עפראָנס מסירת־נפשדיקע אַרבעט האָט דעריבער ניט געהאַט דעם געוווּנשטן דערפאָלג, וואָס זי האָט געקענט האָבן ביי אַ נאָרמאַל־אַנטוויקלטער קינדער־גרופּע. די קינדער האָבן ניט אַרויסגעוויזן דעם געהעריקן אינטערעס און זיך ניט גענומען ענערגיש צו דער אַרבעט.

צוקוקנדיק זיך צו דעם שוואַכן אינטערעס פון די קינדער און צו דעם גרויסן קרבן, וואָס פריינד עפראָן ברענגט, האָב איך באַשלאָסן זיך מיט אים אַדורכשמועסן און ראַטן אים שאַנעווען דאָס געזונט, וואָס איז פאַר יעדן אַ גרויסער אוצר.

דער יום־טוב פון הייליקן קאַזימיר

דער יום־טוב פון הייליקן קאַזימיר איז אַלע מאָל געווען אַ גרויסע אַטראַקציע פאַר דער שטאָט ווילנע און איר פּראָווינץ. אין דעם יום־טוב פלעגט מען איינאָרדענען אַ יאַרמאַרק אויפן לוקישקער פּלאַץ אין ווילנע, צו וועלכן עס פלעגן געבראַכט ווערן האַנט־אויסאַרבעטונגען, קונסט־אַרבעט און פאַבריק־פּראָדוקציע פון גאַנץ פּוילן. דאָס איז געווען אַ פּרעכטיקע אויס־שטעלונג פון אויסאַרבעטונגען פון פאַרשידענע סטילן, וואָס האָבן דער־

ציילט וועגן דער ספּעציפֿיק פֿון יעדער געגנט. עס האָט ממש פֿאַרכאַפּט דאָס אויג. די פּאַווילאָנען זיינען געווען גאַנץ פּרימיטיוו געבויט, אָבער זיי זיינען געווען איינגעהילט אין שיינע טעפּיכער און בלומען.

דער יאַרמאַרק האָט געדויערט כמעט אַ וואָך צייט. במשך דער גאַנצער וואָך האָט דאָ געווימלט פֿון מענטשן. צענדליקער טויזנטער בירגער פֿון גאַנץ פּוילן פֿלעגן אָנקומען, ווער קויפֿן און ווער... גנבענען. די מוזיק האָט געשפּילט, די שטופּעניש איז געווען גרויס און פֿאַר די גנבים איז דאָס געווען דער בעסטער סעזאָן. די קינדער פֿלעגן דערציילן, אַז איין „קאַזימיר" קען אַ מאָל סטייען אויף חדשים צום לעבן. ניט קוקנדיק אויף דער וואַכזאַמקייט פֿון דער פּאָליציי, איז זי ניט געווען בכוח צו באַשיצן די פֿאַרקויפֿער פֿון די גנבים. פֿאַר אַזאַ יום־טוב פֿלעגט מיר אַלע מאָל שטאַרק קלאַפּן דאָס האַרץ. איך פֿלעג ניט אויפֿהערן צו טראַכטן ווי אַזוי בשלום איבערצוקומען דעם יום־טוב. זיין אויפֿן יאַרמאַרק און ניט גנבענען איז פֿאַר די ייִנגלעך געווען ממש אַן אוממענטשלעכע אָנשטרענגונג. זיי זיינען געוווינט געווען לאַנגע יאָרן צו ציִען פֿונעם יאַרמאַרק זייער חיונה און דערביי אַרויסוויזן זייער „העלדישקייט". בלייבן אין שטאָט און ניט גיין, וואָלט געהייסן ווידער אַ מאָל אַ שווערע פֿאַרגוואַלדיקונג פֿון זייער ווילן, וואָס האָט געברענט אין זיי. דעם ערשטן יאָר, בעת אונדזער היים איז אַנטשטאַנען, איז מיר ניט געלונגען מיט עפּעס צו פֿאַרטרעטן דעם יאַריד־באַזוך, און מיר האָבן באַשלאָסן צו גיין אַלע צוזאַמען, אויסגעבן עטלעכע זלאָטעס אויף זיסיקייטן און קליינע אָנדענק־מתנות און גיין אַהיים ווי דערוואַקסענע, ערלעכע מענטשן.

די קינדער האָבן הייליק צוגעזאָגט זיך האַלטן צוזאַמען און ניט אָנטאָן קיין חרפּות. נאָך אַ פֿיר־שעהדיקן שפּאַציר האָבן מיר זיך מידע צוריקגעקערט אַהיים. די שטימונג איז געווען אַ מונטערע. נאָר איין איסער האָט ניט מיטגעלאַכט. ער האָט זיך באַמיט צו שמייכלען, אָבער דער בליק איז געווען ערנסט און אָנגעשטרענגט. איך האָב אָנגעהויבן נאָכטראַכטן, צי ער איז געווען די גאַנצע צייט מיט אונדז צוזאַמען און איך האָב זיך דערמאָנט, אַז אין אַ געוויסן מאָמענט האָב איך אים ניט געזען. אויף מיין פֿראַגע וווּ איז ער געווען אין דעם מאָמענט, האָט איסער קורץ געענטפֿערט: „אין

קלאָזעט!״ חברה האָט זיך איבערגעקוקט און איסערס פּנים איז רויט געוואָרן. איך האָב איבערגעריסן דעם שמועס, ניט וועלנדיק אין קעגנוואָרט פון אַלעמען וואַרפן אויף אים אַ חשד. נאָכן אָונטבערויט, ווען אַלע זיינען אַוועק שלאָפן, בין איך געבליבן אין קאַנצעלאַריע מאַכן, כלומרשט, די חשבונות און אָנגעשטרענגט אַלע מיינע מחשבות וועגן איסערס האַנדלונג. ווען איך בין 11 אַ זייגער אַריין אין די שלאָפצימערן זיינען אַלע שוין געשלאָפן מיט אַ זיסן שלאָף. איין איסער האָט זיך נאָך געדרייט ווי אַ שלאַנג פון איין זייט אויף דער צווייטער. מיין געדאַנק איז די גאַנצע צייט געווען געווענדט צו אים און ס׳האָט אים, ווייזט אויס, קיין רו ניט געגעבן. ביז האַלב דריי ביינאַכט האָט ער געקעמפט מיט זיך און ניט אויסגעהאַלטן מער און איז שטילינקערהייט אַריין צו מיר אין קאַנצעלאַריע.

— איך האָב געוווּסט, אַז דו וועסט קומען צו מיר. ווו איז עס?

— אויפן הויף הינטער דער הייזקע פון קלאָזעט, — האָט ער שטיל, מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן, געענטפערט.

— קום, מיר וועלן אַראָפּגיין עס אויפזוכן איידער עמעצער וועט עס געפינען.

מיט שטילע טריט זיינען מיר ביידע אַדורך די פינצטערע צימערן, דעם קאָרידאָר און טרעפּ. דאָס האַרץ האָט אין מיר געצאַפּלט טאָמער גייט עמעץ אַרויס און וועט זען ווי מיר זוכן די גניבה. מיט טרייסלענדיקע הענט האָט ער געגראָבן אין דער פינצטער אין שמוץ און אָנגעטאַפּט אַ שאַכטל. מיר זיינען פאַרזיכטיק אַרויף אין שטוב, פאַרשלאָסן די קאַנצעלאַריע, כדי קיינער זאָל ניט זען די שאַנד און ניט הערן אונדזער געשפּרעך. איסער הייבט ניט אויף די אויגן, ער שעמט זיך פאַר זיין שוואַכקייט.

— וואָס זאָל מען טאָן, ניט אַלע מענטשן ווערן גלייך שטאַרק. אָבער דו מוזט זיך דערמאָנען, ווו דו האָסט עס גענומען, כדי מיר זאָלן קענען גוט מאַכן די שלעכטע טאַט.

— מיר דוכט, אַז דער מענטש האָט אַ קראָם אויף דייטשישער גאַס פון זילבער־זאַכן.

די גניבה איז באַשטאַנען פון זעקס באַגילדטע קאָנפיטור־לעפעלעך. מיר האָבן אָפּגערעדט מאָרגן אויפצוזוכן די קראָם מיטן קרעמער און נאָך

אַן אויספֿאָרשונג, צי ער איז מסכּים ניט איבערצוגעבן דעם ענין דער פּאָליציי, וועלן מיר אים צוריקקערן די גניבֿה. מיט אַ באַפֿרייטן און דאַנק־באַרן בליק איז איסער אַוועק אויף זיין געלעגער. אין 15 מינוט אַרום איז ער שוין געשמאַק געשלאָפֿן.

עס קומט אָן דער פֿרילינג מיט זיין געפּאַר

עס האָבן זיך אָנגעהויבן דערנענטערן די פֿרילינג־טעג. די זון האָט אַלץ מער און מער געלויכטן און דערוואַרעמט די פֿאַרגליווערטע ערד. דיביימער האָבן אָנגעהויבן אַרויסלאָזן קנאָספּן. אויף דער אויפֿגעוואַרעמטער ערד האָבן זיך באַוויזן די ערשטע גרינע גרעזלעך. אין די נעכט טראָגט זיך דאָס געוויין פֿון קעץ, דער געוואָי פֿון הינט. אויך אינעם מענטשן וועקן זיך פֿרישע דרימלענדיקע כּוחות. אַלץ רייסט זיך צום לעבן, אַלץ איז פֿול מיט אַ בענקשאַפֿט וואָס שטורעמט אויף די הערצער אין אונדזערע קינדער. דער פֿרילינג־אומרו רייסט זיי ביסלעכווייז אַרויס פֿון דער ווינטערדיקער רויִקייט. די שטימונג ווערט אַלץ געדריקטער, די אַר־בעט — שוואַכער און עס ווילט זיך אַלץ אָפֿטער אַראָפּגיין אין שטאָט, אָטעמען מיט דער פֿרייהייט און זאָרגלאָזיקייט פֿון אַ מאָל. דער פֿרילינג רייצט אַלץ מער און מער, שטאַרקט די געפּאַר פֿון וועלן זיך אַרויסרייסן פֿון די אַרומיקע ווענט. די היים, וואָס האָט אין די קאַלטע און נאַסע האַרבסט־ און ווינטער־טעג געוואַרעמט און באַרויִקט, דריקט איצט ווי אַ שווערער שטיין אויפֿן געמיט פֿון די קינדער.

די עלטערע ייִנגלעך הייבן אָן אָפֿט צו דערמאָנען זייערע מיידלעך פֿון די „מאַלינעס“, וויצלען זיך גראָב אויף זייער חשבון און מ׳בענקט. די קריי־געריייען ווערן אַלץ אָפֿטער און אָפֿטער און דערגייען ביז געשלעגן. די מע־סערס, וועלכע זיינען שוין געווען כּמעט ווי פֿאַרשוווּנדן, האָבן ווידער אָנ־געהויבן גלאַנצן אין די הענט פֿון די קינדער. ניט איין מאָל זיינען די גע־שלעגן דערגאַנגען ביז בלוט. מ׳האָט געמוזט זוכן נייע וועגן, נייע, שטאַרקע

עמאָציעס, וואָס זאָלן זיי אַוועקרייסן פון די חלומות וועגן אַמאָליקע נצחונות און העלדישקייט.

— צוזאַמען מיטן פרילינג איז פאַר זייערע אויגן אויפגעשווומען נאָר דאָס שיינע פון אַמאָליקן לעבן. זיי האָבן פאַרגעסן די שווערע הונגער־טעג, די קאַלטע נעכט אין די „מאַלינעס", די קלעפּ פון דער פּאָליציי, די מאָמענטן פון שרעק. דער פרילינג האָט געוועקט די עראָטישע אינסטינקטן, וואָס פלעגן אין די פריערדיקע באַדינגונגען אַזוי פּשוט באַפרידיקט ווערן (אין די „מאַלינעס" פלעגן זיך אויך געפונען מיידלעך). יעדער פרילינג־טאָג האָט אַלץ מער פאַרגרעסערט דעם אָנגעזאַמלטן אויפרייסשטאָף. עס האָט זיך געדוכט, אַז אָט־אָט וועלן זיי אויפפּראַלן די טירן און מיט אַ זיגערישן הוראַ אַרויס אין דער פרייער, זוניקער וועלט און דאָס אַלץ מיט אַזוי פיל מי געשאַפענע און דערגרייכטע וועט צעטראָטן ווערן און פאַרשווינדן אָן אַ שפּור.

איין מחשבה האָט געיאָגט די צווייטע. וואָס טוט מען? ווי אַזוי ראַטע־ווערט מען די חברה פון זיכערן פאַלן? אפשר אַרויסגיין מיט זיי אין דאָרף אויף אַרבעט? ניין! זיי וועלן אַנטלויפן, צו ווייניק עמאָציעס. איך לייג זיי פאָר צו גרייטן אַ פאָרשטעלונג און אַרויספאָרן מיט איר איבער דער פּראָ־ווינץ. דאָס רעפּעטירן, מאָלן און צוגרייטן דעקאָראַציעס, דער דורשט צו זיין כאָטש איין מאָל אויף דער בינע, שפּילן טעאַטער, מאַכן געלט, קריגן כבוד, אַלץ — אַלץ וואָס זיי האָבן אין לעבן קיין מאָל ניט געהאַט, אפשר וועט דער דאָזיקער רייץ גובר זיין דעם עראָטישן...

מיין בייער פּלאַן ווערט אויפגענומען מיט גרויס באַוווּנדערונג און אינ־טערעס כמעט דורך אַלע קינדער. ריקל און זשאַמקע רעדן ניט, זיי זיינען שוין אינערלעך גרייט זיך צוריקצוקערן צו זייער אַלט לעבן. זשאַמקע איז נעכטן געווען ביי דער מאַמען און זי האָט אים זיכער צוגערעדט צו פאַר־לאָזן די היים און העלפן איר אין איר פּרנסה.

מיר הייבן אָן גרייטן די פאָרשטעלונג, די, וועלכע קענען מאָלן טרעטן צוצוגרייטן די דעקאָראַציעס. די אַרבעט גייט אָן ביז 11 אָוונט. מען זוכט וועגן צו באַקומען פּאַסיקע קליידער. עטלעכע יינגלעך גרייטן בילעטן. מען דיסקוטירט וועגן דער צאָל. אַנדערע ווילן גרייטן טויזנט און זיי זעען שוין

אין זייער פֿאַנטאַזיע די גרויסע סומע געלט. אַנדערע הייבן שוין אָן צו פֿאַנטאַזירן, וואָס מ׳וועט איינקויפֿן פֿאַרן געלט. יעדער לייגט פֿאָר אַן אַנדער זאַך און מ׳קריגט זיך שוין איבערן קאַפּיטאַל, וואָס איז נאָך ניט געבוירן געוואָרן. די פֿאַנטאַזיע וואַקסט ווי אויף הייוון און איך זע שוין די אַנטוי־שונג. מ׳מוז אָבער שווייגן, די שפּאַנונג מוז אָנהאַלטן, דאָס איז אַ קעגן־גיפֿט קעגן דער ערגסטער דראַטישער שפּאַנונג. איך רעכן אויס, אַז די צוגרייטונג וועט דויערן 4—5 וואָכן, די אַרויסטרעטונגען אויך עטלעכע טעג. איך האָב אָנגעהויבן זוכן פֿריינד אין די אַרומיקע שטעטלעך, כּדי צו פֿאַרזיכערן דעם דערפֿאָלג פֿון אונדזער אונטערנעמונג. איך וויל אויך, אַז מ׳זאָל זיי שיין אויפֿנעמען, מכבד זיין, ווייזן זיי די אַרומיקע געגנט. איך וויל, אַז די פֿאַר־שטייער פֿון שטעטל, וווּ מיר דאַרפֿן קומען זאָלן זיי דערציילן וועגן די פֿאַרשריטן, וואָס זיי האָבן דערגרייכט דורך זייער אַרבעט. אפֿשר וועט דאָס וועקן ביי אונדזערע קינדער נייע מחשבות. איך רעכן אויס, אַז פֿון אין אַרויסטריט ביזן צווייטן דאַרף ווידער דויערן אַ וואָך, כּדי צו פֿאַר־בעסערן די עווענטועלע פֿעלערן פֿון דער ערשטער פֿאַרשטעלונג. דאָס אַלץ וועט אַוועקנעמען צייט פֿון דער שרעקלעכער תּקופֿה און דערנענטערן אונדז צום האַרבסט. דער פֿרילינג — די שענסטע תּקופֿה אין דער נאַטור, איז אויך די שווערסטע תּקופֿה אין דער אַרבעט מיטן פֿאַרוואַרלאָזטן קינד.

די צוגרייטונגען צום ערשטן אַרויסטריט האָבן געדויערט פֿיר וואָכן. די קינדער זיינען געווען אומגעדולדיק. געוועזן מינוטן פֿון צווייפֿל: זיי פֿלעגן אויפֿהערן גלייבן, אַז עס וועט אַמאָל קומען דער גרויסער טאָג פֿון זייער אויפֿטריט. איך זאָג זיי אָבער, אַז אויב מיר וועלן ניט זיין גוט צוגעגרייט צום ערשטן אַרויסטריט דאַן איז אַלץ פֿאַרלוירן. זיי האָבן מורא פֿאַר אַ דורכפֿאַל און באַמיִען זיך מיט אַלע כּוחות צו באַהערשן און אַרבעטן פֿלייסיק. איציק ליפּשיץ, וועלכער איז געבליבן אונדזער פֿריינד, נאָכן פֿאַרלאָזן אונדזער ערשטן לאָקאַל אין „בין״, העלפֿט אונדז אַדורכפֿירן די אונטערנעמונג. ער קומט צו פּראָבן, ער העלפֿט פּאַקן דעם אינווענטאַר און איז אַפֿילו אַרויסגעפֿאָרן מיט אונדז צום אַרויסטריט קיין פּאָדבזשע־זשע. די שפּאַנונג איז געווען גרויס. די אומזיכערקייט אין דערפֿאָלג איז געשטיגן ביז דער לעצטער מינוט. דער פֿאָרהאַנג דאַרף זיך אויפֿהייבן און

מיטן פאַרוואָרלאָזטן קינד

די קינדער טרייסלען זיך פון שרעק. איך פּרוּוו זיי טרייסטן, אַז קיינער טראַכט ניט אַז מיר זיינען פּראָפעסיאָנעלע אַרטיסטן און מ׳דערוואַרט ניט פון אונדז קיין אויסערגעוויינלעכע קונסט־לייסטונגען. מיר האָבן געטאָן דאָס בעסטע ביים צוגרייטן זיך אַזוי, אַז מיר קענען זיין רויק און זיכער. מיר האָבן געמאַכט אַ „לחיים" אויף אַ גלעזל לעמאָניאַד און זיך אָנגענומען מיט שטימונג און מוט.

דער ערשטער אַקט איז אַדורך מיט דערפאָלג און דאָס האָט צוגעגעבן מוט און זיכערקייט און מיטגעווירקט אַז דער צווייטער און דריטער אַקט זאָלן אויספאַלן נאָך בעסער. דער אַרויסטריט האָט זיך פאַרענדיקט מיט גרויס דערפאָלג און שטורמישע אַפּלאָדיסמענטן האָבן פאַרהילכט דעם זאַל. אין דער פאָרשטעלונג האָבן זיך באַטייליקט אַלע קינדער אָן אויסנאַם, קיינער איז ניט געבליבן אויסער דער בינע.

די פרייד פון די קינדער איז געווען אומבאַשרייבלעך. דאָס ערשטע מאָל אין לעבן האָבן זיי באַקומען אַזוי פיל לויב פון מענטשן. זיי זיינען געווען צעהיצט און רויט און פול מיט שטאָלץ, אָבער זיי האָבן ניט פאַר־געסן פרעגן ליפּשיצן וויפל בילעטן מען האָט פאַרקויפט. די פאַרדינסטן זיינען ניט געווען גרויס, אָבער די פריינד, וואָס מיר האָבן זיך איינגעשאַפט, האָבן געשאַפן אַ וווּנדערבאַרע שטימונג. זיי האָבן אונדז איינגעלאַדן אויף אַ פיינעם אָונטבברויט אין זייער קלוב, האָבן אונדז פאַרגעלייגט איבערנעכ־טיקן אין אַ גרויסן שייער מיט פרישׂ היי און אויף צו מאָרגנס אונדז געוויזן דאָס שטעטל און אונדז אָפּגעפירט מיט זייערס אַ לאַסטוואָגן, כדי אונדז איינשפּאָרן הוצאות.

נאָך דער פאָרשטעלונג האָבן מיר באַקומען אַן איינלאַדונג צו קומען מיט אַן אויפטריט קיין מיישעגאָלע. די גרויסע שפּאַנונג האָט געשאַפן אַ גליקזעליקע מידקייט. די קינדער זיינען געווען צופרידן, וואָס די איינלאַ־דונג איז געווען אויפן צווייטן שבת; האָט מען דערוויילע זיך געקענט אַ וואָך אָפּרוען. די שטימונג איז געווען אַזוי געהויבן, אַז מ׳האָט אַפילו ניט געטראַכט וועגן אַראָפּגיין אין שטאָט. אויב אַזאַ געדאַנק איז אויפגעקומען מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער, איז עס געווען, כדי זיך צו באַרימען פאַר די חברים מיט זייער דערפאָלג.

ווען די אַרויסטרעטונגען האָבן זיך געענדיקט איז נאָך געשטאַנען אַ הייסער זומער. די ערשטע וואָכן זיינען נאָך די קינדער געווען אונטערן שטאַרקן רושם פון זייער הצלחה, שפּעטער אָבער, אויף די זיצונגען, האָט זיך אָנגעהויבן אַ וויכוח, וואָס מ׳זאָל קויפן פאַרן געלט. די געפאַר פון דער תקופה איז נאָך אַלץ ניט געווען אַוועק. דער רושם האָט זיך ביסלעכ־ווייז אויסגעוועפּט און די בענקשאַפט נאָך דער פרייהייט האָט ווידער אָנגע־הויבן אַרויסקריכן ווי אַ וואָרעם פון זייערע הערצער. די שטורמישע טעג האָבן זיך צוריקגעקערט. מ׳האָט געמוזט דערציִען ביזן רעגנדיקן האַרבסט. אויף די זיצונגען פלעגן געבראַכט ווערן פאַרשידענע פאָרשלאָגן וואָס מיר זאָלן טאָן מיטן געלט. אַלע פאָרשלאָגן זיינען געווען רעאַלע. אין דער פּראַקטיק אָבער האָבן זיי ניט געגעבן די גאַראַנטיע, אַז זיי וועלן אָפּהאַלטן די קינדער פון רעצידיוון.

ווען אַלע קינדער האָבן דיסקוטירט איבער די אַריינגעטראָגענע פאָר־שלאָגן, האָב איך געבעטן אַ וואָרט און פאָרגעלייגט אַרויסצופאָרן פאַרן פאַרדינטן געלט אויף דאַטשע אין אַ וואַלד, זיך באָדן אין אַ טייך און פילן איין מאָל אין לעבן דאָס, וואָס רייכע קינדער פילן יעדן זומער. פאַרשטענד־לעך וועט מען נאָך דאַרפן צולייגן צו דעם געלט דעם לויפנדיקן חודש־בודזשעט און אפשר נאָך מער, אָבער עס לוינט. אַזאַ געניטוס קען אונדז געבן כוח אויף אַ לאַנגער צייט. איין חודש אָטעמען מיט ריינער לופט, אויסרייניקן די לונגען פונעם פאַרסמנדיקן שטאָטישן טשאַד, אָפּפרישן דעם גוף דורך ספּאָרט־איבונגען אויף פרישער לופט, באָדן זיך אין פליסיקן וואַסער באַ־רויִקט די נערוון און פילט אָן דעם גוף מיט פרייד און לעבנסלוסט. מירן דאַרפן מאַכן אַ פעלד־אויוון און דאָרט קאָכן אונדזערע געקעכטסן. מיר וועלן דאַרפן האַלטן ריין אונדזער שטוב, אָדער שייער, כדי מ׳זאָל אונדז ניט אַרויסשיקן פון דער דאַטשע.

די קינדער זיינען געווען אַזוי איבעראַשט פונעם פּלאַן, אַז זיי האָבן געשמייכלט און ניט געוווסט ווי אַזוי צו רעאַגירן, ווייל זיי האָבן זיך פּשוט נישט געקענט פאָרשטעלן דעם תענוג. זיי האָבן זיך איבערגעקוקט און גע־ווייצלט: ממש בורזשויען, נאָר אַ קאַרעטע פעלט אונדז אַרומצופאָרן איבער די גאַסן. זיי האָבן ניט געגלייבט, אַז דאָס קען פאַרווירקלעכט ווערן. זיי האָבן

געזאָגט, אַז דאָס איז בלויז אַ שיינער חלום. זיי האָבן זיך ניט געקענט פאָר־שטעלן צו דערלעבן אַזאַ גרויס גליק. זיי האָבן, פאַרשטייט זיך, מיין כוונה ניט פאַרשטאַנען. ווען עס האָט זיך מיר איינגעגעבן זיי צו פאַרזיכערן, אַז דער פאָרשלאָג איז אַ רעאַלער, האָבן זיי ניט אויפגעהערט צו פרעגן: ווען וועלן זיי שוין פאָרן? איך האָב זיי דערקלערט:

— אויב איר וועט מיט ענערגיע אַרויסענדיקן אַלע באַשטעלונגען און די אָנגעהויבענע אַרבעטן, קען דער אַרויספאָר שנעל פאַרווירקלעכט ווערן.

זיי האָבן זיך פלייסיק אַ נעם געטאָן צו דער אַרבעט און איך בין אַרויסגעפאָרן אין דער אַרומיקער געגנט, ווו מיר האָבן געגעבן די פאָרשטע־לונג, זוכן אַ דאַטשע.

אונדז צו הילף איז געקומען שלמה קאָוואַרסקי, אַ סטודענט פון כעמיע. ער האָט אָפּגעגעבן אונדזערע קינדער אַ סך פון זיין פרייער צייט און געזען אין זיין הילף אַן אידעיִשע שליחות. כאָטש ער האָט ניט געהאַט קיין פּעדאַ־גאָגישע צוגרייטונג, האָט ער מיט זיין ליבשאַפט און פאַרשטענדעניש פאַר די קינדערישע פּראָבלעמען זיך דערוואָרבן צוטרוי און ליבשאַפט מצד די קינדער.

די פריינד, וואָס מיר האָבן זיך דערוואָרבן אין דער צייט פון די אַרויס־טרעטונגען האָבן זיך גלייך געשטעלט צו מיין דינסט און זיינען מיט מיר אַוועק צו זייערע באַקאַנטע פּויערים און מיר האָבן געפונען אַ כאַטע ניט ווייט פון אַ טייך, וואַלד און לאָנקעס און דערצו אַ גרויסער שטח אַרום דעם הויז פאַר שפּילערייען, טרעפונגען און ספּאָרט־פאַרמעסטונגען. זיי האָבן מיר אַפילו צוגעזאָגט צו אָרגאַניזירן אַ קרייז, וואָס וועט צוויי מאָל אַ וואָך קומען צו אונדז, פאַרברענגען מיט די קינדער, איינאָרדענען שפּאַצירן אין דער אומגעגנט און דורכפירן ספּאָרט־פאַרמעסטונגען. זיי האָבן מיר אויך צוגעזאָגט צו בעטן אַ באַקאַנטן קרעמער מיטצונעמען קיין ווילנע אונדזער אַרעמען אינווענטאַר, כדי אונדז איינשפּאָרן הוצאות.

כ׳בין אַהיים געקומען אַ גליקלעכע און דערציילט וועגן אַלעם די קינדער, אונטערשטרייכנדיק דערביי וויפל גוטע מענטשן עס זיינען פאַראַן אויף דער וועלט. די קינדער האָבן מיט נייגעריקייט געשלונגען יעדעס וואָרט און צום סוף זיך אַ לאָז געטאָן אין אַ ווילדן טאַנץ. מ׳איז געשפּרונגען פון

שמחה, געשטופּט איינער דעם צווייטן און געשריען אַן אַ מאָס. צדוק, וועל־כער איז אומגעפאַלן און זיך גוט צעקלאַפּט איז אויפגעשטאַנען ווי אַ צע־רייצטער וואָלף און זיך אַ וואָרף געטאָן אויף איסערן. די קלעפּ זיינען געוואָרן אַלץ שטאַרקער און פון איסערס נאָז רינט שוין בלוט. דערזעענדיק בלוט ווערט צדוק נאָך מער נערוועז (ער פלעגט ליידן פון ווייסן פיבער), באַקומט אַן אַנפאַל און איז מער ניט פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זיינע טאָטן.

איך בעט אַלעמען אַרויסגיין פון שטוב ביז צדוק וועט זיך באַרויִקן. איסער וויל אים ניט מוחל זיין. ער מוז פון אים אַרויסשלאָגן זיין משוגעת מיט געזונטע קלעפּ. חברה האָט צדוקן ניט ליב געהאַט, ווייל מ׳קען מיט אים קיין שפּאַס ניט מאַכן. ער ווערט גלייך צעקאָכט און מאַכט אַ טומל. זיי שטייען און שעפּן נחת פון די קלעפּ וואָס איסער דערלאַנגט אים. ווען צדוק איז שוין געוואָרן צעבלוטיקט האָט זיך איסער באַרויִקט און אַרויס פון שטוב. נאָך אים איז אַרויס די גאַנצע חברה. צדוק אָבער בושעוועט. ער כאַפּט אַ טעלער און וויל אים וואַרפן דורכן פענצטער איסערן אין קאָפּ אַריין. איך דערמאָן אים, אַז דער טעלער איז זיינער און שוין צו אָונטבברויט וועט ער ניט האָבן אין וואָס צו עסן. דערהערנדיק דאָס וואָרט „עסן״, האַלט ער זיך אָפּ פון וואַרפן דעם טעלער, ער ווייסט גוט, אַז קיינער פון די קינדער וועט אים פאַר אַזאַ טאָט זיין טעלער ניט אויסבאָרגן.

עסן איז ביי צדוקן א ליידנשאַפט. ביי יעדן מאָלצייט ציטערט צדוק, אַז ביי עמעצן אין טעלער זאָל, חלילה, ניט זיין אַ לעפל מער. מיר האָבן אָפּגע־מאַכט מיט די קינדער, אַז ווען צדוק שרייט, קוקט יעדער אין זיין טעלער און ענטפערט ניט. מיר האָבן אויך באַשלאָסן צו מאַכן צדוקן פאַרן עסן־פאַר־טיילער, כדי ער זאָל זיך סוף כל סוף באַפרייען פון זיין אומצוטרוי.

חברה ווייסט, אַז צדוק איז ניט אין גאַנצן געזונט און מ׳מוז אים אַ סך מאָל מוחל זיין, אָבער זיך לגמרי אָפּזאָגן פון דער הנאה פון אַריינוואַרפן אַ ניט־באַליבטן חבר אַ פּאָר וואַרעמע קלעפּ — דאָס האָבן זיי נאָך ניט געקענט.

ווען דער טומל האָט זיך איינגעשטילט און מ׳האָט זיך אַרומגעזעצט אַרום טיש האָבן מיר דורכגעטראַכט ווי לאַנג עס דאַרף נאָך דויערן דאָס אַרויסענדיקן די אַרבעט און מיר האָבן באַשלאָסן דעם 10טן יולי אַרויספאָרן

אויף דאַטשע. פּאַר אַ סך איז דער טערמין געווען אַ צו ווייטער. זיי האָבן זיך געקרימט, געקרעכצט: „אַזוי לאַנג וואַרטן איז צו שווער". אָבער עס האָט ניט געהאָלפן, די אַרבעט האָט מען געמוזט אַרויסענדיקן און אַפילו פאַרקויפן. די ערשטע וואָך האָט מען געאַרבעט פּיבערהאַפּט, מ'האָט ניט געקוקט אויפן זייגער, כדי וואָס גיכער פאַרענדיקן זי און פאָרן. די צווייטע וואָך איז דער טעמפּאָ שוואַכער געוואָרן און די אומגעדולדיקייט אין געוואַקסן פון שעה צו שעה. די אַגרעסיווקייט איז געשטיגן ביז דער לעצטער מינוט. סוף כל סוף האָט מען אַרויסגעענדיקט און אין אַ מזלדיקער שעה אַרויסגעפאָרן.

אויף דאַטשע

ענדלעך איז אָנגעקומען דער לאַנג דערוואַרטער טאָג. איינגעפּאַקט אונדזערע בעבעכעס, כלים, אַ ביסל שפּייז־פּראָדוקטן און אָנגעלייגט אויפן וואָגן, וואָס איז לויטן צוזאָג געקומען אונדז אַריבערפירן אויף דאַטשע. נאָך דער פור זיינען מיר געגאַנגען פריילעכע, מיט מוטיקע טריט. ווען מיר זיינען געקומען הינטער דער שטאָט, האָבן מיר פאַרצויגן אַ ניגונדל צום טאַקט פון מאַרשירן און דאָס האָט נאָך מער דערמונטערט צום גאַנג.

פון אָנהייב האָט די פור אונדז איבערגעיאָגט, אָבער שפּעטער האָבן מיר זי דעריאָגט און באַגלייט די גאַנצע 18 קילאָמעטער מיט געזאַנג. איינס אַ זייגער בייטאָג זיינען מיר שוין געווען אין אונדזער דאָרף. חברה האָט באַקוקט די כאַטע, דעם הויף און זיך גענומען צום בויען אַן אויוון אויפן הויף, אויף צו קאָכן עסן. די איבעריקע קינדער האָבן אויסגעפּאַקט דעם וואָגן, געריייניקט די כאַטע און צוגעגרייט די געלעגערס אויף דער פּאָדלאָגע. ביז מיר זיינען מיט אַלעם פאַרטיק געוואָרן, מיטן איינאָרדענען זיך און מאָלצייט, איז שוין דער זייגער געווען זעקס אָוונט. די זון האָט זיך שוין אָנגעהויבן אַראָפּלאָזן. מיר האָבן אָבער זייער געוואָלט זיך באַקענען מיטן טייך און זיינען טאַקע אַוועק אַהין, הגם די פיס זיינען געווען שטאַרק מיד פון וועג

די קינדער גרייטן דעם מאָלצייט

און פון דער אַרבעט ביים איינאָרדענען זיך. מיר האָבן ממש געשלעפּט די פיס. אויף די פעלדער האָט זיך אָנגעהויבן רחבותדיק אויסצושפּרייטן די נאַכט. מיט יעדער מינוט איז אַלץ טונקעלער געוואָרן. די פייגעלעך האָבן זיך געשושקעט אין זייערע נעסטן. פון דער ווייטנס האָט זיך געהערט דאָס קוואַקען פון די זשאַבעס אין די בלאָטעס אַרום טייך. פון ערגעץ ווו האָט זיך דערטראָגן דער געשעפּטש פון אַ שפּרודלדיק קוועלכל. פּלוצים האָבן זיך פאַר אונדז באַוויזן שטאַרק טונקעלע שאָטנס. דאָס זיינען געווען די ביימער, וואָס האָבן אַרומגערינגלט דעם טייך. ווען מיר זיינען צוגעקומען נענטער האָבן מיר דערזען דעם גלאַנץ פון אונדזער טייכל, וואָס איז זיך געלעגן אַזוי רחבותדיק אין די אָרעמס פון די זאַמדיקע ברעגן. מיר האָבן זיך אַראָפּגע־זעצט אויפן ברעג און אָנגעקוקט דאָס פליסנדיקע וואַסער, אָפּרוענדיק דערביי אונדזערע מידע פיס. אַלעמענס מחשבות זיינען געווען מיטן טייך. מאָרגן פרי וועט ער שוין גלעטן אונדזער לייב, קילן און אָפּפרישן אונדזער גוף. מיר זיינען אַזוי געזעסן ביז אין דער טיפער טונקלקייט פון דער נאַכט און זיך איינגעהערט אין דער אַרומיקער שטילקייט. מיר האָבן איינגעאָטעמט די דופטיקע ריחות אין די לונגען אַריין און אָנגעפילט דאָס האַרץ מיט פרייד. קיינעם האָט זיך ניט געגלוסט אויפהייבן פון אָרט. דאָך האָבן מיר זיך געלאָזט גיין צוריק אין אונדזער נייער כאַטע. דאָס פרישע היי פון שייער האָט געצויגן צו זיך. ווען ניט די מורא, אַז דער פּויער וועט זיך באַליידיקן און אונדז אַרויסטרייבן פון דעם דאָזיקן גן־עדן, וואָלטן מיר מיט פאַרגעניגן זיך געלייגט אינעם פרישן היי. מיר זיינען אַריין אין כאַטע און זיך אַוועק־געלייגט שלאָפן. ס'ניט אַוועק קיין 15 מינוט האָבן שוין אַלע פעסט געכראָ־פּעט.

די נאַכט איז אַריבער זייער גיך, ממש ניט באַוויזן זיך איבערצודרייען אויף דער צווייטער זייט, האָבן מיר שוין דערהערט ווי מען טרייבט די קי אין פעלד. געווען איז עס האַלב פינף פאַרטאָג. נאָך מיר איז אַרויס שלמה קאָוואַרסקי. מיר האָבן איינגעאָטעמט די מחיהדיקע פרישע לופט און זיך געקוויקט מיטן בלישטשענדיקן טוי, וואָס האָט באַדעקט די גראָזן, די בלעטלעך אויף די ביימער און די בלומען. די פייגעלעך האָבן אָנגעפילט די לופט מיט זייער געצוויטשערײַ. מיר איז געווען אַ שאָד, וואָס די קינדער

הערן ניט די מאָרגן־תפילה, אָבער מיר האָבן באַשלאָסן, אַז היינט דאַרף מען זיי לאָזן זיך אויסשלאָפן וויפל דאָס האַרץ גלוסט. מירביידע האָבן איבער־גענומען די אָרדנעריי און גענומען גרייטן פרישטיק: אַ מילכיקע זופּ פון גרויפּן מיט קאַרטאָפל און ברויט. אַרום זעקס אַ זייגער האָבן מיר אָנגעהויבן רעדן פרייער, ניט שושקען זיך, ווי ביז איצט. די קינדער האָבן עס דער־הערט און זיך אַראָפּגעכאַפּט פון די געלעגערס און אַרויסגעלאָפן אויפן גאַניק מיט אַ ברייטן „גוט מאָרגן". מיט אַ זאַנפטן שמייכל קוקן זיי אָן די פעלדער, די ביימער, די זון און אַלץ, וואָס רינגלט זיי אַרום. זיי ווילט זיך גיין נאָך פאַר פרישטיק צום טייך. שלמה איז מיט זיי אַוועק זיך באָדן און איך בין געבליבן גרייטן דעם פרישטיק.

8 אַ זייגער האָבן זיי זיך צוריקגעקערט ריינע, ליכטיקע, מיט גלאַנ־צנדיקע אויגן פון גליק.

— אוי, לערעריך, סאַראַ שאָד, וואָס איר זענט ניט מיטגעגאַנגען מיט אונדז. דאָס וואַסער איז געווען אַזוי וווּנדערבאַר, עס האָט זיך גאָרניט געוואָלט אַרויסגיין פון טייך. אוי, לערעריך, ווען איר וואָלט געזען, ווי זאָרקע כאַנקעלע און אברהמקע האָבן געציטערט אַריינצוגיין אין וואַסער. ס'איז געווען ממש אַ קאָמעדיע. מיר האָבן אַזוי געלאַכט, אַז איר האָט באַדאַרפט דאָ הערן. ווען מיר זיינען שוין אַריין צום דריטן מאָל און אָנגעהויבן זיך לערנען שווימען, זיינען זיי קוים אַריינגעקראָכן. געציטערט פון קעלט און גלייך אַרויסגעלאָפן.

— חברה, ס'פרישטיק איז אויפן טיש. מיט אַ גוטן אַפּעטיט! — אַלע האָבן זיך אַרומגעזעצט אַרום טיש און ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ כלעפּטשעריי. במשך אַ מינוט זיינען די טעלער אויסגעליידיקט געוואָרן. באַלד האָט מען אָנגעהויבן פרעגן צי ס'איז דאָ אַ „דאָבאַווקע".

— היינטיקס מאָל יאָ, — איך גיס זיי אָן צום צווייטן מאָל און מאַך ליידיק דעם טאָפּ.

זיצנדיק נאָך ביים טיש האָבן מיר צונויפגעשטעלט אַן אָרדנער־ליסטע לויטן אלף־בית. איסער איז היינט אָרדנער. ער שטייט אויף, נעמט אַראָפּ די כלים און שטעלט זיי אַריין אין טאָפּ, גיסט אָן וואַסער און שטעלט עס אַוועק וואַרעמען. ביז דאָס וואַסער וועט וואַרעם ווערן ווישט ער אָפּ דעם טיש, קערט

מ׳לערנט זיך שווימען

אויס דאָס צימער, דעם גאַנעק און נעמט זיך וואַשן די כלים. מיר זעצן זיך ווידער אַרום טיש, כדי צוזאַמענצושטעלן אַ טאָג־פּלאַן. מיר האָבן באַשלאָסן צו באַשטימען יעדן טאָג 4 אָרדנער, צוויי פאַרמיטאָג און צוויי נאָכמיטאָג, כדי יעדער אָרדנער זאָל האָבן די מעגלעכקייט יעדן טאָג זיך צו באָדן.

טאָג־פּלאַן

6.00 אויפשטיין.

6.30 גימנאַסטיק.

7.00 באָדן זיך.

8.00 פרישטיק.

8.30 שפּאַציר אין וואַלד און גלייכצייטיק אָנקלייבן האָלץ און שיש־קעס צום קאָכן, קלייבן יאַגדעס און שוועמלעך צום עסן.

10.30 ליגן אויפן גראָז, לייענען, אָדער הערן די ווּיכטיקסטע נייעס פון צייטונג.

11.30 צוקוקן זיך צו דער אַרבעט אין פעלד, ביי די קי, ביי די חזרים און ביי די הינער. זען ווי מען גייט זיך אום מיט פערד און בכלל זיך באַקענען מיטן לעבן און מיט די פּראָבלעמען פון פויערטום.

12.30 מיטאָג.

13.00 רוען: ליגן אויף די געלעגערס, שלאָפן אָדער לייענען, אָבער ניט ריידן.

15.00 פאַרשידענע שפּילן: שאַך, דאַמקע, ספּאָרט־פאַרמעסטונגען.

16.00 אַ לייכטער מאָלצייט: אַ גלאָז מילך מיט ברויט.

16.30 לימודים: נאַטורוויסנשאַפט, געבויט מערסטנטייל אויף אָבסער־וואַציעס און נאָך דעם זוכן זייער באַשטעטיקונג אין בוך דורך פאַרלייענען, שרייבן וועגן דעם — וויפל יעדער האָט אויפגענומען און פאַרבאַהאַלטן אין זיין זכרון. פאַר חשבון־איבונגען זיינען אויסגענוצט געוואָרן די אויסגאַבן פון טאָג פאַרן גאַנצן קאָלעקטיוו און וויפל עס מאַכט אויס פאַר יעדן איינעם.

18.00 שפּאַציר אין דער אומגעגנט.
19.30 אָוונטברויט.
20.00 פרייער פאַרברענגען אַליין, אָדער מיט געסט.
21.00 שלאָפן.

נאָכן צוקוקן זיך אַ פיר, פינף טעג צו דער אַרבעט פון פויער זיינען די קינדער געוועזן זיכער, אַז זיי קענען שוין אַלע אַרבעטן און זיינען אים ממש מקנא געווען. ווען איך האָב געזען דעם דורשט אויסצופּרוּוון די אייגענע כוחות אויף דעם נייעם אַרבעטס־געביט, האָב איך אַ פרעג געטאָן דעם פויער, צי וואָלט ער אונדז ניט געקענט געבן וועלכע עס איז אַרבעט אויף אַ צוויי שעה טעגלעך? ניט פאַר קיין געלט, נאָר אויב עס וועט אים לוינען וועט ער אונדז געבן פּראָדוקטן. דער פויער איז מסכים געווען אויסצופּרוּוון זייערע מעגלעכקייטן. מיר האָבן אָנגעהויבן העלפן דעם פויער ביים צוזאַמענקלייבן דאָס געשניטענע היי, ביים זעגן און האַקן האָלץ, ביים פיטערן די קי און אַנדערע אַרבעטן. דער פויער האָט אונדז געגעבן דערפאַר מילך, קאַרטאָפל, מייערן און אַנדערע גרינסן, אָבער ניט קיין ברויט, וואָס ער גופא האָט אַליין ניט געהאַט צו דער זעט.

ביסלעכווייז האָבן די יינגלעך זיך אַריינגעצויגן אין דער לאַנדווירט־שאַפטלעכער אַרבעט און האָבן זי ליב באַקומען. די באַגייסטערונג האָט זיך גענומען דערפון, וואָס זיי האָבן געאַרבעט ניט מער ווי צוויי שעה אין טאָג און דער עיקר — אויף דער פרישער לופט. די פאַרדינסטן האָבן אונדז גע־געבן די מעגלעכקייט צו פאַרלענגערן דאָס זיין אויף דאַטשע. עטלעכע מאָל אַ וואָך פלעגן קומען צו אונדז די פריינד פון שטעטל און פלעגן זינגען מיט אונדז, דערציילן געשיכטעס, וויצן און מאַכן ספּאָרט־פאַרמעסטונגען. די קינדער פלעגן זיי אויפנעמען מיט פרייד און זיך פילן מיט זיי חבריש.

ווען דער דאַטשע־סעזאָן האָט זיך געענדיקט, זיינען נאָך געשטאַנען וואַרעמע טעג, כאָטש ס'איז שוין געווען ענדע אויגוסט. דאָס צוריקקערן זיך איז נאָך אַלץ געווען פאַרבונדן מיט געפאַר. איך האָב באַשלאָסן, אַז ס'איז כדאי אויסצונוצן זייער ליבע צו לאַנדווירטשאַפט פאַר אונדזער וויכ־טיקטסן ציל און פרוּוון פרעגן, צי וואָלטן זיי מסכים געווען פאָרן אויף אַן

געסט אויף דאַטשע. צווישן די געסט דער קינסטלער נחום אַראָנסאָן (אין מיטן)

אַרבעטס־לאַגער און אַרבעטן ביי לאַנדווירטשאַפֿט. אויף דער פּרייטיקדיקער זיצונג האָב איך די פֿראַגע אַוועקגעשטעלט אויפֿן סדר־היום. איך האָב זיי דערציילט, אַז אונדזער אַרבעט וועט איצט באַשטיין אין אַראָפּנעמען פֿון די פֿעלדער גרינסן, פּרוכט פֿון דיביימער און דורך אַ פֿולן אַרבעטס־טאָג פֿון 6 שעה קענען מיר פֿאַרדינען כמעט אויף אונדזער אויסהאַלטונג. די קינדער האָבן ניט געזען די קאַלטע פֿרימאָרגנס, די נאַסע און שפּעטער בלאָטיקע ערד אין די האַרבסטיקע רעגנס, די מידקייט נאָך אַ זעקס שעהדיקן אַרבעטסטאָג. זיי האָבן געקוקט אויף דעם דורך דער פּריזמע פֿון די זוניקע טעג, דורך דער שפּילעוודיקייט פֿון די צוויי אַרבעטס־שעה. איך האָב פֿאַרויסגעזען זייער אַנטוישונג און דאָך געמוזט אויפֿנעמען זייער הסכמה מיט פֿרייד.

איבערגעלאָזן די קינדער מיט שלמה קאָוואַרסקין, האָב איך זיך אַוועקגעלאָזן איבער די דערפֿער זוכן אַן אַרבעט־פּלאַץ. דאָס האָט באַדאַרפֿט זיין ווייט פֿון שטאָט, כדי עס זאָל זיין שווער צו אַנטלויפֿן. מיר האָבן געמוזט האָבן אויך אַ פּלאַץ צום שלאָפֿן און כאָטש אַ געוויסן טייל פֿון אויסהאַלטונג. שווער געווען צו קריגן אַ פּלאַץ, ווייל ווי מ׳פֿלעגט זיך דערוויסן ווער די אַרבעטער זיינען, האָט מען מורא געהאַט צו פֿאַרלירן דאָס ביסעלע פֿאַרהאַרעוועטע פֿאַרמעגן און ניט געוואָלט זיי אויפֿנעמען. קוים געפֿונען אַ בעל־הבית, וואָס האָט ניט געהאַט קיין קינדער און האָט געוואָלט אויך טאָן אַ מצווה, אָבער פֿון דעסטוועגן האָט ער מיך געבעטן איך זאָל אים גאַראַנטירן, אַז זיי וועלן ניט גנבענען. ער האָט אונדז געגעבן אַ כאַטע אָן אַ פּאָדלאָגע, מיט צעבראָכענע שויבן, אָן וואַסער און אָן ליכט. די אַרבעט איז געווען אויף צוויי חדשים פֿאַר 19 פּערזאָן, מיט מיר. מיר האָבן געדאַרפֿט באַקומען פּראָדוקטן אויף דריי מאָל אַ טאָג צו קאָכן זיך עסן. אין כאַטע איז ניט געווען קיין טיש און קיין שטולן. ער איז בלויז מסכים געווען צו געבן פֿרישן היי אָדער שטרוי אויף דער פּאָדלאָגע.

מיט דעם גאַנצן בילד בין איך צוריקגעקומען אַהיים צו די קינדער. ניט פֿאַרשענערט עס אויף קיין האָר. די קינדער — אויסגערוטע, רויִקע און זוניקע האָבן ניט געזען די גרויע ווירקלעכקייט, וואָס עס דערוואַרט זיי און זיינען מסכים געווען. זיי האָבן געפֿילט אין טאָן מיינעם, אַז כ׳האָב מורא פֿאַר די שווערע באַדינגונגען. זיי האָבן מיך געטרייסט, אַז פֿאַר זיי איז עס

ניט קיין נייס צו שלאָפֿן אויף היי און עסן אויף דער פּאָדלאָגע, אָן אַ טיש און אָן שטולן.

דעם 25סטן אויגוסט זיינען מיר אַרויסגעפֿאָרן פֿון דער דאַטשע קיין ווילנע, געלנומען וואַרעמע בגדים און אַ קליינעם אינוועטאַר, וואָס מען האָט געקענט טראָגן אויף דער פּלייצע און שוין איבערמאָרגן — אַרויסגעגאַנגען אין דאָרף צו דער אַרבעט.

אויפֿן אַרבעטס־לאַגער

ווען מיר זיינען צוריקגעקומען פֿון דער דאַטשע, האָבן זיך אַלע שכנים געוווּנדערט, ווי שיין אָפּגעברענט די קינדער זיינען, ווי געזונט און פֿריש זיי זעען אויס. זיי זיינען געווען געזונט ניט נאָר אויסערלעך, זיי זיינען געווען רויִק און געזונט אויך גייסטיק. פֿריילעכע, מיט אַ נייעם קוואַל פֿון ענערגיע זיך אַריינגעלאָזן אין שטוב, אויסגעפּאַקט די פּעקלעך און זיך געאיילט אַראָפּצוגיין אין שטאָט צו קרובים און באַקאַנטע, זיך באַווייזן און דערציילן די וווּנדער פֿון אַ דאַטשע. אין אָוונט זיך אומגעקערט פֿריילעכע, שטאָלצע און דערציילט, ווי מ׳האָט באַוווּנדערט זייער גוטן אויסזען. צו מאָרגנס, נאָכן פֿרישטיק, האָבן מיר זיך באַראַטן, וועלכע זאַכן מיטצונעמען אויפֿן אַרבעטס־לאַגער, צונויפֿגעשטעלט אַ רשימה, און געשטעלט זיך מאַכן אַ הענג־פּאָליצע, כדי צו האָבן וווּ צו האַלטן די כלים און אַנדערע קלייניקייטן.

דאָס פֿעלן פֿון די עלעמענטאַרסטע זאַכן, ווי אַ טיש, שטולן, אַ שאַפֿע און בעטלעך איז אויך פֿאַר אונדז געווען עקזאָטיק. די קינדער האָבן געזאָגט, אַז אַצינד וועלן מיר עסן ווי ציגיינער. דעם גאַנצן טאָג געווען פֿאַרנומען מיטן גרייטן זיך אין וועג אַריין, ווייל מאָרגן פֿרי האָט געדאַרפֿט קומען אַ פּלאַט־פֿאָרמע אונדז נעמען מיט אונדזערע בעבעכעס.

מיר זענען שוין געווען נאָך פֿרישטיק, ווען די פּלאַטפֿאָרמע איז געקומען. ס׳איז געווען 8 אַ זייגער פֿרי. מיר האָבן ווידער פֿאַרלאָזן אונדזער היים. אָנגעקומען אין דאָרף, האָבן מיר זיך אויסגעפּאַקט און גלייך גענומען

זיך איינאָרדענען, כדי נאָך באַווייזן אַרויסגיין צו דער אַרבעט אויף אַ פּאָר שעה. מיר האָבן אָנגעטראָגן פרישן היי אויף דער פּאָדלאָגע, אַ פּאָר עמער וואַסער פון ברונעם און זייַנען אַוועק אָנקוקן די פעלדער און דאָס גאַנצע פאַרמעגן פון אונדזער בעל־הבית. אין דרויסן איז געשטאַנען אַ זוניקער טאָג און אויף די פעלדער און גערטנער איז נאָך געווען אַ סך גרינס. דאָס ערשטע וואָס מיר האָבן געדאַרפט טאָן — שיטער מאַכן די בייטן פון די מייערן. צווישן די אַרויסגעריסענע מייערן זייַנען געווען גרעסערע און קלע־נערע, די גרעסערע האָט מען געדאַרפט בינדן אין בינטלעך, צו 10 אין אַ בינטל און פון די קליינע האָט ער איין טייל געגעבן אונדז און די איבעריקע פאַר זיין משפּחה, פאַר די קי און חזירים. בעת יעדער הפסקה פלעגן מיר אויסוואַשן אַ שיסל מייערלעך און עסן. דאָס האָט אָפּגעצויגן די מידקייט און געשאַפן שטימונג. דאָס האָט אויך אַרייַנגעבראַכט אַ געוויסע הייטערקייט אין אונדזער מאָנאָטאָנער אַרבעט.

דאָס ערגסטע אין אונדזערע באַדינגונגען איז געווען דאָס וואַסער־פּראָבלעם. דער נאָענטסטער ברונעם איז געווען אויף אַ מהלך פון 400 מע־טער. צוויי עמער וואַסער פלעגן קוים סטייען אויף אָפּקאָכן צוויי מאָלצייטן. כדי צו האָבן וואַסער צום דריטן מאָלצייט און צום וואַשן זיך און אויך פאַר די כלים, פלעגט מען מוזן גיין צום ברונעם דריי מאָל אַ טאָג. נאָך אַ שווערן אַרבעטס־טאָג איז עס געווען ניט קיין לייכטער ענין. קיין טייך אין דער נאָענט איז ניט געווען. ער האָט זיך געפונען 5 קילאָמעטער ווייט. וואַשן זיך אין טייך פלעגן מיר זיך דערלויבן נאָר שבת. מיר פלעגן מיטנעמען עסן אויף אַ גאַנצן טאָג און זיך וואַשן אָדער באָדן, קלעטערן אויף ביימער, מאַכן ספּאָרט וויפל דאָס האַרץ האָט געגלוסט. דער זומער האָט זיך אָבער דערווייטערט מיט ריזיקע שריט. סוף אויגוסט האָט דער הימל אָפּט זיך באַדעקט מיט שווערע וואָלקנס. פון צייט צו צייט האָט אָנגעהויבן טריפן אַ רעגן. די פרי־מאָרגנס זייַנען געוואָרן אַלץ קעלטער און קעלטער. אין דער פרי פלעגט מען שוין מוזן אָנטאָן אַ וואַרעמען בגד אויף די פּלייצעס. פון די קאַלטע טוי־טראָפּנס אויף די גרינסן פלעגן די פינגער גליווערן. ביסלעכווייז איז פאַר־שוונדן דער פרייער שמייכל פון די פּנימער, ס'האָט זיך אָנגעהויבן אויס־שפּרייטן אַן אומצופרידנקייט. מ'האָט שוין אָנגעהויבן זוכן חסרונות אויפן

בעל־הבית. דער אמת איז, אַז די אַרבעט איז געווען צו מאַנאַטאָן פֿאַר אַזעל־כע קינדער. וואָס ווייניקער אינטערעס צו דער אַרבעט, אַלץ שווערער האָט מען אָפּגעפּילט די שווערע לעבנס־באַדינגונגען. איך האָב געפֿרעגט ביים בעל־הבית, אפשר האָט ער אַ מער שעפֿערישע אַרבעט, אַפֿילו אַ פֿיזיש־שווערערע, אָבער ניט אַזאַ איינטאָניקע. דער בעל־הבית האָט געשמייכלט און געזאָגט:

— וואָס ווילט איר איך זאָל זיי געבן בויען אַ הויז?

— דאָס ניט, אָבער אַ שטעלעכל, אַ פֿאַרקאַן, דאָס יאָ!

— נו גוט, מיר׳ן געבן דריי ייִנגלעך פֿאַרריכטן אַ פֿאַרקאַן און מיר׳ן זען, ווי זייערע הענט וועלן גיין.

נאָכן אָונטבררויט, האָב איך די קינדער דערציילט וועגן דעם שמועס מיטן בעל־הבית און זיי פֿאַרגעלייגט אויסקלייבן דריי בעסטע סטאָליאַרעס, צווישן זיך, כדי ער זאָל זען, אַז מיר טויגן אויך צו אַנדערע אַרבעטן. ווען זיי וועלן זיך אויסצייכענען וועלן מיר אפשר קריגן אַרבעט פֿאַר מער קינדער.

הגם חברה איז ניט געווען צופֿרידן, וואָס ס׳איז דאָ אַרבעט נאָר פֿאַר דריי קינדער האָבן זיי אויסגעקליבן די בעסטע פֿון צווישן זיך דורכצופֿירן דעם פּרווו. די דריי ייִנגלעך האָבן געמאַכט די אַרבעט אין צוויי טעג, און זייער גוט. דער בעל־הבית האָט אונדז אַריינגעטראָגן, אַלס צוגאָב־באַ־לוינונג, פּרוכט און 12 זלאָטעס. ער האָט אויך צוגעזאָגט, אַז ווי נאָר ער וועט דאַרפֿן מאַכן אַ שטיקל אַרבעט וועט ער זיי איינלאַדן. דאָס האָט ווידער גע־הויבן די שטימונג אויף אַ קורצער צייט. אין אַ וואָך שפּעטער האָט ער איינגעלאַדן 5 פֿון אונדזער חברה צו בויען אַ שטעלעכל. דאָ האָט זיך אָנגע־הויבן אַ קאַמף, יעדער האָט געוואָלט זיין צווישן די פֿינף. זעענדיק, אַז ס׳איז שלעכט, האָב איך פֿאַרגעלייגט, אַז דער בעל־הבית זאָל אויסקלייבן לויט זיין איינזען. אין אָוונט האָבן מיר איינגעלאַדן דעם בעל־הבית אויף דער זיצונג, וואָס איז פֿאַרגעקומען אויף דער פֿאַדלאָגע און אים געבעטן אויס־קלייבן 5 חברה. דער בעל־הבית האָט געזאָגט, אַז, ערשטנס, וויל ער די פֿריִערדיקע דריי און נאָך צוויי פֿון די, וועלכע אַרבעטן אַמבעסטן אויפֿן גאָרטן. ער האָט דערביי צוגעגעבן, אַז מענטשן זיינען געוויסנהאַפֿט, קענען זיי אַלץ גוט אויספֿירן. ער האָט טאַקע אויסגעקליבן די צוויי באַשיידנסטע

יינגלעך, וועלכע האָבן אמווינציקסטן געשריִען און אַמבעסטן געאַרבעט. חברה שוויצערס זיינען געבליבן אַנטוישט. זיי האָבן ערשט דערזען, אַז דאָס וואָס איז גוט פאַרן אַמאַליקן לעבן איז גאָר ניט גוט פאַרן נייעם לעבן. פאַרן אַוועקגיין האָט דער בעל־הבית זיי אָנגעזאָגט מאָרגן 7 אין דער פרי זיך צו שטעלן צו דער אַרבעט. די שטימונג ביי די איבעריקע 13 קינדער איז געווען אַ געדריקטע. מ׳האָט געשוויגן אָבער די לופט האָט געשמעקט מיט פולווער. איך האָב געפילט, אַז באַלד וועט זיך אָנהייבן אַ קריגעריי און אפשר אַ געשלעג. בעת די קינדער האָבן געוואַשן די כלים און געגרייט די געלעגערס האָב איך זיך אַריינגעכאַפּט צום בעל־הבית און געבעטן ער זאָל איינלאַדן די 5 קינדער צו זיך אויפן שייער צום שלאָפן, דערקלערנדיק אים די סיבה. ער האָט דאָס פאַרשטאַנען און ווען איך בין געזעסן ביים קליינעם נאָפט־לעמפּעלע און זיי פאַרגעלייענט אַ דערציילונג, איז אַריין דער בעל־הבית און זיי איינגעלאַדן צו זיך אויפן שייער, כדי זיי זאָלן ניט פאַרשפּעטיקן אין דער פרי, ווען דער מייסטער וועט קומען. די יינגלעך זיינען מיט פרייד אַוועק, ווייל זיי האָבן גוט געפילט אויף זיך די בייזע בליקן פון דער חברה.

איך זעץ פאַר דאָס לייענען, אָבער איך זע, אַז אַחוץ צוויי קינדער, הערט שוין מער קיינער ניט. יעדער איז פאַרנומען מיט זיינע געדאַנקען. אין אַ פּאָר מינוט אַרום זיינען שוין צוויי קינדער איינגעשלאָפן. אַ סך קוקן שוין מיט דרעמלענדיקע אויגן אין חלל. אויך דאָס איז גוט, האָב איך געטראַכט, אַז זיי וועלן איינשלאָפן וועלן זיי פאַרגעסן אין זייערע צרות. ווען איך האָב פאַרענדיקט די דערציילונג, האָט נאָר שעפּסקע זיך צוגעהערט, אַלע איבעריקע זיינען שוין גוט געשלאָפן. מיר האָבן זיך ביידע צעשמייכלט און געגאַנגען טאָן דאָס זעלביקע.

די 5 קינדער, וועלכע האָבן געאַרבעט אויף בוי־אַרבעט ביי אונדזער בעל־הבית, האָבן אויך באַקומען ביי אים עסן און שלאָפן. זיי פלעגן קומען צו אונדז נאָכן אַוונטברויט, מיטברענגען אַ פרישע צייטונג און מיר פלעגן זיך טאַקע צוכאַפּן אַ קוק צו טאָן די וויכטיקסטע נייס און זיך אַדורכריידן וועגן זייער אַרבעט. נאָך אַזאַ פאַרברענגען פלעגט מען זיך אַרומוואַשן און מידע זיך אַריינוואַרפן אין היי.

ווען איך פלעג אַרויסבאַגלייטן די 5 יינגלעך ביינאַכט אויף זייער וועג, פלעג איך זיי אַלע מאָל בעטן אַז זיי זאָלן דערציילן וועגן זייערע שוועריקייטן און ניט וועגן זייערע דערפאָלגן, ווייל די קנאה האָט ניט אויפגעהערט אויף קיין איין מינוט. די 5 קינדער האָבן זיך געפילט גליקלעך ביי דער בוי־אַרבעט. זיי האָבן געזען, ווי עס וואַקסט זייער מי און האָבן מיר מיט באַגייסטערונג געזאָגט, אַז בויען איז פאַר זיי די פאַסיקסטע אַרבעט.

עס זיינען אָנגעקומען די גרויע האַרבסטיקע טעג. דער כמורנער בלייענער הימל איז געהאָנגען איבער דער ערד און געדריקט, ווי אַ שווערע מאַסע. ווינטן און רעגנס האָבן אונדז אָנגעהויבן באַזוכן אַלץ אָפטער און אָפטער. אַרויסגייענדיק אין די פרימאָרגנס צו דער אַרבעט, פלעגט די ערד זיין באַדעקט מיט אַ שיכט פון דינעם אייז. די קעלט און די פייכטקייט פלעגן זיך אַריינקריגן דורך די שיך. מיט אַזעלכע נאַסע און קאַלטע פיס פלעגן מיר אָפּשטייך יעדן טאָג אין פעלד גאַנצע 7 שעה. די קעלט פלעגט זיך איינעסן אין די ביינער. די אומצופרידנקייט איז געוואַקסן פון שעה צו שעה. מען האָט שוין ווידער אָנגעהויבן רעדן וועגן אַראָפּכאַפּן זיך אין שטאָט צו פוס. דאָס וואָלט געקענט האָבן אַן אָרט נאָר שבת, ווייל פרייטיק נאָך דער אַרבעט וואָלט מען ניט געקענט באַוויזן. דאָס דאַרף איז געלעגן 14 קילאָמעטער פון ווילנע. דורכמאַכן 28 קילאָמעטער אין איין טאָג אַחוצן באַזוכן אַלע פריינד, איז געווען אוממעגלעך. בלייבן נעכטיקן ווידער, וואָלט געהייסן זיך ניט צושטעלן זונטיק צו דער אַרבעט. 4 יינגלעך באַשטייען אויף זייערס, זיי מוזן זיך אַראָפּכאַפּן אין שטאָט, אַז ניט פּלאַצן זיי. זיי זאָגן צו צוריקצוקומען צו דער צייט. איך מוז ריזיקירן, ווייל אַנדערש וועלן זיי אַוועקגיין אַן אַ דערלויבעניש און דעמאָלט וועט דער ענין זיין מער קאָמפּליצירט.

דער בעל־הבית איז געווען אַ יידישער לאַנדווירט און האָט ליב געהאַט זיין אַרבעט ווי דאָס לעבן. ער איז ניט געווען קיין גרויסער גביר, אָבער אַן אויפריכטיקער און קלוגער מענטש. ווען עס פלעגט מיר זייער שווער ווערן פלעג איך זיך מיט אים טיילן. ער האָט פאַרשטאַנען די אָנגעשטרענגטקייט פון דער לאַגע און האָט באַשלאָסן איינצולאַדן אַלעמען אויף שבת צו זיך אויף מיטאָג. ער האָט אויך געהאַט אַ פּאַטעפאָן מיט כל מיני פּליטן און האָט אונדז באמת פאַרשאַפט עטלעכע שעה פון גענוס. די קינדער זיינען געווען

זייער צופרידן און האָבן שוין קיין חרטה ניט געהאַט, וואָס זיי זיינען ניט מיטגעגאַנגען מיט יענע יינגלעך אין שטאָט אַריין. אויפן צווייטן שבת האָט ער אונדז צוגעזאָגט געבן זיין וואָגן, כדי צו מאַכן אַן אויספלוג אין דער זייער שיינער געגנט אַרום טרינאַפּאָל ווערקי און אַנדערע פּלעצער. דאָס האָט אונדז צוגעגעבן אַ סך מוט צום אַרבעטן און לעבן אין אַזעלכע שווערע באַדינגונגען. די איינשפּריצונגען פּלעגן אָנהאַלטן בלויז ביז מאָנטיק; דינ־סטיק פּלעגט מען שוין ווידער אָנהייבן ברומען, אַז דאָס עסן איז ניט גוט, אַז פאַר אַזאַ געהאַלט אַרבעט מען צו פיל שעהן, אַז דער באַלעבאָס וויל צו פיל פאַרדינען פון אונדז. דאַן פּלעגן זיך אַראָפּלאָזן אייניקע חברה ביי־נאַכט אויף די נאָך ניט אַראָפּגענומענע פעלדער און סעדער און פּלעגן ברענגען אוגערקעס, מייערן, פּרוכטן פון דיביימער אַלס נקמה פאַרן קליינעם געהאַלט. איך פלעג זיי וואָרענען, אַז אויב מ׳וועט אונדז כאַפּן איז ניט נאָר וואָס ער וועט אונדז מיט רעכט אַרויסוואַרפן פון דער אַרבעט, נאָר קיינער וועט אונדז שוין צו קיין שום אַרבעט ניט אויפנעמען. איך האָב זיי געבעטן, אַז זיי זאָלן אויפהערן נעמען אָן אַ דערלויבעניש. איך האָב פאַרגעלייגט, אַז איך בין גרייט זיך צו ווענדן בעסער צום באַלעבאָס ער זאָל אונדז צוגעבן אַ ביסל פּרוכט און נאָך אַ ביסל גרינוואַרג און מיר וועלן פאַרשפּאָרן פאַר־שמוצן אונדזער נאָמען. זיי זיינען מסכים. אָבער אָן באַגייסטערונג, ווייל דאָס נעמען איז ניט נאָר לשם נעמען, עס איז אויך אַן אויסדרוק פון פאַר־ביטערונג און פון וועלן אָנגיין כאָטש איין מינוט אַלס העלד.

ווען איך ביו אַוועק ריידן מיטן באַלעבאָס האָט ער מיר געמאַכט אַ קלאָרן חשבון, אַז ער האָט פון אונדזער אַרבעט ניט קיין שום פאַרדינסט. ער וויל נאָר פּשוט אויך צולייגן אַ האַנט צו אַזאַ וויכטיקער אידעע, ווי אײ־בערדערציִען קינדער. דאַן האָב איך אים געבעטן ער זאָל עס מאַכן אויף מיין חשבון און איך וועל אים באַצאָלן, ווען איך וועל זיך צוריקקערן אַהיים. די קינדער האָבן פון דעם חשבון ניט געטאָרט וויסן און ווען דער באַלעבאָס איז אויף צו מאָרגנס אַריין מיט אַ פולן קויש פּרוכטן, אוגערקעס, רעטעכלעך און מייערן, האָבן זיך די קינדער געפילט ניט באַקוועם, זיי האָבן געזען, אַז ער איז ניט קיין שלעכטער מענטש און אַז ביי אים האָט מען טאַקע ניט גע־דאַרפט נעמען. דער באַלעבאָס האָט אויך איינגעלאַדן אַ גרופּע קינדער צום

איבערציילן די בינטלעך, וואָס זיי האָבן געמאַכט, כדי צו וויסן וויפל ער פאַרדינט פון זיי. די קינדער ביי וועלכע דער אומצוטרוי צו וועלט און מענטש האָט זיך נאָך ניט געהאַט קיין סך פאַרקלענערט, האָבן חוצפהדיק אַ געשריי געטאָן: „נו גוט, מיר'ן טאַקע זען!" די איבעריקע האָבן עס געלאָזן פאַר די שרייערס. ווען דער באַלעבאָס איז אַוועק האָבן אַ סך געזאָגט, אַז ער איז באמת ניט קיין שלעכטער מענטש און וויל אונדז ניט באַרייסן. נאָך דער אַרבעט זיינען די שרייער אַוועק אין שטאַל קאָנטראָלירן, צי זאָגט דער באַלעבאָס טאַקע דעם אמת.

זיי זיינען צוריקגעקומען מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן, ווייל זיי האָבן זיך איבערצייגט, אַז ניט נאָר וואָס ער פאַרדינט ניט פון זיי, נאָר ער דערלייגט נאָך יעדן טאָג עטלעכע זלאָטעס צו זייער אַרבעט. פון דאַן אָן האָט מען אויפגעהערט גנבענען און אויפגעהערט אַפילו ריידן אַ שלעכט וואָרט אויף אים.

די אָוונטן זיינען געוואָרן אַלץ לענגער און קעלטער. מיר פלעגן לאָזן ברענען די פליטע, כדי צו קענען אויסטריקענען אונדזערע נאַסע שיך און זאָקן און כדי צו דערוואַרעמען אַביסל אונדזערע פאַרגליווערטע גלידער. אין כאַטע איז געווען וואַרעם, דער ריח פון פרישן היי האָט אויך באַרוישט. דאָס לעמפּעלע פלעגט שטיין אין מיטן צימער אויף אַ קלאָץ און אַרום פלעגט זיך אויסזעצן די גאַנצע משפחה. דאָס פלעגט אויך צוגעבן אינטימקייט. אַזוי זיצנדיק פלעגט מען אָפּט פאַרציִען אַ ניגונדל: „אויפן פריפּעטשאָק" און אַנדערע פאָלקסלידער ביז מען פלעגט זיך דערשפּירן מיד און איינשלאָפן אַזוי אויפן היי.

די לעצטע וואָך אויפן אַרבעטס־לאַגער האָט זיך געצויגן לענגער פון אַלע וואָכן. די פינגער פון די הענט און פיס זיינען ביי אונדז אַלעמען געווען רויט און געשוואָלן, די שיך זיינען ענגער געוואָרן צוליב דעם געשווילעכץ און אָנגעריבענע ווונדן אויף די פיס. אונדזערע וואַרעמע בגדים זיינען שוין ניט געווען גענוג וואַרעם, כדי צו שטיין אין זיי 7 שעה אין קאַלטן, נאַסן און ווינטיקן פעלד. די ליימיקע ערד איז געוואָרן אַלץ מער צעווייקט און די פיס זיינען געזונקען אין דער בלאָטע. דער וועג צו דער כאַטע איז געוואָרן אַלץ ווייטער און שווערער. די פעלדער זיינען שוין איצט געווען מער

ווי אַ קילאָמעטער פון דער כאַטע. יעדן אָוונט, ביים אַראָפּציִען די שיך, פלעגן זיך הערן טיפע קרעכצן, ווייל די שקאַרפעטן פלעגן זיך צוקלעפּן צו די ווונדן און בעתן אַראָפּנעמען זיי פלעגן זיי פאַרשאַפן גרויסע יסורים.

איך האָב געפילט, אַז זייערע ליידן דערגייען צום קולמינאַציע־פּונקט. איך בין ווידער אַוועק צום באַלעבאָס און אים געזאָגט, אַז איך וועל זיי מוזן אַוועקנעמען מיט דריי טעג פריִער, ווייל זיי קענען נאָך באַקומען פאַר־גיפטיקונגען אין אַזאַ שמוץ. ער האָט מיך פאַרשטאַנען און אונדז אַפילו אָפּגעפירט אַהיים. מיר זיינען פאַרבליבן מיט אים זייער נאָענטע פריינד און ער פלעגט אונדז אָפט באַזוכן.

אַן „אמתער" סטאָליער־מייסטער

נאָכן צוריקקומען פון אַרבעטס־לאַגער האָט אונדז אונדזער דירה אויס־געזען אַ פּאַלאַץ. אַזוי פיל רוים, אַזוי פיל ליכט, וואַסער וויפל דו ווילסט, עלעקטרישע באַלייכטונג. אַלץ, וואָס פריִער איז געווען אַזוי זעלבסטפאַר־שטענדלעך איז איצט אין אונדזערע אויגן געווען פּשוט אַ רייכטום. מיר האָבן מיטגעבראַכט פון אונדזער אַרבעטס־לאַגער אַ זאַק מיט מייערן, אַ זאַק מיט בוריקעס און אַ פּאָר זעקלעך קאַרטאָפל. מיר האָבן באַשלאָסן צו קויפן פלייש און מאַכן אַ יום־טובדיק מיטאָג. דריי ייִנגלעך האָבן זיך געזעצט שיילן קאַרטאָפל, בוריקעס, איך האָב זיך פאַרנומען מיט מאַכן די קאָטלעטן און די איבעריקע ייִנגלעך האָבן אויסגעפּאַקט די זאַכן, געמאַכט גרייט די בעטן צום רוען און אַלץ אַוועקגעלייגט אויף אַן אָרט.

אַלעמען האָט זיך פאַרגלוסט אַראָפּכאַפּן אין שטאָט, אָבער איך האָב זיי פאַרגעלייגט מאַכן היינט פריִער מיטאָג און נאָך דעם אַוועקגיין און ניט דאַרפן זיך יאָגן. 12 אַ זייגער איז שוין די וואַזע מיטן הייסן, רויטן באָרשטש געשטאַנען אויפן טיש. אַלע ייִנגלעך האָבן זיך אַרומגעוואַשן און ריינינקע זיך אַוועקגעזעצט אַרום טיש. שוין זיך אָפּגעוויינט במשך די צוויי חדשים צו זיצן ביי אַ טיש. עס האָט זיך שוין געדוכט, אַז די באַנק איז צו האַרט. די

פאַרע וואָס האָט געשלאָגן פון הייסן באַרשטש און פון קאַרטאָפּל־פּיורע האָט ממש געגלעט דאָס געזיכט. מ׳האָט געגעסן מיט גרויס הנאה. נאָכן עסן האָט מען זיך געמיטלעך צעזונגען און דער ניגון האָט אָנגעפּילט די נאַר וואָס לײדיקע שטוב מיט פרייד און לעבן. שפּעטער האָבן זיך טייל קינדער אויס־געצויגן אויף די בעטן, כדי צו געניסן דעם טעם פון אַ בעט. בלויז עטלעכע קינדער זיינען אַראָפּ אין שטאָט זיך זען ווער מיט עלטערן, ווער מיט חברים.

דעם זעלבן אָוונט איז פאָרגעקומען אַ זיצונג ביי דער „געזעלשאַפט פאַר ספּעציעלער דערציִונג״, ווו ס׳איז באַהאַנדלט געוואָרן די פּראַגע, וואָס ווייטער צו טאָן אין אונדזער היים. עס איז געקומען די צייט צו טראַכטן וועגן לערנען די קינדער פאַכן. צוליבן מאַנגל אין געלט ווערט באַשלאָסן זיך אָפּצושטעלן דערווייל נאָר אויף איין פאַך — סטאָליערײ. עס ווערט באַ־שלאָסן איינצולאַדן אַן אמתן סטאָליער, וועלכער זאָל זיי לערנען 4 שעה אַ טאָג. איך לייג פאָר איינצולאַדן אַ סטאָליער־פּעדאַגאָג, זאָל זיין אַפילו אויף ווייניקער שעהן, אָבער ער זאָל האָבן אַ געהעריקן צוגאַנג צו זיי, אַ זאַך, וואָס מ׳קען ניט דערוואַרטן פון אַ פּשוטן סטאָליער. נאָך אַ לענגערן וויכוח ווערט באַשלאָסן איינצולאַדן אַ גוטן סטאָליער, וועלכער זאָל טאַקע קענען אַרויסגעבן אַ גוט שטיקל אַרבעט און דעם צוגאַנג צו די יינגלעך וועט ער זיך אויסלערנען ביי דער אַרבעט.

איידער דער סטאָליער האָט אָנגעהויבן די אַרבעט האָב איך אים איינ־געלאַדן צו זיך אין דער היים און אים דערציילט מיט וואָס פאַר אַ קינדער־עלעמענט ער האָט דאָ צו טאָן און געבעטן אים זען אָפּהיטן זייער גלויבן אין זייערע שעפערישע כוחות, ווייל אַן דעם וועלן זיי קיין איין שעה ניט ממשיך זיין ביי דער אַרבעט.

ער זאָגט מיר צו אַלדאָס גוטס און מיר גייען אַוועק אין קינדערהיים. איך באַקען אים מיט דער חברה און דערצייל די קינדער וואָס פאַר אַ גוטער מייסטער ער איז און וואָס פאַר אַ שיינע אויסאַרבעטונגען ער וועט אונדז אויסלערנען צו מאַכן, אויב מיר וועלן זיך ערנסט באַציִען צו דער אַרבעט.

די קינדער ווייזן דעם סטאָליער אונדזער וואַרשטאַט און מכשירים. דער סטאָליער קוקט, שמייכלט, און פרעגט מיט פאַרוווּנדערונג:

— מיט אַזעלכע מכשירים ווילט איר מאַכן פון זיי סטאָליאַרעס? ניין! מיט אַזעלכע מכשירים קען איך ניט פירן קיין אַרבעט.

ער דערקלערט דעם פאָרזיצער פון דער „געזעלשאַפט פאַר ספּעציעלער דערציִונג״, אַז פריִער זאָל מען זיך איינשאַפן די געהעריקע מכשירים און שפּעטער זוכן אַ לערער. ער האָט געמאַכט אַ רשימה וואָס מ׳דאַרף און איז אַוועק.

ד״ר גענדזעל איז געווען דאַן פאָרזיצער פון דער „געזעלשאַפט פאַר ספּעציעלער דערציִונג״. לאַנגע יאָרן געטראָגן דעם עול פון אויסהאַלטן די שול פאַר אָפּגעשטאַנענע קינדער, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן דורך וויטאַ לעווין און דורך איר אומדערמידלעך אָנגעפירט געוואָרן אין די שווערסטע מאַטעריעלע באַדינגונגען.

ד״ר גענדזעל האָט אָפּגעגעבן דער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט זיין גאַנצע פרייע צייט. זיין פרוי און קינד האָט ער כמעט ניט אָנגעזען. מיט אַלע חושים האָט ער געזוכט צו דערמעגלעכן די עקזיסטענץ פון דער איין־און־איינציקער שול פון דעם מין. אונדזער היים מיט אירע נאָך מער קאָמפּליצירטע פּראָבלעמען, איז אים ווי אַ שווערער שטיין געפאַלן אויף די פּלייצעס. ער האָט גוט פאַרשטאַנען די וויכטיקייט פון אַזאַ היים און געוואָלט מיט אַלע זיינע מעגלעכקייטן אונדז העלפן. ווען דער סטאָליער איז געקומען צו אים און געמאָלדן, אַז מיט אַזעלכע מכשירים קען ער קיין אַרבעט ניט פירן, האָט ער מיט זיין גוטן שמייכל אַ זאָג געטאָן:

— איך האָב געמיינט, אַז דאָס וויכטיקסטע איז צו געפינען אַ מייסטער, וויזט זיך גאָר אַרויס, אַז וואָס בעסער עס וועט זיין דער מייסטער אַלץ בעסערע וועלן מוזן זיין די מכשירים. וועגן דעם „אומגליק״ האָט אויף דער זיצונג קיינער ניט געטראַכט. אָט איז גאָר איצט אַנטשטאַנען אַ גאַנץ נייַ פּראָבלעם. ווו נעמט מען געלט זיי צו קויפן?

מיר האָבן באַשלאָסן צו ווענדן זיך צו רייכע קרעמער אָדער פאַבריקן, וואָס אַרבעטן אויס געצייג; אפשר וועלן מיר כאָטש איין חלק פון דעם באַקומען. אויב דאָס וועט זיך אין משך פון אַ וואָך ניט איינגעבן, וועט מען מוזן די פראַגע ווידער ברענגען אויף אַ זיצונג די קומענדיקע וואָך. בלויז איין פּערטל פון דער רשימה האָבן מיר באַקומען אין יידישן טעכניקום און איין

עטלעכע געשעפטן. אַ חודש צייט האָט געדויערט ביז מיר האָבן צונויפ־קאָמפּלעטירט די מכשירים. דערווייל האָט זיך דער סטאָליער אַרומגעזען, אַז אויב אַזאַ קלייניקייט געדויערט אַזוי לאַנג, וואָס פאַר אַ טעם וועט האָבן די אַרבעט ווען צוליב יעדן ברעטל אָדער מכשיר וועט מען דאַרפן וואַרטן לאַנגע חדשים. ער האָט זיך אָפּגעזאָגט אָן קיין שום תירוצים.

ווידער האָט זיך אָנגעהויבן אַ לויפעניש און זוכעניש, ביז מ׳האָט נאָך לאַנגער מי געפונען אַזאַ מייסטער, וועלכער האָט געזאָגט מיט אַנטשלאָסנקייט, אַז ער ווייסט זייער גוט ווי אַזוי צוצוגיין צו אַזאַ חברה און ער איז געווען זיכער אין זיין דערפאָלג. דאָס האָט מיך אַ ביסל אָפּגעשראָקן, ווייל ווער נאָך ווי מיר דערציִער וואָס אַרבעטן מיט אַזעלכע קינדער ווייסן די שוועריקייטן און די סורפריזן וואָס די אַרבעט ברענגט מיט זיך יעטוועדן טאָג? מיר זיינען קיין מאָל ניט זיכער און זוכן אַלע מאָל נייע אופנים און לערנען זיך פון די קינדער גופא, ווי אַזוי צו געפינען דעם געהעריקן וועג צו זיי. און דאָ קומט אַ מענטש, וועלכער האָט קיין איין טאָג מיט זיי ניט פאַרברענגט און זאָגט מיט זיכערקייט, אַז אים איז קלאָר דער וועג צו זיי.

ווען איך האָב אים פאַרן אָנהייבן די אַרבעט איינגעלאַדן צו זיך אויף אַ גלעזל טיי, כדי זיך דורכצושמועסן וועגן די ספּעציפישע שוועריקייטן און פאַרגעלייגט צוזאַמען אויסאַרבעטן אַן אַרבעטס־פּלאַן, האָט ער זיך שיר ניט באַליידיקט. ס׳טייטש, ער אַליין ווייסט ניט וואָס מען דאַרף טאָן מיט זיי?

— איך האָב פשוט געוואָלט אייך פאַרלייכטערן, — האָב איך זיך פאַר־ענטפערט, — כדי אויסצומיידן קאָנפליקטן צווישן אייך מיט די קינדער.

— איך האָב פאַר זיי קיין מורא ניט! — האָט ער צוגעגעבן מיט זיכער־קייט.

אין דער איבערגעטריבענער זיכערקייט זיינער האָב איך פאַרויסגעזען דאָס אָנקומענדיקע אומגליק.

איך האָב צוזאַמענגערופן די קינדער און זיי געמאָלדן, אַז זיי האָבן דאָס גליק צו לערנען ביים בעסטן מייסטער פון שטאָט און זיי מוזן געדענ־קען, אַז מ׳מוז זיך אונטערגאַרטלען מיט אַ סך גערולד און אויפמערקזאַמקייט, כדי די טייערע צייט זאָל ניט גיין לאיבוד. אַלץ, וואָס מיר האָבן ביז איצט געמאַכט איז געווען נאָר אַ פּרווו צי אונדזערע הענט טויגן צו עפּעס, איצט,

אַז מיר וויסן שוין, אַז איר זענט מסוגל זיך אויסצולערנען אַ פאַך, האָט די „געזעלשאַפט פאַר ספּעציעלער דערציִונג״ באַשלאָסן אונדז צו העלפן צו דערגרייכן אונדזער ציל, דאָס הייסט ווערן גוטע פאַכלייט. אַלזאָ, אין אַ גוטער שעה!

אין ערשטן טאָג האָט ער זיי געלערנט האַלטן די מכשירים, מאַכן פאַר יעדן מכשיר אַן אָרט, ווי אַזוי צו שטיין ביים וואַרשטאַט, וועלכן הובל באַנוצט מען דעם ערשטן, וועלכן דעם צווייטן אאַז״וו; ווי אַזוי מען זעגט, וואָס פאַר אַ זעג צו וועלכן האָלץ. די קינדער האָבן אויסגעהערט שטיל און געווען זיכער, אַז זיי וויסן שוין אַלץ. ווען ער איז געקומען צו מאָרגנס און האָט אָנגעהויבן פאַרטיילן די אַרבעט, האָט ער זיך אַרומגעזען, אַז עס סטייעט אים נאָך ניט קיין אַרבעט פאַר אַלעמען, ווייל ער האָט נאָך ניט אויסגע־חשבונט און ניט געמאַכט פאַר זיי קיין גענויעם פּלאַן. די קינדער, וואָס זיינען געבליבן אָן אַרבעט זיינען געשטאַנען אומצופרידענע און געברומט פון כעס. איך האָב זיי געבעטן געדענקען, אַז מיר האָבן נאָך ניט אַזוי פיל מכשירים, אַז אין איין מאָמענט זאָל מען קענען אַלעמען באַטיילן. צוויי שעה וועט אַרבעטן איין גרופּע און צוויי שעה די צווייטע גרופּע. די גרופּע, וועלכע האָט געאַרבעט האָט זיך באַמיט צו מאַכן אַלץ ווי דער מייסטער האָט געזאָגט. ער איז אַרומגעגאַנגען פון איינעם צום אַנדערן און קאָנטראָלירט ווי יעדער פירט אויס זיין אָנווייזונג. איך האָב אים פון דער וויטנס נאָכ־געקוקט און געציטערט, טאָמער זאָגט ער, חלילה, עמעצן, אַז ער טויג ניט. דאָס קען זיין דער גרעסטער שאָדן. אַזוי לאַנג געהאָדעוועט זייער בטחון און איין ברוטאַלער שניט קען אַ סוף מאַכן צו מיין גאַנצער אַרבעט און צו אַלע דערגרייכונגען, וואָס זיינען אַזוי שווער אָנגעקומען.

דעם ערשטן טאָג האָט ער געקוקט און געשוויגן, ניט גוט און ניט שלעכט. ער האָט זיך פּשוט באַקענט מיט זייערע מעגלעכקייטן. ווען ס׳זיי־נען אַריבער עטלעכע טעג און די קינדער האָבן זיך צוגעוווינט צו אים איז די שפּאַנונג געוואָרן שוואַכער. זיי האָבן זיך באַמיט, אָבער שוין ניט מיט אַזאַ אָנשטרענגונג און דאָ האָט זיך אויסגעדוכט דעם מייסטער, אַז זיי שעצן גרינג זיינע אָנווייזונגען און ער האָט זיי אָנגעהויבן צו זידלען מיט באַליי־דיקנדיקע אויסדרוקן און מאַכן פון זייער אַרבעט אַש און בלאָטע. ריקל,

אין אונדזער סטאָלעריי

וועלכער איז ביי אונדז געווען דער בעסטער מייסטער און פלעגט אַלעמען אַרויסהעלפן ביי דער אַרבעט, האָט זיך געפילט שרעקלעך באַליידיקט און האָט אַ שליידער געטאָן דעם מכשיר, וועלכער איז צופעליק געפאַלן דעם מייסטער אין בויך, און איז אַוועק. דער מייסטער האָט זיך שטאַרק באַליידיקט און געבעטן אים אויסצושליסן פון דער אַרבעט. כדי ניט צו פאַרלירן דעם סטאָליער, האָבן מיר געמוזט אויספירן זיין פאָדערונג. אויף די לעקציעס פון סטאָליעריי, וואָס ריקל האָט ליב געהאַט ווי זיין לעבן, האָט ער ניט גע־טאָרט אַריינגיין. פון גרויס צער און כעס האָט ער קיין אַנדערע אַרבעט אויך ניט געוואָלט אויספירן און מיר האָבן אויף אַ זיצונג באַשלאָסן אים אָפּצושיקן אויף דריי טעג צו זיין טאַטן. ריקל איז געווען איינער פון די טעטיקסטע חברים אין קינדערהיים און האָט זיך ניט געקענט פאָרשטעלן דאָס לעבן אָן דער היים. אַלע אויפקלערונגען האָבן ניט געהאָלפן און ער האָט צוגעזאָגט זיך נוקם צו זיין אין אַלץ און אַלעמען. אויפן צווייטן טאָג, ווען איך בין אַוועק אָפּנעמען דאָס געלט פון דער שטאָט־פאַרוואַלטונג, איז ריקל געקומען, אָנ־געקוקט זייערע אַרבעטן און אַריינגעלייגט אַ צווענגל צו זיך אין קעשענע. בעת מעשה האָבן די קינדער ניט באַמערקט, אָבער ווען דער אָרדנער האָט אָנגעהויבן אַלץ אַוועקצולייגן אויף זיין אָרט, איז דאָס אָרט פון צווענגל געבליבן ליידיק. ער האָט זיך געווענדט צו דער חברה. אַלע זוכן און מ׳געפינט ניט. פלוצים פאַלט איין איסערן, אַז מן הסתם האָט עס ריקל צוגענומען פון כעס. זיי בעטן אים ווייזן די קעשענעס, אָבער ריקל באַפאַלט זיי מיט די ערגסטע ווערטער און וויל זיינע קעשענעס ניט ווייזן. חברה האָט אים אַ כאַפּ געטאָן, אַוועקגעלייגט און אַרויסגענומען דאָס צווענגל פון קעשענע.

עס האָט זיך אויפגעהויבן אַ טומל: ביי אַן אייגענער חברה גנבענען? דאָס טוט אַפילו ניט דער ערגסטער גנב. עס זיינען געפלויגן קלעפּ פון אַלע זייטן. ווען איך בין אַריין אין שטוב איז ריקל געלעגן אַ צעבלוטיקטער אויף דער פּאָדלאָגע און זיך ניט גערירט. חברה איז געשטאַנען צעיושעטע ווי מערדער און געבושעוועט:

— זאָל ער וויסן ווי אַזוי צו גנבענען ביי אייגענער חברה — שרייט מען פון אַלע זייטן. איך בין גלייך צוגעלאָפן צו ריקלען, אָפּגעשפּריצט אים מיט קאַלט וואַסער, אָפּגעווישט אים דאָס בלוט מיט אַ נאַס האַנטעך און

אים געהאָלפן אויפשטיין. כ׳האָב אים צוגעפירט צו זיין בעט און געהייסן זיך לייגן. כ׳האָב אים צוגעלייגט אַ קאַלטן קאָמפּרעס אויפן צעקלאַפּטן קאָפּ. ווען ריקל איז שוין געווען אין זיין בעט בין איך אַריין צו די קינדער און געפרעגט ווי אַזוי האָט איר געקענט דערגיין צו אַזאַ אַכזריות כלפּי אַן אייגענעם חבר.

— ער איז ניט אונדזער חבר — האָט מען געשריִען פון אַלע זייטן — ביי אַ חבר גנבעט מען ניט.

— דאָס זענט איר גערעכט — האָב איך זיי געענטפערט — איך בין שטאָלץ מיט אייער געפיל צו פאַרטיידיקן דאָס פאַרמעגן פון אייער היים, אָבער איין זאַך האָט איר פאַרגעסן אַ טראַכט צו טאָן, אין וועלכער לאַגע עס געפינט זיך ריקל און ווי שווער אים איז איצט אָן אונדז. איר ווייסט דאָך גאַנץ גוט, אַז ביז נעכטן איז ריקל געווען אַ געטרייער חבר אין קאָלעקטיוו און געהאָלפן יעדן איינעם וויפל ער האָט נאָר געקענט. געשען איז מיט אים אַזוינס וואָס אים איז געווען שווערער פון אַלעמען אַדורכצוטראָגן, ווייל ווער נאָך ווי ריקל האָט אַזוי ליב געהאַט די סטאָליעריי און אַזוי פיל אויפגעטאָן פאַר איר. ער האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר שוואַך אַריבערצוטראָגן זיין דורכפאַל און געמיינט, אַז נקמה וועט שטילן זיין צער. דער מייסטער איז ניט שולדיק, ווייל די אמתע סטאָליעריי קענען מיר טאַקע נאָך ניט. מיר האָבן זיך אויסגעלערנט שטאָלץ צו זיין מיט אונדזערע קליינע דערגרייכונגען. איר, קינדער, מוזט זיך איצט צוגעוויינען צום געדאַנק, אַז איר גייט איצט אַריין אין אַ נייער, העכערער פאַזע. איר פאַרשטייט נאָך ווייניק, אָבער נעבן אייך שטייט אַ מענטש, וועלכער וויל מיטן גאַנצן האַרצן אייך איבערגעבן זיין וויסן, לייגט ניט קיין אַכט אויף זיין יעדן וואָרט, טוט וואָס ער זאָגט אייך, ווי צום בעסטן.

— אוי, לערערין, סאַראַ חכמת איר זענט. ווען מיר וואָלטן שוין אין איין וואָך געקענט מאַכן, ווי ער מאַכט, וואָלטן מיר אים דאָך באַדאַרפט אויף צען כּפּרות. ער מעג אויך אַ ביסל איינהאַלטן זיין פּיסק.

פאַרן אָוונטברויט לייג איך פאָר, אַז דער אָרדנער זאָל איינלאַדן ריקלען צום טיש. דער אָרדנער שעמט זיך. אַרקע, וועלכער איז אים דער ערשטער באַפאַלן, איז גרייט גיין אים איינלאַדן צום טיש. ער גייט צו צו ריקלען און

זאָגט אים, אַז וואָס ס׳איז געווען איז געווען און ער זאָל גיין עסן. ריקל שעמט זיך אַריינצוגיין אין עסצימער מיט אַזאַ צעביילט פּנים. איך בעט דעם אָרדנער צוטראָגן אים דאָס עסן אויף אַ בענקל צום בעט. ריקל האָט אָפּגעגעסן און געבליבן ווייטער שלאָפן אויף זיין בעט. ווי עס וואָלט אים געווען אַ שאָד זיך צו שיידן מיט דעם. ווען ער איז צו מאָרגנס אויפגעשטאַנען און זיך דערזען אין שפּיגל, האָט ער מיט אַ שמייכל אַ זאָג געטאָן:

— אַ שאָד וואָס מאָרגן איז ניט פּורים, איך וואָלט פאַרשפּאָרט קויפן אַ מאַסקע.

אַריינקומענדיק אין עסצימער האָט ער מיט אַ שמייכל זיך געווענדט צו מיר:

— ווען די פּוילישע מלוכה וואָלט געהאַט אַזעלכע געטרייע זעלנער ווי איר, לערערין, וואָלט זי אויסגעזען בעסער.

און צו די קינדער האָט ער געזאָגט:

— צי האָט איר טאַקע געגלייבט, אַז איך וויל אויף אַן אמת צוגנבענען פון מיין שטוב אַ צוועגל? איך האָב פּשוט געוואָלט אָפּטאָן אַ שפּיצל און שפּעטער וואָלט איך די צוואַנג צוריקגעבראַכט.

— טאָ זאָלסטו נאָך אַ מאָל אַזעלכע קונצן ניט מאַכן. דאָס ערשטע מאָל ביסטו אָפּגעקומען מיט אַ וווּנד אין קאָפּ, אַ צווייט מאָל וועסטו פאַרלירן אַן אויג.

אַלע זעצן זיך צום פרישטיק, ווי עס וואָלט גאָרניט ניט געשען. איך לייג פאָר ריקלען צו בעטן אַנטשולדיקונג ביים מייסטער, כדי אַ סוף צו מאַכן צו דער שטראָף און קענען בלייבן מיט אונדז. ריקל קען זיך ניט קיין עצה געבן מיט זיין אינערלעכן געראַנגל. ער שטייט ביים פענצטער און טראַכט. אָט איז שוין אָנגעקומען דער סטאָליער. די קינדער שטעלן זיך שוין צו דער אַרבעט און ריקל שלאָגט זיך נאָך אַלץ מיט דער דעה. איך דערצייל דעם מייסטער אין קורצן, ווי שטאַרק ער האָט איבערגעלעבט זיין טאַט און אַז ער וויל בעטן אַנטשולדיקונג, נאָר ער האָט ניט קיין כוח אין קעגנוואַרט פון אַלע קינדער. דער סטאָליער טוט מיר צוליב און גייט אַריין אין עסצימער. אין ריקלען בייטן זיך אַלע פאַרבן, ער שטאַרקט זיך און בעט

אַנטשולדיקונג ביים סטאָליער. זיי גייען צוזאַמען אַריין אין אַרבעט־צימער און ריקל שטעלט זיך צו דער אַרבעט.

דער קאָנפליקט איז ניט געווען דער ערשטער און ניט דער לעצטער. אַלץ אָפטער פלעגן זיך איבערחזרן די קאָנפליקטן. אַנשטאָט אים ליב צו קריגן האָבן זיי אים פון טאָג צו טאָג אַלץ מער געהאַסט, ווייל ער פלעגט וואָס ווייטער אַלץ מער און מער דערדריקן זייער גלויבן אין זייערע שעפע־רישע מעגלעכקייטן. דער סטאָליער האָט אָנגעהויבן ביסלעכווייז צו פאַר־שטיין, אַז כדי צו לערנען אַזעלכע קינדער איז ניט גענוג צו קענען סטאָ־ליערײַ אָדער וויסן זייער פאַרגאַנגענהייט, מ'דאַרף פשוט וויסן ווי צוצוגיין צו זיי. ער האָט פּלוצים דערפילט זיין אומבאַהאָלפנקייט און נאָך זעקס וואָכן, זיך אָפּגעזאָגט פון דער אַרבעט.

אַזעלכע אומגעלונגענע פּרוּוון זיינען געמאַכט געוואָרן עטלעכע מאָל און האָבן אונדז ניט ווייניק שאָדן געבראַכט. נאָך לאַנגע זוכענישן האָבן מיר געפונען אַ סטאָליער, אַ פּשוטן בחור מיט אַ מענטשלעך האַרץ, וועלכער האָט געוואָלט פאַרשטיין די קינדער און ניט זיין דער העלד. די קינדער האָבן אים ליב באַקומען און פלייסיק געאַרבעט.

איסער קערט זיך צוריק צום גאַסנלעבן

איסער איז געווען אַ דאַר, בלאַס 12־יאָריק יינגעלע. אַ פּאָר שוואַרצע, סאַמעטענע אויגן האָבן תמימותדיק אַרויסגעקוקט פון בלאַסן, לענגלעכן פּנימל. אַ פאַרריסן קינדעריש נעזל האָט זיך אויפגעהויבן איבער אַ קליין, רויט מײַלעכל מיט ווייסע, קליינע ציין. דאָס נעזל, צוזאַמען מיטן פּנימל, האָבן אויסגעדריקט זוכערישקייט און געפּאַסט זיך גיכער פאַר אַ מיידל. דין און עלאַסטיש, איז ער געווען ענלעכער אויף אַן אָרעמען אַריסטאָקראַט, איידער אויף אַ פּעיִק גנבל. זיין פאָטער איז געווען אַ קאַמאַשנשטעפּער און האָט פאַרדינט אויף חיונה פאַר דער משפחה, אָבער די קינדער האָט ער געטריבן פון שטוב. זיין מוטער איז געשטאָרבן ווען ער איז אַלט געווען

6 יאָר. פיר יאָר האָט זי געקרענקט אויף טובערקולאָז, די שטימונג אין שטוב — אַ דערדריקנדיקע און מיטן טויט אירן זיינען דריי זין אַוועק צום גאַסנלעבן. איסער איז געווען אַ פּעיִקער צו דער אַרבעט און אויך צום לער־נען, אָבער די לימודים זיינען אים אין קאָפּ ניט געקראָכן, ער האָט קיין געדולד ניט געהאַט אויסצוזיצן אין קלאַס און קיין מאָל ניט געמאַכט קיין לעקציעס אין שטוב. אין גאַסנלעבן האָט ער זיך אויסגעצייכנט פון דער ערשטער מינוט אָן. זיין אויסערלעכער אויסזען האָט אים געהאָלפן אָפּווישן פון זיך יעטוועדן חשד און ער האָט דעריבער מיט זיכערקייט אַדורכגעפירט פאַרשידענע גניבות. איסער האָט געהאַט אַ סך מזל ביי די יינגלעך פון דער אונטערוועלט צוליב דער פרויִשקייט זיינער. די דערוואַקסענע פלעגן באַ־גייסטערט ווערן פון זיינע סאַמעטענע אויגן און האָר און פון זיין צאַרטקייט בכלל.

אויך דער באַלעבאָס פון אונדזער אַרבעטס־לאַגער האָט ליב באַקומען איסערן. ווען מיר זיינען אַוועק פון אַרבעטס־לאַגער איז ער איין מאָל גע־קומען צו מיר אַהיים, פאַרטרויענדיק מיר אַ סוד, אַז ער האָט ליב מיט דער גאַנצער נשמה איסערן און ער וואָלט אים גענומען צו זיך אַלס שטענדיקן אַרבעטער. ער וועט אים געבן עסן, שלאָפן, קליידונג און אַפילו לוין. קיין קינדער האָט דער באַלעבאָס ניט געהאַט און איז בכלל גרייט געווען צו נעמען אים פאַר אַ זון — אויב אַזוינס איז נאָר מעגלעך. ער האָט אויך צוגעזאָגט צו לערנען אים גרינטלעך דאָס פאַך פון גערטנעריי און סאַד־אַרבעט. איך האָב געהאַלטן, אַז פאַר איסערן איז עס אַ זייער גוטע צוקונפט, אויב נאָר עס וועט אים געפעלן ווערן דער פּראָיעקט. מיר באַשליסן זיך צו ווענדן צו איסערן. אויסהערנדיק דעם פאַרשלאָג, האָט זיך איסער פאַרשעמט, געוואָרן רויט און געענטפערט מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן:

— פאַרוואָס זאָל איך ניט וועלן? כ׳מיין, אַז מיר וועט זיין גוט און איך וועל זיך באַמיִען, אַז אויך פאַרן באַלעבאָס זאָל זיין גוט. צי וועל איך אָבער קענען אַראָפּגיין צו מיין חברה אין שטאָט כאָטש איין מאָל אַ וואָך?

— זיכער! — האָט געענטפערט דער באַלעבאָס.

ער זאָגט אים צו אַפילו ברענגען אין שטאָט מיט זיין וואָגן. איסער לעבט אויף און לויפט אַריין צו דער חברה דערציילן וועגן זיין גליק. די

יינגלעך זיינען אים ממש מקנא. דער ערשטער צעשרייט זיך פון קנאה יאַשקע:

— איסער, זאָלסט זיך כאַטש ניט צוכאַפּן צו פיל צום פרעסן, ווייל דו קענסט נאָך קריגן אַ לויזן מאָגן און וועסט דאַרפן לויפן אויף צוריק. אויב דו וועסט צו פיל פרעסן מיט איין מאָל, קענסטו נאָך, חלילה, דערשטיקט ווערן. חברה האָט זיך אָנגעהויבן וויצלען אויף זיין חשבון, אָבער ער האָט ניט געלייגט קיין אַכט דערויף, ווייל ער איז מיט אַלע זיינע חושים געווען שוין דאָרטן.

צו מאָרגנס, צען אַ זייגער פרי, איז געקומען צו פאָרן זיין באַלעבאָס און אים אַוועקגענומען. במשך אַ לאַנגער צייט זיינען די גרוסן וועגן זיין אַרבעט און אויפפירונג געווען גלענצנדיקע. ער פלעגט זיך אויך אָפט אַראָפּ־כאַפּן צו אונדז אויף שבת און דערציילן מיט באַגייסטערונג ווי גוט אים איז, ווי ליב מ׳האָט אים און וואָס פאַרן אַן עסן ער קריגט און וואָסערע מתנות. איין זאַך האָט אים געפעלט — די חברה. עס בענקט זיך אים, זאָגט ער.

איין מאָל איז געקומען צו מיר דער באַלעבאָס און מיר אין דער שטיל דערציילט, אַז ס׳האָט געטראָפן אַן אומאָנגענעמע זאַך: עס זיינען אים פאַר־לוירן געגאַנגען 6 זילבערנע לעפעלעך. ער איז זיכער, אַז דאָס איז איסערס אַרבעט. אים גייט ניט וועגן די לעפעלעך, אָבער צי איז גוט מ׳זאָל זיך ניט וויסנדיק מאַכן? ער וויל אים אַפילו ניט פרעגן, ווייל ער האָט מורא אים צו פאַרלירן. מיר באַשליסן, אַז ער וועט אַוועקלייגן געלט מיט אַ סימן און וועט זען וואָס ווייטער וועט זיין. אין אַ פּאָר וואָכן אַרום האָט זיך אַרויס־געוויזן, אַז ער האָט אויך צוגעגנבעט דאָס געלט און נאָך דערצו דער פרויס אַ גאָלדן קייטעלע. מיר באַשליסן, אַז איך וועל זיך מיט אים דורכריידן אונטער פיר אויגן און וועל זען ווי אַזוי ער וועט רעאַגירן. איך וועל אים ניט פרעגן צי ער האָט גענומען, איך וועל אים פשוט זאָגן, אַז ער היט ניט גוט די שטוב און דערי־בער פעלן אַ סך זאַכן. איך וועל אים זאָגן, אַז דער באַ־לעבאָס וויל אים העלפן, אָבער ער מוז העלפן אים געפינען אַלע פאַרלוסטן.

אויסהערנדיק דאָס איז איסער געוואָרן רויט ווי אַ בוראַק און אָנגעהויבן שרייען:

— אויב ער האָט זיך באַקלאָגט פאַר אייך, אַז איך באַגנבע אים, ווייל איך מער ביי אים ניט אַרבעטן.

קיין שום אויפקלערונגען האָבן ניט געהאָלפן, ער האָט זיך צום באַלע־באָס מער ניט אומגעקערט. אין אונדזער היים איז אים אויך ניט געווען צו פיל אָנגענעם, ווייל די קינדער האָבן חושד געווען, אַז עפּעס איז גע־שען — ווי גייט מען עס סתם אַוועק פון אַזאַ שמאַלצגרוב? אַחוץ דעם האָט דאָס באַקוועמע לעבן געטאָן דאָס זייניקע: אונדזער געלעגער איז אים גע־וואָרן צו האַרט, די זופּ — ניט גענוג פעט. דער גלויבן אין זיינע כוחות, וואָס איז געוואָרן די גאַנצע צייט געפלעגט דורך זיין באַלעבאָס, האָט אים געגעבן האָפענונג צו באַקומען אַרבעט אויך ביי אַנדערע באַלעבאַטים און ער האָט אָנגעהויבן גרינגשעצן די איינגעשטעלטע דורכן קאָלעקטיוו דיסציפּלין. דער אידעאַל, וואָס האָט אונדז אַלעמען געבונדן, האָט מער ניט געבונדן איסערן. ער האָט זיך דערשפּירט איבער דער חברה. די יינגלעך האָבן עס אויפגענו־מען מיט באַליידיקונג און געשריען:

— מ׳טאָר ניט יעדעס חזיר שיקן נאָך אַ בעסערן ביסן, ווייל דאָס חזיר ווערט אַ וואָלף.

די ליבשאַפט פון דער חברה צו איסערן האָט זיך ביסלעכווייז אָפּגע־קילט און נאָכן געפינען אַרבעט ביי אַ שלאָסער־מייסטער האָט אונדז איסער פאַרלאָזן. נאָך דער אַרבעט פלעגט ער זיך צוריקקערן צו דער חברה פון דער אונטערוועלט. אויב מען לעבט מיט זיי, מוז מען זיי העלפן אין זייערע אונטערנעמונגען. אָט אַזוי האָט ער זיך ווידער אַריינגעצויגן אין זייערע „געשעפטן". וואָס ווייטער אַלץ מער און מער ביז ער האָט אָנגעהויבן אויך גנבענען ביים נייעם מייסטער. גאָר אין גיכן איז ער אויך פון דעם מייס־טער געוואָרן באַזייטיקט. אין אַ יאָר שפּעטער איז אויסגעבראָכן די מלחמה און ער איז פאַרטריבן געוואָרן אין וויטן רוסלאַנד, געווען אין דער רויטער אַרמיי, געליטן ניט ווייניק און געזוכט אַ חברטע אין לעבן, כדי ניט זיין עלנט. צוליב זיין פּרוויִשן כאַראַקטער האָט ער, פאַרשטייט זיך, געזוכט אַן ענערגישע פרוי, און טאַקע אַזאַ געפונען. זי איז ניט געווען מסכים צו לעבן אין שרעק און זוכן גליקן, זי איז געווען גרייט אויסצופירן יעדע אַרבעט.

אין יאָר 1947 האָב איך באַגעגנט איסערן אין ווילנע. ער האָט פון דער

ווייטנס אַ געשריי געטאָן צו מיר און צוגעלאָפן מיך באַגריסן. ער האָט מיר דערציילט אין קורצן וועגן זיינע איבערלעבונגען אין רוסלאַנד און האָט מיט אַ שמייכל צוגעגעבן:

— לערערין, כ׳האָב דאָרט ניט געפונען דאָס, וואָס איר האָט אונדז דערציילט וועגן דער גלייכקייט און גערעכטיקייט פון אַ קאָמוניסטישער אָרדענונג. וואָס כ׳האָב יאָ געפונען, איז — אומגלייכקייט און אומרעכט.

— איסער, — האָב איך אים אויפגעקלערט — פאַרגעס ניט, אַז אין רוסלאַנד זיינען געווען אַ סך אַזעלכע ווי דו. זיי האָבן געוואָלט לעבן בעסער, ווי דאָס לאַנד איז נאָך אַזאַ שווערער מלחמה געווען בכוח זיי צו געבן, און במילא זענען אַנטשטאַנען אָפּווייכונגען פון סאָציאַליסטישן וועג. סיי די רעוואָלוציע און סיי די מלחמה האָבן צעשטערט דאָס לאַנד, די הייזער, די פאַבריקן, די פעלדער אָנגעטרונקען מיטן בלוט פון מיליאָנען אומשולדיקע בירגער. פון וואַנען זאָל די רעגירונג נעמען אַפילו ברויט צו דער זעט פאַר צוויי הונדערט מיליאָן מענטשן? אויב דו ביסט געווען זאַט, האָט אַ צווייטער אַפילו קיין פּיצל ברויט ניט געהאַט. קריטיקירן קען יעדער נאַר, אָבער אַריינטראַכטן זיך און העלפן דעם לאַנד אַרויסקריכן פון דער שווערער לאַגע ווילן זייער ווייניק בירגער. וואָס קען טאָן אַ רעגירונג, אַפילו מיט די בעסטע אידעאַלן, אויב די בירגער ווילן ניט אויספירן אירע פאַראָרדענונגען?

— לערערין, פון מיר האָט איר אַ סך צער געהאַט, אָבער אַז איר וועט זיך באַקענען מיט מיין פרוי וועט איר האָבן נחת. זי איז פון אייערע מענטשן, זי וויל ניט קיין גרינג לעבן. האָרעוועט טאָג און נאַכט אַבי צו פאַרדינען ערלעך דאָס ברויט. קומט, לערערין, אַרויף צו מיר, איך וווין דאָ ניט ווייט.

כאָטש כ׳האָב קיין צייט ניט געהאַט, האָט זיך מיר זייער געוואָלט איבערלעבן אַ שטיקל נחת. אין זייער וווינונג, כמעט אין צענטער שטאָט, האָב איך געטראָפן אַ פרוי אַ מונטערע, אַ געזונטע, מיט אַ פּאָר ברענענדיקע אויגן. זי קוקט אויף איר צאַרטן, בלאַסן מאַן מיט ליבשאַפט. אויסהערנדיק ווער איך בין, האָט זי מיר דערלאַנגט אַ פעסטע, וואַרעמע האַנט און אַ זאָג געטאָן:

—דאָס, וואָס איר האָט ניט דערטאָן, האָב איך פאַרענדיקט. פון מיין מאַנס אַלטע געוווינהייטן איז קיין זכר ניט פאַרבליבן. איך האָס פחדנים, וועלכע האָבן מורא פאַרן קאַמף פאַר אַן ערלעך לעבן. גנבענען קען יעדער טיפּש, אָבער דערגיין צו עפּעס דורך אייגענער פּראַצע קענען נאָר שטאַרקע און פעיִקע.

זי האָט מיך חבריש אַוועקגעזעצט ביים טיש. גלייך האָט זי צוגעטראָגן אַ הייס גלאָז טיי מיט ברויט און מאַרמעלאַד, צוגעבנדיק:

— איר וועט דאָך מיר אַנטשולדיקן פאַר אַזאַ אָרעמען כיבוד, דאָס איז אָבער ערלעך פאַרדינט.

איך האָב נאָכגעקוקט יעדע אירע באַוועגונג. עס האָט מיך באַגייסטערט דער אומגעהייערער כוח און זיכערקייט, באַוווסטזיין און אמונה, וואָס האָט פון איר געשלאָגן. כ׳האָב געטראַכט: אָט אַזעלכע מענטשן דאַרף די אומגליקלעכע, צעשטערטע וועלט — אָט אַזעלכע קענען דעם טייוול אַליין באַזיגן.

זי האָט דערפילט מיין באַגייסטערונג און צוגעגעבן:

— איר וועט נאָך אַ סך נחת האָבן פון מיין מאַן. איך האָף, אַז מיין ווער וועט אים בעסער געפעלן ווי זיינער פון אַ מאָל.

אויף מיין פראַגע, מיט וואָס זיי באַשעפטיקן זיך איצטער, האָט זי מיר געענטפערט, אַז זי קאָכט מיטאָגן פאַר אַרבעטער און איסער אַרבעט אין אַ סטאָליער־קאָאָפּעראַטיוו. אָט אַזוי האָט איסער אַ דאַנק זיין וווּנדערבאַרער פרוי און אויך אַ דאַנק זיין פערזענלעכן חן און פעיִקייטן, אָנגעהויבן אַן ערלעך לעבן.

תהילה טיקטין־פרטיג

מיר מוזן שאַפן אַ נייע סביבה פאַר אונדזערע קינדער

דאָס כסדרדיקע לעבן אין דער זעלבער סביבה, צווישן די זעלבע קינ־דער, וואָס זיי האָבן געקענט אין די פריִערדיקע באַדינגונגען, איז ניט געווען געזונט, כדי צו ענדערן זייער באַציִונג צו דער אַרומיקער וועלט. ס'איז ניט געזונט צו דערציילן זיי וועגן דעם, אַז צווישן די מענטשן, וואָס זיי האָבן אין לעבן באַגעגנט זיינען אויך פאַראַן גוטע, האַרציקע מענטשן, וואָס זאָרגן פאַר חברים, וועלכע געפינען זיך אין אַ שווערער לאַגע, אַרבעטן שווער און טיילן זיך מיט יעדן ביסן. איך האָב געוואָלט, אַז זיי זאָלן זיך באַגעגענען מיט גוטע קינדער, מיט גוטע מענטשן.

איך האָב צוזאַמענגערופן מיינע נאָענטסטע פריינד אויף אַ קורצער באַ־ראַטונג. צו זיי האָבן געהערט: די פּסיכאָלאָגין וויטאַ לעווין, יוסף טעפּער, ד״ר העלער און פּרוי ד״ר ראַף. אין שווערע מינוטן זיינען זיי געווען מיינע ראַטגעבער. איך האָב זיי דערציילט וועגן מיין ווילן צו שאַפן פאַר די קינ־דער אַ נייע סביבה פון זייער עלטער, וואָס זאָל אַריינטראָגן אין זייער לעבן נייע באַגריפן, נייע מחשבות, נייע חלומות און נייע ווערטן. וויטאַ לעווין האָט אַקצעפּטירט מיין מיינונג, אָבער זי האָט געזאָגט, אַז פון איר שול קען מען ניט רעקרוטירן קיין קינדער, ווייל זיי זיינען שטאַרק אָפּגעשטאַנען. עס וועט זיין אַ צו גרויסער אונטערשייד: אונדזערע — צו קלוג און אירע — צו נאַריש. צווייטנס, קענען נאָך אונדזערע קינדער באַליידיקן אירע קינדער, צוליב זייער אומטאָלעראַנץ.

פּרוי ד״ר ראַף האָט געזאָגט, אַז לויט איר מיינונג דאַרף יעדער מיט־גליד פון דער „געזעלשאַפט פאַר ספּעציעלער דערציִונג״, וועלכער האָט אייגענע קינדער זיך פאַרפליכטן צו שיקן זיינע קינדער, כאָטש איין מאָל אַ וואָך, צו פאַרברענגען אַן אָוונט אין אונדזער היים.

טעפּער איז גרייט געווען צו אָרגאַניזירן אין זיין גימנאַזיע גאַנצע קלאַסן, אין עלטער פון אונדזערע קינדער און גרינדן אַ שילער־פּאַטראָנאַט, וואָס זאָל קומען אין אונדזער היים אויף פּרייטיק־צונאַכטסן, איינאָרדענען אין די שבתים געמיינזאַמע שפּאַצירן, אויך אינדיווידועל איינלאַדענען איינצלנע קינדער צו זיך אין די היימען. טעפּערס פּלאַן איז, פאַרשטענדלעך, געווען

דער בעסטער און מיר אַלע האָבן אים אויפגענומען מיט פרייד. ס'איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז טעפער וועט זיינע שילער צוגרייטן צום ערשטן באַזוך, כדי זיי זאָלן וויסן ריכטיק צו רעאַגירן אויף דער פרימיטיווקייט פון אונדזערע קינדער.

דער באַזוך פון שילער־פאַטראָנאַט

יוסף טעפער — לערער פון דער דייטשער שפראַך אין גימנאַזיע „אָקס" — איז געווען איינער פון אונדזערע נאָענטסטע פריינד. ער האָט זיך געפרייט מיט יעדער קלענסטער דערגרייכונג אונדזערער און זי געבראַכט פאַר דער עפנטלעכקייט, כדי צו שאַפן פאַר אונדזער היים מער און מער פריינד. ער איז געווען דער, וועלכער איז געקומען מיט דער אידעע צו שאַפן אַ שילער־פאַטראָנאַט, וואָס זאָל אונדז העלפן ניט נאָר מאַטעריעל, נאָר אויך מאָראַליש.

מיר האָבן געוואָלט, אַז אונדזערע קינדער זאָלן אָנהייבן דערקענען נייע שיכטן פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט. און אין אַ פּרייטיק־צונאַכטס איז אַריינגעקומען דער לערער טעפער מיט 36 שילער אין עלטער פון 13—15 יאָר.

צווישן די שילער האָט זיך אויך געפונען דאָס וווּנדער־קינד מוסינקע דייכעס. שוין אַלס קליין קינד איז זי באַקאַנט געווען מיט איר אויסערגעוויינלעכן טאַלאַנט צו באַלעט. מוסינקע איז ניט נאָר געווען באַשענקט פון דער נאַטור מיט טאַלאַנט, זי האָט אויך פאַרמאָגט אַ וואַרעם האַרץ און געפיל צו ליבן אַלץ און אַלעמען. וועגן מוסינקען האָבן אַפילו אונדזערע קינדער געהערט און זיינען געווען גליקלעך צו זען זי אין אונדזער היים. אירע שטראַלנדיקע, וואַרעמע בליקן, איר צאַרטע שטים האָט גלייך געשאַפן אַ וואַרעמקייט אין דער היים און אונדזערע קינדער האָבן אָנגעהויבן מיט דרייסטקייט דערציילן וועגן זייער באַליבטער שאַפקע. אַלע האָבן געוואָלט רעדן, דערציילן, אַפילו וועגן זייער פריִערדיק לעבן.

באַלד פון ערשטן באַזוך האָט זיך איינגעשטעלט אַ גאָענטער קאָנטאַקט. טעפּערס שילער האָבן איינגעלאַדן אונדזערע קינדער אויפן נאָענטסטן שבת אויף אַ געמיינזאַמען שפּאַציר. אונדזערע קינדער זיינען געווען זייער צופרידן פון דער איינלאַדונג, ניט אַזוי צוליב דער שיינער נאַטור פון דער ווילנער אומגעגנט, נאָר פשוט פון דער געלעגנהייט צו שפּאַצירן מיט קינדער פון אַן אַנדער סביבה. זיי איז געווען אינטערעסאַנט צו זען ווי רייכע קינדער פאַר־ברענגען אויף אַ שפּאַציר און וואָס זיי עסן דאָרט. יאָשקען איז שוין באַצייטנס געראָנען די סלינע פון מויל, טראַכטנדיק וועגן די גוטע מאכלים, וואָס ער וועט באַקומען. סיי איך מיט מיינע קינדער און סיי דער לערער טעפּער מיט זיינע קינדער, האָבן זיך ווי געהעריק צוגעגרייט צום שפּאַציר. זיי זיינען אונדז געקומען נעמען 8 אַ זייגער פרי, און האָבן אונדז צוריקגעבראַכט אין אונ־דזער היים 6 אַ זייגער אָוונט.

ביידע צדדים זיינען געווען באַגייסטערט און די קינדער האָבן אָפּגע־רעדט זיך אָפּט צו באַגעגענען. די פריינדשאַפט איז געוואַקסן מיט יעדער באַגעגעניש. דער שילער־פּאַטראָנאַט פלעגט אָנטיילנעמען אין אַלע אונדזערע שמחות און דאגהס.

ווען די שילער האָבן זיך באַקענט מיט אונדז נענטער, האָבן זיי זיך פאַרשעמט פאַר אונדזער אָרעמקייט. זיי האָבן זיך פאַרשעמט פאַר זייערע נייע חברים, וואָס לעבן אויף ברויט מיט טיי און כמעט פאַסטנעם מיטאָג, בעת זיי עסן יעדן טאָג אַזעלכע גוטע זאַכן. זיי האָבן געמאַכט אַ פאַרזאַמלונג און באַשלאָסן זיך צו באַשטייערן לטובת אונדזער היים מיט אַ חודשלעכן אָפּ־צאָל און יעדן טאָג ברענגען צו אַ צווייטן פרישטיק פאַר אונדזערע קינדער. יעדן טאָג פלעגן אַנדערע צוויי קינדער אַוועקטראָגן די פרישטיקן אין אונ־דזער היים.

זיכער איז דאָס געפיל פון די שילער געווען טיף פריינדשאַפטלעך און מענטשלעך, אָבער די פאָרעם איז געווען אַ דערנידערנדיקע און האָט גע־בראַכט אָן אַ שיר שאָדן. קודם כל האָבן זיך אונדזערע ייִנגלעך, ווי די נעמער, ווידער דערפילט שוין ניט מער ווי גלייכע מיט גלייכע, וועלכע שפּאַצירן צוזאַמען, דערלאַנגען אַ מאָל כיבוד ביי אונדז און געניסן אַ מאָל פון זייער כיבוד. אַחוץ דעם זיינען די פרישטיקן געווען ניט קיין איינהייטלעכע. עס

זיינען געווען בולקעס מיט פּוטער און ווורשט און עס איז געווען ברויט מיט פּוטער און קעז; עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ רייסעריי, יעדער האָט געוואָלט כאַפּן לויט זיין געשמאַק און די באַשיידענע חברישע קינדער זיינען ווידער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין חיות. מ׳האָט זיך געשטופּט און געשלאָגן. איך בין געשטאַנען און טרויעריק צוגעקוקט, ווי לייכט מ׳קען זיי ווידער ברענגען צו זייער אַלטער געוווינהייט.

ווען כ׳האָב געזען, אַז טראָץ מיינע אַלע אַפּעלאַציעס, ענדערט זיך ניט דער דאָזיקער מצב, האָב איך זיי געזאָגט:

— אויב די סענדוויטשן דאַרפן אונדז פאַרוואַנדלען צוריק אין חיות, וועלן מיר זאָגן די שילער אַ גרויסן דאַנק פאַרן גוטן ווילן און זיך אָפּזאָגן פון דעם.

— חלילה! — האָבן יאַשקע, צדוק, זשאַמקע און אַנדערע געשריגן — מיר וועלן אייך קיין מאָל ניט מוחל זיין, אויב איר וועט צונעמען ביי אונדז אַזאַ פאַרגעניגן...

עס האָט זיך אָנגעהויבן דער שווערער קאַמף: אָנגיין מיט די פרישטיקן הייסט מאַכן אַ סוף פון דעם ביז איצט דערגרייכטן שטאַלץ צו לעבן אָרעם, אָבער פון אייגענער אַרבעט; אָפּזאָגן זיך פון דעם, הייסט שטעלן אין געפאַר די פריינדשאַפט און זייער צוטרוי צו מיר.

איך האָב באַשלאָסן איינצולאַדן צו זיך אַהיים דריי עלטערע, בעסערע יינגלעך און זיי אויפקלערן וועגן אונדזער גרויסן מאָראַלישן פאַרלוסט. ווען קאָוואַרסקי איז געקומען נעמען די קינדער אויף אַ לעקציע, האָב איך געבעטן די דריי יינגלעך זאָלן אַרויפגיין מיט מיר אין שטוב, כדי עפּעס ברענגען. כ׳האָב מיט זיי גערעדט וועגן דער גרויסער חרפה, וואָס אונדזערע שטאָלצע יאָטן ווערן ווידער פאַרוואַנדלט אין שנאָרער און שלאָגן זיך נאָך פאַר דעם. איך האָב זיי געבעטן ווירקן אויף די חברים זיי זאָלן זיך מיט שטאָלץ אָפּזאָגן דערפון. די יינגלעך האָבן מיך גוט פאַרשטאַנען, אָבער כ׳האָב געפילט, אַז אויך זיי איז ניט לייכט זיך אָפּצוזאָגן פון די פרישטיקס. איך האָב נאָך צוגעגעבן, אַז צוליב אונדזער מאָראַלישן פאַלן קענען מיר גאָר אין גיכן פאַרלירן די שילער אַפילו אַלס פריינד.

די פּראַקטישע זייט האָט זיי מער איבערצייגט ווי מיין מאָראַלישע

אויפקלערונג. חברה האָט פון דעסטוועגן אָנגעהויבן פירן אַן אויפקלערונגס־אַרבעט צווישן די קינדער. ס׳איז זייער שווער געווען זיי צו באַווירקן אָפּצו־זאָגן זיך פונעם געשמאַקן ביסן. ביז כ׳האָב באַשלאָסן צו דערציילן וועגן דעם דעם לערער טעפּער און בעטן ער זאָל איין מאָל זיין אָנווּעזנדיק ביים פרי־שטיק און אַלס פּראָטעסט זאָל ער מעלדן, אַז צוליב זייער פאַרלירן דעם שטאָלץ פון ערלעכע מענטשן, שאַפט ער אָפּ די אונטערנעמונג. ער האָט דערביי צוגעגעבן, אַז ער וועט זיך באַמיִען, אַז דער שילער־פּאַטראָנאַט זאָל בעסער זיי העלפן אין איינקויפן מכשירים צו דער אַרבעט אַלס מתנה.

די יינגלעך זיינען געווען זייער אומצופרידן מיט דער אָפּשאַפונג פון די פרישטיקן, אָבער זיי האָבן צו קיינעם קיין טענות ניט געקענט האָבן, נאָר צו זיך אַליין. די שטימונג איז געווען אַ געדריקטע, איינער האָט באַ־שולדיקט דעם צווייטן, ביז ס׳איז געקומען אַ נייע עמאָציע.

היגיענע

ווען אַ קינד פלעגט אָנקומען אין אונדזער היים ניט דורכן געריכט, נאָר גלייך פון זיין גאַסנלעבן, פלעגן מיר קיין מאָל ניט וויסן וועלכע פאַרב עס האָט זיין לייב: דער דיקער שיכט שמוץ, וואָס פלעגט באַדעקן די הויט זיינע, פלעגט אַלע מאָל שאַפן דעם איינדרוק, אַז זי איז אַ שוואַרצע. די צעריסענע בגדים האָבן געגלאַנצט פון סמאָלע און לייז פלעגן זיי האָבן מער וויפל האָר אויפן קאָפּ. מיר פלעגן אַזאַ קינד קיין מאָל וועגן דעם ניט דערמאָנען און אַפילו ניט צווינגען צו וואַשן זיך פאַרן עסן. ביי די קינ־דער האָט זיך אויסגעבילדעט אַ געפיל פון זעלבסטפאַרטיידיקונג; אַזאַ מין שטאָלץ, וואָס רעאַגירט אויף דער קלענסטער באַמערקונג מיט באַליידיקן זיך. זייער טיפער מינדערווערטיקייט־קאָמפּלעקס ווערט דורך דעם פאַר־באַהאַלטן.

ווען מיר פלעגן זיך גרייטן צום מאָלצייט פלעג איך אין דער שטיל, קיינער זאָל ניט אַ פרעג טאָן ס׳ניי־געקומענע קינד, אויב אים ווילט

זיך אַרומוואַשן די הענט. אויב ער פלעגט ניט וועלן, איז ער אָן שום ווייטער־דיקע באַמערקונגען געגאַנגען צום טיש און געגעסן גלייך מיט אַלעמען. דאָס זעלבע פלעגט זיין ביים שלאָפן־גיין. אויב ער פלעגט זיך וועלן אַרומוואַשן זיינען מיר געווען זייער צופרידן און פלעגן אים מאַכן אַ סך קאָמפּלימענטן, אַז ער איז אַ סך שענער געוואָרן. ער פלעגט שמייכלען און אַ צופרידענער אַריין אין דעם ריינעם בעט.

אויב אָבער דאָס נייע קינד האָט געהאַט אַ חשד, אַז מ׳מיאוסט זיך פון זיין שמוציקייט, פלעגט ער זיך אָפּזאָגן צו גיין וואַשן און פלעגט זיך מיט די לייז און גאַנצן שמוץ אַריינלייגן אין דעם ריינעם בעט. ווען ער פלעגט אויף צו מאָרגנס דערזען, וואָס ער האָט געמאַכט פון זיין ריינעם געלעגער, פלעגט אים פאַר זיך אַליין זיין ניט אָנגענעם און פלעגט זיך שעמען פאַר מיר און פאַר די חברים, הגם קיינער פון אונדז האָט אים גאָרניט ניט געזאָגט. ווען ער פלעגט זען, אַז מ׳זאָגט אים גאָרניט און מ׳האַלט אים פאַר אַ גלייכן חבר, פלעגט ער זיך אָנהייבן צוצוקוקן ווי עס טוען זיינע חברים און געטאָן דאָס זעלביקע.

דער ערשטער אַרבעט־פּלאַץ פון נייעם קינד פלעגט זיין אין קיך. דאָרט איז וואַרעמער און עס שמעקט מיט ריחות פון אַ שטוביק לעבן. אַחוץ דעם פאַרזוכט מען טאַקע פון די מאכלים, וואָס קאָכן זיך אין טאָפּ. מ׳כאַפּט אַ ביס, וואָס איז נאָך אין יענער צייט געווען זייער אויסגערעכנט. און חוץ דעם פאַלט מען ניט אַדורך אין דער אַרבעט, ווייל איך פלעג אַלע מאָל זיין אָרדנער אין קיך, ווען אַ ניי קינד פלעגט אָנקומען. וואָס ער פלעגט ניט דערטאָן האָב איך עס דערגענצט.

דעמאָלט איז אָנגעקומען לייבושקע, אַ ייִנגל מיט אַ גרויסן סטאַזש אין גאַסנלעבן, זייער ציניש, זיכער אין זיך, ווייל ער איז געווען איינער פון די געשיקטסטע ביים אַדורכפירן „לינקע זאַכן״. אָט דער דאָזיקער לייבושקע האָט געהאַט אַ כראָנישן קאַטאַר, אַלע פּאָר מינוט פלעגט ער מאַכן פון דער האַנט אַ קולאַק, און דאָרט אַריינשטופּן די פליסיקייט וואָס פלעגט אים לויפן פון דער נאָז. אויב ניט מיטן קולאַק פלעגט ער מיטן אַרבל פונעם פאַרשמאַדערטן רעקל אַ וויש געבן די נאָז. איך וויל אים פאַרלייגן אַ נאָז־טיכל, אָבער איך האָב מורא, אַז ער זאָל זיך ניט באַליידיקן. אָט אַזוי זיצן

מירביידע און שיילן די קאַרטאָפּל און לייבושקע ציט מיט דער נאָז אָן אויפהער.

— מיר דוכט זיך, אַז דו ביסט אַ ביסל צוגעקילט, —טו איך אים פאַר־זיכטיק אַ זאָג.

— לייבושקע צעלאַכט זיך אויפן קול און זאָגט, אַז אַזעלכע קינדער ווי ער קילן זיך ניט צו.

— מיר, — זאָגט ער, — האָבן געמאַכט אַן אָפּמאַך מיטן מלאך המות, אַז פריִער וועט ער גיין צו די רייכע קינדער, וועלכע ליגן אונטער די פּערי־נעס, און אַז ער וועט ווערן אַרבעטסלאָז זאָל ער קומען צו אונדז. ווייזט אויס, אַז דער מלאך־המות האָט דאָרט אַ סך אַרבעט, און דעריבער קומט ער ניט צו אונדז.

מיין פּלאַן איז צו זאָגן, אַז צוליב דער פאַרקילונג טאָר ער ניט נעצן די הענט אין קאַלטן וואַסער, איז דורכגעפאַלן און איך מוז אויך ווייטער קוקן, ווי ער קייקלט אומגעשיקט די קאַרטאָפּל אין זיינע שמוציקע הענט. ווען איך האָב געזען, אַז ער לאָזט איבער אַ סך שאָלעכץ און פאַרפוילטע ערטער אין די קאַרטאָפּל, האָב איך אים אָנגעוויזן, אַז אויך דאָס שניידן מיר אַרויס, ווייל ס׳איז ניט געזונט צום עסן.

— לערעריין, „ס׳איז ניט געזונט״, — חזרט ער איבער מיט אַ שמייכל. דאָס איז נאָך ניט ריין? איר, לערעריין, גלייבט אויך אין די נאַרישקייטן? ווען פון ניט־ריינקייט וואָלטן מענטשן געשטאָרבן, וואָלט פון אונדז קיין איינער ניט לעבן געבליבן. מיר פלעגן ניט שיילן און ניט וואַשן קיין קאַר־טאָפל, פשוט אַרויסגנבענען פון פעלד, מאַכן אַ פייער, אָפּבאַקן זיי און אַריינרייבן. אַ מכה האָבן די רייכע זינדלעך געפילט אַזאַ טעם, ווי מיר האָבן געפילט.

— ניין, לייבושקע, איך בין ניט מסכים מיט דיר, אַז פון שמוץ ווערט מען ניט קראַנק. אמת איז, אַז איר זענט טאַקע מער פאַרהאַרטעוועט פון לעבן ווי די געצערטלטע רייכע קינדער, אָבער אַז שמוץ איז קראַנקייט בין איך זיכער. מיר וועלן אין גיכן לייען אַ מיקראָסקאָפּ, אַ פאַרגרעסער־גלאָז, וועסטו זיך אַליין איבערצייגן, וואָס פאַר אַ העסלעכע ווערימלעך עס געפי־נען זיך אין שמוץ. אויב די אַלע מיקראָבן זאָלן מיך אַפילו נאָך ניט קראַנק

מאַכן, וואָלט איך זיי אויך ניט געוואָלט האָבן אין מיין בויך. מיינסטו ניט, לייבושקע, אַז די קאַרטאָפּל, וואָס איך האָב אָפּגעשיילט זיינען ניט שענער און שמייכלען ממש מיט זייער ווייסקייט?

לייבושקע שמייכלט, הערנדיק פון מיר, אַז אַ קאַרטאָפּל שמייכלט.

— יאָ, לייבושקע, אַז די זון וואַרעמט, דוכט זיך דיר אויס, אַז זי שמייכלט צו דיר. דו וועסט זיך צוקוקן צום לעבן וועסטו זען, אַז דאָס וואָס ס'איז שיין און ליב דוכט זיך דיר, אַז עס שמייכלט. אָט, למשל, זיצן מיר ביידע ביי דער פּליטע, דאָס פייער ווינקט צו אונדז און וואַרעמט אונדז און אויפן גאַס איז אַ ביטערע קעלט, פילסטו דען ניט, פונקט ווי דאָס פייער וואָלט אונדז געגלעט און געבראַכט אַן אָנגענעם געפיל?

— אוי, לערערין, איך האָב קיין מאָל ניט געטראַכט וועגן דעם.

— דאָס גלייב איך דיר, אַז ווען ס'איז קאַלט און אין מאָגן שפּילט אַ מאַרש און דו ווייסט ניט מיט וואָס צו שטילן דעם הונגער, אָדער ווי דעם קאָפּ ביינאַכט אָװעקצולייגן, אין אַזעלכע באַדינגונגען זעט מען ניט די שיינקייט פון דער נאַטור. מ'זעט נאָר די בייזע, קאַלטע וועלט.

— לערערין, איר האָט אויך געלעבט אַ מאָל אין אַ „מאַלינע"?

— ניין, צו אַזאַ לאַגע בין איך נאָך ניט דערגאַנגען, אָבער שווערע צייטן איבערגעלעבט אַ סך. שוין אַלס 8־חדשימדיק קינד בין איך געבליבן אָן אַ פאָטער און אַ גאַנץ לעבן געבענקט נאָך אים.

— אוי, לערערין, סאַראַ נאָר איר זענט, נאָך אַ טאַטן בענקען? און אַז איך האָב אַ טאַטן, איז וואָס, טראַכט ער וועגן מיר? צוליב זיינע קורוועס האָט ער דער מאַמען פון שטוב פאַרטריבן און יונגערהייט באַגראָבן. וואָס האָב איך פון אים?

— ערשטנס, — האָב איך געפּרוּווט אים אויפקלערן — זיינען ניט אַלע טאַטעס אַזעלכע און, צווייטנס, האָט דיין טאַטע אויך ניט פאַרזוכט דעם טעם פון ליבע און וואַרעמקייט. אויך ער האָט געזען נאָר די קאַלטע, אַכזריותדיקע וועלט. ער האָט געלעבט ווי דו און זיך אויסגעלערנט טראַכטן נאָר וועגן זיך, ווייל אויך צו אים איז קיינער ניט גוט געווען. אַז דו, לייבושקע, וועסט זיך אָנוואַרעמען ביי אונדז אין דער היים צווישן גוטע פריינד

און וועסט זיך אויסלערנען אַ פאַך, וועסטו דאַן קענען העלפן דיין טאַטן. דיין טאַטע וועט דערפילן, אַז אויף דער וועלט איז אויך פאַראַן גוטס און דאָס וועט אין אים אויפוועקן גוטע געפילן, וואָס זיינען פאַראַן אין יעדן מענטש און אויך אין דיין טאַטן.

אַזוי שמועסנדיק האָבן מיר געענדיקט שיילן די קאַרטאָפל און מ׳האָט געדאַרפט אָנהייבן זיי וואַשן, כדי אַריינצולייגן אין טאָפּ. איך האָב אים געבעטן אַרויסנעמען די קאַרטאָפל פון וואַסער און אַריינלייגן אין פרישן וואַסער, האָט ער מיך אָנגעקוקט ווי משוגע:

— אַזוי פיל וואַסער כליאָפּען אומזיסט?

ווען ער האָט די קאַרטאָפל איבערגעשווענקט דאָס צווייטע מאָל, האָב איך אים אַראָפּגעשיקט אַרויפברענגען האָלץ און איך האָב דאַן דורכגעפירט די אמתע רייניקונג פון די קאַרטאָפל.

ווען לייבושקע איז געוועזן אָרדנער צום צווייטן מאָל האָט ער שוין געוווּסט, אַז צוויי מאָל מוז מען איבערוואַשן קאַרטאָפל. דאָ האָב איך גע־פילט, אַז מ׳קען שוין צוגעבן נאָך אַ קליינע פאָדערונג, ווי אָפּוואַשן די הענט מיט זייף פאַרן אַריינלייגן די קאַרטאָפל אין טאָפּ אַריין. אָן דעם וועלן די קאַרטאָפל קיין מאָל ריין ניט זיין. לייבושקע האָט עס אויפגענומען מיט אומצופרידנקייט, אָבער ניט געקעמפט קעגן דעם. אָט אַזוי פלעגן זייער פאַרזיכטיק דאַזירט ווערן די היגיענע־פאָדערונגען.

אין דער ערשטער תקופה איז דער טיש געגרייט געוואָרן נאָר מיט לעפל, ווייל ס׳איז פשוט קיין געלט ניט געווען אויף צו קויפן גאָפּל. שפּע־טער זיינען שוין אויך געווען גאָפּל, אָבער דאָס נייע קינד פלעגט פון אָנהייב נעמען דאָס פלייש אָדער די קאַרטאָפל מיט די הענט און קיינער האָט אים ניט געמאַכט קיין באַמערקונג. ביסלעכווייז האָט ער זיך אָנגעהויבן צוקוקן צו זיינע חברים, וועלכע עסן שוין מיט גאָפּל און פלעגט אויך אָנ־הייבן פּרווון עס צו טאָן.

ביז מיר זיינען ניט אַרויסגעפאָרן אויף דאַטשע און זיך אָנגעהויבן באָדן און דערפילט דעם טעם פון דערפרישנדיקן וואַסער, האָבן די ייִנגלעך זיך געוואַשן דעם גוף נאָר איין מאָל אַ וואָך אין דער באָד. נאָך דער דאַטשע

האָט מען אויפגעהערט מורא צו האָבן פאַרן וואַסער און מ׳האָט זיך געוואַשן מיט פאַרגעניגן.

נאָכן אָרגאַניזירן עטלעכע סעאַנסן פון קוקן דורכן מיקראָסקאָפּ און נאָכן דערזען וואָס פאַר אַ העסלעכע באַשעפענישן עס קריכן אויף שמוציקע הענט, האָט מען אָנגעהויבן וואַשן די הענט פאַר יעדן עסן און סתם ווען מ׳האָט געפילט, אַז זיי זיינען שמוציק. דאָס זעלבע איז אויך פאָרגעקומען מיטן רייניקן די בעטן, צימערן בעטגעוואַנט און בגדים. דאָס וואָס האָט אויסגעזען דאָס ערשטע יאָר לעכערלעך און ניט נייטיק, איז דאָס צווייטע יאָר געוואָרן אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט.

זאָרקע איז געווען אַ קינד ניט נאָר אַ פאַרוואָרלאָזטער, נאָר אויך אַ גייסטיק שטאַרק אָפּגעשטאַנענער. זיין אינטעליגענץ־נאָרמע איז געווען אונטער 50. ער פלעגט אפילו צייטנווייז באַקומען פסיכישע אָנפאַלן און פלעגט זיך שלאָגן קאָפּ אין וואַנט, שפּרינגען אָן קיין שום סיבה, מאַכן קאָמישע באַוועגונגען. די יינגלעך פלעגן זיך דערביי ווילן און אים גוטמו־טיק באַרויִקן. מיט וואָס האָט זיך זאָרקע איינגעקויפט די פריינדשאַפט ביי אַזעלכע קלוגע הפקר־יינגלעך? ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן אויך אין אונדזער היים, איז זיין גוטסקייט געווען אָן אויסערגעוויינלעכע. זאָרעלע האָט געהאַט אַ רייכע מומע, אָבער האַלטן אים האָט זי ניט געוואָלט. ווען ער פלעגט קומען צו איר אין רייכן דעליקאַטעסן־געשעפט, פלעגט זי אים אַריינרוקן אַ פּאָר צעפוילטע עפּל, אַ צעקראָכענעם הערינג און פלעגט אים גיך אַרויסשטופּן. זאָרעלע האָט קיין מאָל ניט פאַרזוכט פון די מאכלים איידער ער האָט עס געבראַכט אין שטוב און זיך געטיילט מיט אַלעמען. טייל מאָל אַפילו ניט איבערגעלאָזן פאַר זיך קיין ברעקל. אַחוץ דער גוטער מידה, האָט ער אויך געהאַט אַ זייער גוטן געשמאַק אין פאַרבן־צוזאַמענשטעל און זיינע טרעטערלעך זיינען אַלע מאָל געווען די שענסטע.

ווען זאָרקע האָט אין די שפּעטערדיקע צייטן געבראַכט אַ הערינג פון דער מומע, האָט חברה אָנגעהויבן פאָדערן, אַז מ׳זאָל דעם הערינג פריִער גוט אויסשווענקען און דאַן אים צעטיילן. זאָרקע פלעגט זיך אָפּט באַליידיקן פון דעם, ס׳טייטש, זיין מומע וועט געבן אַ שמוציקן הערינג? דאַן פלעגן זיך שוין געפונען חברהלייט, וועלכע פלעגן אים אויפקלערן, אַז די שמוּ־

ציקע ברואים האַלטן ניט פון קיין יחוס און קריכן אויף אַלץ און אויף אַלעמען. איין סעאַנס דורכן מיקראָסקאָפּ האָט געגעבן מער ווי 10 טעאָרע־טישע לעקציעס

אָט אַזוי איז געוואַקסן דאָס פאַרוואָרלאָזטע קינד אין קולטור און וויסן מיט קליינע שריט, ניט באַצוואונגען, נאָר דורך אייגענער איבערצייגונג און פאַרשטאַנד. אַרויסגעוואַקסן פון שמוציקן און קאַלטן לעבן פון דער אונ־טערוועלט און זיך איינגעוואָרצלט אין אַ ניי לעבן, וואָס האָט פאַרמאָגט וואַרעמקייט, פריינדשאַפט און פאַרשטענדעניש פאַר יעדנס ספּעציפישע באַדערפענישן.

כייקל ראַטעוועט אַרויס זיינע ברידערלעך

וואָס לענגער כייקל האָט געלעבט אין אונדזער היים, וואָס ווייטער ער איז אַוועק פון זיין אַלטן שטייגער־לעבן, אַלץ שרעקלעכער האָט אים אויס־געזען דאָס לעבן אין זיין מוטערס הויז. זיין ליבשאַפט און האַס צו זיין מאַמען איז אַן אויפהער געוואַקסן מיט יעדן טאָג. עס האָט אים אָנגעהויבן באַאומרויִקן דער גורל פון זיינע צוויי אונטערוואַקסנדיקע ברידערלעך. זיי מוזן דאָך אַלץ זען און אַפילו העלפן אַדורכפירן די שמוציקסטע זאַכן. וואָס וועט זיין פון זיי? צוזאַמען מיט דער זאָרג פאַר זיינע ברידערלעך איז גע־שטיגן אין אים דאָס נקמה־געפיל. כייקל האָט ניט געוווּסט אין וועמען נקמה צו נעמען: אין דער מאַמען, וואָס פאַראַט דעם טאַטן, אָדער אין די, וואָס ברענגען זי דערצו? אָבער די מאַמע גייט דאָך אַרום גאַנצע טעג אַ בלאַסע און הונגעריקע און גיט אַוועק דעם לעצטן ביסן פון מויל די קינ־דער, דעם טאַטן. פּלוצים ווערט ער בייז אויפן טאַטן, אויפן טויגעניכטס, פאַרוואָס ער קען ניט גיין גנבענען, ווי אַלע, און ברענגען דער מאַמען אויף חיונה? דעמאָלט וואָלט די מאַמע ניט געדאַרפט...

כייקלס ווייטאָג לאָזט אים ניט אָפּ, ער שפּילט זיך וויניק, איז זייער אַגרעסיוו, פול מיט חשד, פול מיט שרעק, נערוועז און זייער אויסגעמאַ־טערט.

ווען כייקל האָט זיך איין מאָל געלייגט אין בעט נאָך אַ וואַרעמער באָד אויף אַ ווייסן ליילעך, מיט אַ קישעלע פון היי צוקאָפּנס, צוגעדעקט מיט אַ קאָץ, האָט זיך אים געדוכט, אַז אַ קייסער שלאָפט ניט בעסער. ווען איך האָב אים איינגעדעקט און געווונטשן „אַ גוטע נאַכט”, האָט ער זיך פּלוצים צעוויינט און שטאַרק, שטאַרק געכליפּעט. איך האָב זיך אַוועקגעזעצט אויף זיין בעט און גלעטנדיק זיין ציטערדיקן קאָפּ געוואַרט ער זאָל זיך באַרויִקן. איך האָב געפילט, אַז איצט דאַרף מען אים ניט איבערלאָזן אַליין, ער מוז אַרויסרעדן זיין צער.

ווען ער האָט אויפגעהערט צו כליפּען האָב איך אים שטיל געזאָגט:

— נאָך גוט וואָס דו קענסט וויינען, ווען דו וואָלסט נאָך געקענט אַראָפּריידן פון האַרצן, וואָלט דיר נאָך גרינגער געוואָרן.

— איז וואָס, אַז איך וועל זיך אַראָפּריידן, וועט מיין מאַמע ווערן אויס קורווע?

— טראַכט ניט אַזוי שלעכט וועגן דיין מאַמען, זי טוט עס צוליב אייך, צוליב די, וואָס זי האָט געבראַכט אויף דער וועלט. די מאַמע ליידט נאָך מער פון דיר. איצט, אַז דו גייסט שוין אויף אַ גוטן וועג און וועסט זיך אויסלערנען אַ פאַך, וועסטו קענען פאַרדינען פאַר דיין משפּחה. מיר וועלן נאָך צונעמען צו אונדז דיינע צוויי קלענערע ברידערלעך און אַזוי אַרום וועלן מיר פאַרקלענערן איר יאָך. מאָרגן גיי איך צו אייך אין שטוב.

— אוי, לערערין, גייט ניט, — האָט ער זיך געבעטן, ניט אָן שרעק — זיי וועלן אייך איינס־און־צוויי אָפּרומען פון וועג. זיי זיינען אַלע אין כעס אויף אייך, וואָס איר נעמט צו זייערע באַהעלפער. מיר אַלע פלעגן זיי דאָך העלפן, אַפילו מיין קליין פינפיאָריק ברודערל העלפט זיי שוין.

— דווקא צוליב דעם, — האָב איך געטענהט, — דאַרף איך גיין וואָס גיכער איידער זיי וועלן איבערפירן די קינדער. דו ווייסט דאָך, אַז איך האָב קיין מורא ניט.

— ניין! — שרייט ער מיט אַן אויפגערעגט קול, — אָן מיר זאָלט איר ניט פּרובירן גיין!

— גוט. איך בין מסכים. און טאַקע מאָרגן, גלייך נאָך פרישטיק, 10 אַ זייגער פרי, גייען מיר אַרויס.

צו מאָרגנס איז כייקל אויפגעשטאַנען פאַרטאָג און געאַרבעט מיט גרויס פלייס. ער וויל ניט, אַז די חברה זאָלן טראַכטן, אַז זיי אַרבעטן אויף אים. ווען חברה איז אויפגעשטאַנען און געזען וויפל כייקל האָט אַריינגע־געאַרבעט, האָבן זיי אים קיין גוט וואָרט ניט געקאַרגט.

פונקט 10 אַ זייגער זיינען מיר אַרויס פון שטוב. געגאַנגען שווייגנדיק, יעדער פאַרנומען מיט זיינע מחשבות. ווען מיר האָבן זיך דערנענטערט צו כייקלס שטוב האָט זיך געהערט אַ געוויין פון קליינע קינדער. כייקל האָט שטיל געעפנט די טיר און איז אַריין דער ערשטער, אַלס מיין פאַרטיידיקער. אין שטוב איז געווען כמעט פינצטער. אויף אַ בעטל לעבן דער טיר זיינען געזעסן צוויי קליינע קינדער, באַלייגט מיט געשווירן און געוויינט. אין הינ־טערגרונט זיינען געזעסן אַרום אַ לאַנגן טיש באַוווּסטע גנבים און ביי אַ קאָרטנשפּיל געמאַכט זייערע געשעפטן ווען זיי האָבן מיך דערזען, האָט מען זיך אָנגעהויבן שושקען.

ווי נאָר כייקלס מאַמע איז צו צו אונדז, האָט זיך געעפנט די טיר און אַ פּאַליציאַנט איז אַריין אין צימער. עס איז געוואָרן אַ סומאַטאָכע: ווּ טוט מען אַהין די קאָרטן. איך האָב אַ כאַפּ געטאָן די קאָרטן און פאַרכטנדיק כלומרשט די האָר, אַרונטערגעלייגט די קאָרטן אונטער מיין היטעלע. דער פּאַליציאַנט האָט אָנגעהויבן ליאַרעמען און זיך גלייך געווענדט צו מיר:

— וואָס טוסטו דאָ?

— איך בין פאַרבייגעגאַנגען די שטוב און געהערט אַ קינדעריש גע־וויין בין איך אַריין זען, וואָס דאָ קומט פאָר. דו זעסט, אַז די קינדער זיינען באַלייגט מיט אַן אָנשטעקנדיקער קראַנקייט, מ׳מוז זיי גלייך צונעמען אין שפּיטאָל, אַנדערש וועט די קראַנקייט אָנשטעקן דעם גאַנצן קוואַרטאַל. איך בין אַ לערערין און מיר זיינען צוזאַמען פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן געזונט פון אונדזערע קינדער.

דער פּאָליציאַנט איז אומגערן, אָבער באַלד אַוועק טעלעפאָנירן נאָך דער „גיכער הילף” און אין אַ האַלבער שעה אַרום זיינען שוין ביידע קינ־דער געווען אין שפּיטאָל.

די מאַמע איז געווען אַזוי גליקלעך, אַז זי האָט מיך געקושט און באַ־לייגט מיט ברכות.

פון דער חברה גנבים איז איינער אויפגעשטאַנען, צוגעגאַנגען צו מיר נאָענט און, אַרויפלייגנדיק אויף מיין אַקסל אַ שווערע לאַפּע, מיר אַ זאָג געטאָן:

— איר ווייסט, לערערין, ווען איר האָט צו אייער קאָפּ אונדזערע הענט, וואָלט איר געווען אַ גאָר גוטע גנבטע...

מיר האָבן זיך אַלע חבריש צעשמייכלט און פון דאַן אָן זיינען מיר געוואָרן גוטע פריינד.

פון גרויס גליק, וואָס זי איז פּטור געוואָרן פון די צוויי קליינע קראַנקע קינדער, האָט די מאַמע אין גאַנצן פאַרגעסן אין אירע חשבונות און האָט מיר אָנועקגעגעבן דיביידע קינדער: איינס פון 8 יאָר און דאָס צווייטע — 11 יאָר.

די קינדער זיינען געגאַנגען מיט פרייד. די מאַמע האָט געוויינט און געקושט די קינדער און געהייסן מיך פאָלגן. מיר האָבן זי איינגעלאַדן אונדז צו באַזוכן.

כייקל האָט געפירט ביידע ברידערלעך, ווי אַ טאַטע. אַ לאַנגע צייט האָבן זיי געשוויגן און געשפּרייזט מיט זיכערע פיסעלעך פאָרויס. שפּעטער האָט ער זיי געגומען לערנען, ווי אַזוי זיי דאַרפן זיך אויפפירן אין אונדזער היים. ווען מיר זיינען אַריין אין אונדזער היים, האָט מען אונדז באַגעגנט מיט פריידיקע אויסגעשרייען. חברה האָט אָנגעהויבן הייבן דאָס קליינוואַרג אין דער לופטן, ווינטשן זיי אין אַ גוטער שעה, וויצלען זיך מיט זיי און מכבד געווען זיי מיט וואָס נאָר זיי האָבן געהאַט אין שטוב. די געסט האָבן אומדרייסט געשמייכלט און געגומען באַקוקן אַלץ, וואָס עס איז געווען אין אונדזער היים. איך בין דערוויילי אַריין אין קיך אויספּאַרטיקן דאָס מיטאָג. ביידע ברידערלעך האָבן פאַרוואונדערטע אָנגעקוקט, ווי זייער ברודער כייקל גרייט מיט אַזאַ דרייסטקייט און געשיקטקייט דעם טיש צום מיטאָג. אין 40 מינוט אַרום האָט כייקל איינגעלאַדן אַלעמען צום טיש. חברה איז געגאַנגען זיך אַרומוואַשן, אָבער ראובעלע דער קלענסטער האָט פיינט זיך צו וואַשן, דערצו נאָך מיט קאַלט וואַסער. כייקל וויל אים שוין געבן וואַרעם וואַסער, ווערט ער אָבער פאַרשעמט און וויל ניט גיין. כייקל ווערט שוין בייז און איז שוין גרייט צו געבן קלעפּ. איך בעט כייקלען זיך דער־

אַ שעה פון מוזיק

מאַנען וויפל חדשים זיינען אַוועק איידער ער גופא האָט זיך אָנגעהויבן וואַשן. ער הייבט אָן שמייכלען און לאָזט ראובעלען צו צום טיש. ראובעלע גייט צו צום טיש ניט דרייסט אָבער ער עסט גלייך מיט אַ גוטן אַפּעטיט. נאָכן עסן האָבן זיי זיך צוגעהערט צו די נייעס פון צייטונג, וואָס מיר פלעגן פאַרלייענען נאָך מיטאָג. ווען די חברה האָט זיך שוין ווידער געזעצט צו דער אַרבעט, האָב איך זיי אַוועקגעלייגט אויפן טיש אַ דאָמינאָ, אילוסטרירטע זשורנאַלן און ביכעלעך. זיי האָבן אָבער געוואָלט זיך צוקוקן ווי מיר אַר־בעטן. דעם עלטערן, הערשקען, האָט זיך געדוכט, אַז אויך ער קען שוין די אַרבעט. האַוועק מיט זיין גוט האַרץ, האָט גלייך געוואָלט אים דער־פרייען און האָט אים צוגעטראָגן דריי בינטלעך פאַרביקע שטרוי און אָנ־געהויבן אים לערנען. כייקל ווערט בייז אויף הערשקען, וואָס ער וויל אַזוי גיך זיך גלייכן צו אים און טוט אַ געשריי:

— הערשקע, מאַך ניט דיינע גנבישע שטיק און לאָז אַרבעטן.

הערשקע רוקט זיך באַשיידן אָפּ און קוקט זיך צו פון דער ווייטנס. אין אַ פּאָר טעג אַרום איז שוין הערשקע געזעסן זיכער ביי דער אַרבעט און פלעגט ווערן אין כעס ווען מיר פלעגן אים הייסן פריִער פאַרענדיקן. הערשקע איז געווען צו דער אַרבעט פלינק און דערצו זייער געשיקט. ראובעלען האָבן מיר אויך געגעבן אַ באַשעפטיקונג. ער פלעגט פאַרוויקן דאָס שטרוי, אויפהענגען די אַרבעטס־מכשירים און אַראָפּנעמען נאָך יעדן עסן די כלים פון טיש. ער פלעגט אַרומגיין אַ שטאָלצער ווי אַ גאַנצער באַלעבאָס, אונטערברומען אונדזערע לידעלעך, וואָס מיר פלעגן זינגען און זיך שפּילן מיטן קליינעם חנקעלען, וואָס איז אויך אַלט געווען 9 יאָר.

סיאָמקע

ווען סיאָמקע איז אָנגעקומען אין אונדזער קינדערהיים איז ער אַלט געווען 11 יאָר. אַ נידעריק יינגעלע מיט אַ בלאַס פּנימל, גרויסע, בלויע אויגן, איינגעגעמט אין שוואַרצע, לאַנגע ברעמען. אַ הויכער שטערן און

איבער אים אַ שוואַרצער קאָפּ האָר, וואָס זיינען געווען זאַרגפעליק פאַר־קעמט אויף אויבן. די בגדים גאַנץ ריינע. ביים ריידן קוקט ער כמעט ניט אין די אויגן, אָדער קוקט שעמעוודיק און רויטלט זיך דערביי. סיאַמקע איז געקומען צו אונדז ניט פון גאַס. ער איז געווען ביי זיינע עלטערן.

אויף דער פראַגע פאַרוואָס ער וויל פאַרלאָזן זיינע עלטערן און זיין מיט אונדז, האָט סיאַמקע אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און שטיל אַ זאָג געטאָן:

— איך קען אין שטוב ניט זיין...

איך האָב געפילט, אַז ער קען נאָך ניט ריידן און האָב אויפגעהערט צו פרעגן. איין זאַך האָב איך געמוזט פרעגן, צי ער איז מסכים איך זאָל גיין צו אים אין שטוב בעטן אַ דערלויבעניש פאַר אים, כדי ער זאָל קענען בלייבן מיט אונדז. קינדער, וואָס פלעגן קומען פון עלטערן, האָבן גע־דאַרפט קומען מיט די עלטערן אָדער ברענגען אַ דערלויבעניש, אַז זיי זיינען מסכים ער זאָל לעבן ביי אונדז. סיאַמקע האָט מיר אומגערן דערלויבט.

ווען איך בין אַריין אין דער וווינונג איז באַלד מיר אַנטקעגן געלאָפן אַ פרוי, אַ דיקלעכע מיט שנעלע באַוועגונגען, ווי זי וואָלט וועלן פאַרשטעלן מיר דעם וועג איך זאָל ווייטער ניט גיין. זי האָט מיך אָנגעקוקט מיט ברע־נענדיקע אויגן. איר פּנים איז געווען רונדיק און בלאַס. די שוואַרצע גע־לאָקטע האָר האָבן זיך קאָקעטיש געשלענגלט אַרום איר האַלדז און גע־פאַלן אויף איר שטאַרק אַנטפּלעקטן נאַקן.

איך האָב איר דערציילט וועגן וואָס איך בין געקומען און זי האָט גלייך געמאַכט אַ האַלב־טרויעריקע מינע, ווי אויף באַשטעלונג, און מיר אַ זאָג געטאָן:

— אוי, לערעריןן, גלייבט מיר, אַז עס פעלט אים ניט פון קיין פויגל־מילך אין שטוב און ער לויפט פון שטוב און וויל ניט זיין. אויב איר, לערע־רין, מיינט, אַז מיין קינד וועט זיך אויסלערנען ביי אייך אַ פאַך און אויך אַ ביסל לייענען און שרייבן, מוז איך מסכים זיין, וואָס טוט ניט אַ מאַמע פאַר איר קינד?

ווען איך בין אַרויס פון דער וווינונג איז צוגעלאָפן צו מיר אַ פרוי און מיר אַ זאָג געטאָן, אַז איך בין מן הסתם על־פּי־טעות אַריין אין דעם

הויז, ווייל דאָ גייען ניט קיין אָנשטענדיקע מענטשן, איר ווייסט מסתמא ניט, אַז דאָ איז אַ שאַנדהויז.

איך האָב איר געדאַנקט פאַר דער אינפאָרמאַציע און בין גיך אַוועק אַהיים. סיאָמקע האָט מיך אָפּגעוואַרט פאַרן טויער ער האָט מיר געקוקט אין די אויגן אַריין, מיט וואָס פאַר אַן איינדרוק איך בין געקומען פון זיין שטוב. ווען מיר זיינען אַרויף אין אונדזער היים, האָבן מיך די יינגלעך אַרומגערינגלט און געפרעגט צי האָט מען דערלויבט. ווען איך האָב געענטפערט אַז יאָ, האָבן אַלע אַרומגערינגלט סיאָמקען, געקלאַפּט אים אין דער פּלייצע און מיט שמחה געשטיפט מיט אים. זיי האָבן סיאָמקען שוין פון לאַנג געקענט, געוווּסט פיל איינצלהייטן וועגן אים, אָבער אים געהאַלטן פאַר אַ גביר און זיך ניט פאָרגעשטעלט, אַז ער וועט ווערן פאַרלאָזן זיין זאַטע היים און קומען צו אונדז לעבן אין דחקות. מיר האָבן אים דערציילט, אַז מיר לעבן נאָך דערוויל זייער אָרעם, דאָס עסן איז מאָגער, די מלבושים אויך. צי וועט אים ניט זיין שווער צו לעבן אין אַזעלכע באַדינגונגען.

סיאָמקע האָט אויפמערקזאַם אויסגעהערט און אָן זכר פון שרעק געענטפערט:

— מיר וועט ניט זיין שווער, לערערין, זיכער ניט שווערער ווי אין שטוב.

איך האָב באַשלאָסן ניט פרעגן מער, ווייל איך בין געווען זיכער, אַז ווען ער וועט זיך איינלעבן און דערוואַרעמען, וועט ער במילא דערציילן, פּונקט ווי די אַנדערע האָבן עס געטאָן.

מיר זענען אַלע פאַר אונדזער אַרבעט און סיאָמקע גייט פון איין אַרבעט צו דער צווייטער, פּרובירט אַלץ ווי עס וועט גיין... אַלץ זעט אים אויס זייער לייכט און ער בלייבט ביי דער שטרוי־אַרבעט. די הענט זיינען זיינען געגאַנגען ווי אויף עלעקטריע. ער האָט גלייך אָנגעהויבן אַרבעטן לויט אַ באַשטימטן סיסטעם און דערביי גיך און גוט. איך און די קינדער האָבן באַוווּנדערט זיין אַרבעט און אים געגעבן האָפענונגען, אַז ער וועט איבעריאָגן אַלעמען. אַ צופרידענער איז ער געזעסן און געאַרבעט. ווען ער האָט שוין אין דער שטרוי־אַרבעט דערגרייכט דעם העכסטן דערפאָלג האָט

ער זיך גענומען צו סטאָליערײַ. אויך דאָרטן האָט ער זיך פון דער ערשטער מינוט אָן געפילט ווי אַ דערפאַרענער סטאָליער. צו וואָס זיינע הענט האָבן זיך צוגערירט איז אַלץ געגאַנגען פרעכטיק. ער האָט זיך ניט באַרימט מיט זיין דערפאָלג און דאָס האָט אַרויסגערופן זייער פיל אַכטונג און פריינד־שאַפט צו אים.

איין מאָל, ווען סיאָמקע האָט זיך שוין געפילט ביי אונדז היימיש און איינגעבירגערט, האָט ער באַשלאָסן זיך אַראָפּצוכאַפּן צו דער מאַמען. זיין פּנים איז קיין מאָל ניט געווען צו פריילעך. ער האָט ניט געלאַכט אויפן קול, דאָס העכסטע איז געווען אַ שמייכל, וואָס האָט אויסגעזען בלויז קאַמיש. אין זיינע אויגן איז אַלע מאָל געווען אַ בענקשאַפט.

ווען סיאָמקע איז צוריקגעקומען פון זיין באַזוך, איז ער געווען זייער טרויעריק. מיר האָבן גלייך דערפילט, אַז עפּעס וואָס שלעכטס איז געשען. פון אַלע זייטן זיינען געפלויגן פראַגן. אַ צעבראָכענער האָט סיאָמקע דער־ציילט, אַז זיין טאַטן האָט מען ווידער אַרעסטירט. ניט לאַנג ווי ער איז אַרויס פון תּפיסה נאָך דריי יאָר אָפּזיצן, און אָט האָט איר אַ נייע צרה.

— פאַרוואָס פאַרנעמט זיך דיין טאַטע מיט אַזעלכע זאַכן, אויב ער האָט ניט קיין מזל? — האָב איך אים אַ פרעג געטאָן.

— מיין טאַטע איז ניט דערצויגן געוואָרן דערצו. ער שטאַמט פון זייער אַ רייכער שטוב. ער האָט געענדיקט אַ גימנאַזיע און דערנאָך איז ער מיט אַ חבר געקומען צו אונדז אין שטוב, געדאַרפט עפּעס דערליידיקן און זיך פאַרליבט אין מיין מאַמען. ער האָט שוין ניט געוואָלט אַוועקגיין פון איר. זיינע עלטערן האָבן זיך ביי אים געבעטן ער זאָל זיך צוריקקערן אַהיים און אָנהייבן שטודירן, עס האָט אָבער קיין זאַך מער ניט געהאָלפן — ער איז פון מיין מאַמען ניט אַוועק. ער איז גרייט געווען צו טאָן די געפערלעכסטע זאַכן אַבי די מאַמע זאָל זיין פון אים צופרידן. אוי, לערערין, — האָט סיאָמ־קע טיף אָפּגעזיפצט — ווען איר וואָלט געזען וואָס עס טוט זיך אָפּ, אויב אַ מאַן לייגט אַרויף אויף מיין מאַמען אַ האַנט? ביי אונדז איז אַ שטוב ווו עס קומען אַ סך מענער...

די קינדער האָלטן אים אונטער, זאָגנדיק:

— שעם זיך ניט פאַר דער לערערין, דערציילֿ, אַז דיין מאַמע האָלט אַ „הייזל״.

סיאָמקע ווערט נאָך רויטער און לאָזט נאָך נידעריקער אראָפּ זיין קאָפּ. אַרקע שרייט צו אים:

— גולם, וואָס שעמסטו זיך, רייכערע פון דיין מאמען האָלטן „הייזלעך״.

— נו, — זעצט פאַר סיאָמקע, — ווי קען מען אין אַזאַ „פרנסה״ זיך אויסהיטן, אַז אַ שיכורער זאָל ניט אַרויפלייגן אַ האַנט אויף דער מאַמען? דער טאַטע קען דאָס אָבער ניט פאַרטראָגן און רעכנט זיך אָפּ מיט די שיכורים. קלעפּ פאַלן ווי פליגן אין האַרבסט. אָט די חברה מסרט מיין טאַטן און מ׳זעצט אים אַריין פאַר דער קלענסטער נאַרישקייט. איר מיינט, לערערין, אַז מיין טאַטע גנבעט טאָקע? קען זיין גאָר אַז אַן אַנדערער, אָבער זיי זאָגן עדות אויף מיין טאַטן און די פּאָליציי האַלט אַן אויג אויף אונדזער שטוב, כאָטש זיי טרינקען און פרעסן ביי אונדז ווי די חזירים. איר מיינט, אַז מיין טאַטע איז אַ שלעכטער? ער האָט אַזאַ גוט האַרץ, אַז איך קען אייך גאָרניט שילדערן. זאָל ער נאָר פרוּוון הערן פון קאַמער אַ קול פון אַ מיידל, ווען אַ שיכור פייניקט דאָרט, לויפט ער אַריין ווי אַ צעיוּשעטער הונט און טוט אַ כמאַל דעם שיכור, אַז ער זעט שוין ניט ווי אַרויסצוגיין פון בעט. איר ווייסט, לערערין, איך קען אויך ניט הערן די געשרייען, איך לויף אַוועק פון שטוב. וויפל מאָל איך האָב זיך געבעטן, אַז די מאַמע זאָל אויפהערן מיט דער דאָזיקער „פרנסה״, טענהט זי, אַז זי וויל ניט שטאַרבן פון הונגער.

סיאָמקע האָט ליב זיין שיינער מאַמען און וויל ניט, אַז יעדער שיכור זאָל זיין אַ באַלעבאָס אויף איר. ער קען עס ניט צוזען און לויפט דעריבער פון שטוב.

איך וויל גיין אין טורמע

געווען איז עס אין אַ זונטיקדיקן פרימאָרגן. אַלע זיינען געזעסן אויף נידעריקע בענקעלעך אַרום אַ באַליע פון געווייקטן שטרוי און געפלאָכטן די שטרוי־צעפּ צו אונדזער פּראָדוקציע פון טרעטערלעך. מיר האָבן זיך געמיטלעך באַראָטן וועגן פאַרבן צוזאַמענשטעל, אַנדערע האָבן אונטערגע־ברומט אַ ניגונדל. פּלוצים איז אַריין אַ פּאָליציאַנט פון קינדער־געריכט און מיר געבראַכט אַן איינלאַדונג צו אַ משפּט, וואָס פלעגט פאָרקומען יעדן צווייטן מיטוואָך ספּעציעל פאַר קינדער. די קינדער האָבן שוין גוט געקענט דעם פּאָליציאַנט. זינט דער קינדער־אַנשטאַלט איז באַשטעטיקט געוואָרן דורך דער שטאָט־פאַרוואַלטונג, פלעג איך מוזן אָנטיילנעמען אין יעדן קינ־דער־געריכט, און וועלכע קינדער איך האָב געפונען פאַר פּאַסיק פאַר אונ־דזער היים האָב איך געקענט גלייך פון געריכט זיי מיט זיך מיטנעמען און אָפּפירן אין אונדזער היים.

ווען אַזאַ איינלאַדונג פלעגט געבראַכט ווערן, פלעגן מיך די קינדער גלייך אַרומרינגלען מיט גרויס נייגעריקייט און וועלן אויף גיך וויסן, וועל־כער חברהמאַן ס׳איז ווידער אַריינגעפאַלן אין די פּאָליציישע הענט. דאָס מאָל, ווען כ׳האָב זיי פאַרגעלייענט דעם נאָמען איז געוואָרן אַ גרויסער טומל. ווער האָט דאָס ניט געקענט אריהן? די קינדער האָבן אָנגעהויבן בעטן איך זאָל טאָן אַלץ, כדי אַרויסצוראַטעווען דעם גוטן יאַט. זיי האָבן מיט באַגייס־טערונג דערציילט וואָס פאַר אַ גוטער חבר ער איז געווען אין דער חברה, אַז ער איז גרייט געווען אין פייער צו לויפן פאַר זיי.

פון אָנהייב, ווען אריה איז געקומען אין דער „מאַלינע״ האָט זיך חברה באַצויגן צו אים מיט אומצוטרוי, עפּעס אַזאַ ריינינקער, האָט אויסגעזען צו זיין אַ מאַמעס אַ זינדל. חברה האָט אַפילו געפּרווט אים געבן קלעפּ, כדי צו זען, ווי ער וועט רעאַגירן. אריה האָט מיט דערפאָלג אויסגעהאַלטן אַלע פּרוון און איין מאָל, ווען ער האָט זיי אויסגעהיט פון דער פּאָליציי בעתן דורכפירן אַ לינק שטיקל אַרבעט, האָבן זיי אים שוין אַריינגענומען אין זייער חברה און פאַרגעלייגט אים שותפות.

אריה איז געווען אַ קינד פון אַ גאַנץ פאַרמעגלעכער שטוב און זייערע

פּרנסות האָבן אים ניט געלאָקט. ער איז אָבער געווען באַגייסטערט פון זייער דרייסטקייט, פון זייער אומאָפּהענגיקייט, פון זייער פרייהייט.

ווען אַריהן איז שוין געוואָרן אוממעגלעך צו לעבן ביי זיך אין שטוב און לערנען אין שול, איז ער אַוועק צו זיין באַליבטער חברה אין „מאַלינע״. זיי האָבן אים אויפגענומען מיט גרויס פּאַראַד און זיך געטיילט מיט אים מיטן לעצטן ביסן. זיי האָבן אים פאַרטרויט זייערע פּראָיעקטן אויף דער נאָענטסטער צייט. אריה האָט גלייך פאַרגעלייגט זיין גרייטקייט אויסצופירן די געפערלעכסטע אַרבעטן, אָבער חברה האָט אים ניט דערלויבט.

— מיין ניט, אַריה, אַז דאָס איז ווי אויפצועסן אַ בולקע מיט פּוטער, אַז מען כאַפּט קריגט מען פריער גוטע קלעפּ און דערנאָך פירט מען דיך אין דער פּאָליציי.

—איך וואַרט ניט אויף קיין בולקעס מיט פּוטער, איך בין גרייט אויף אַלץ וואָס עס קען פאָרקומען, אָבער ניט צו לעבן, ווי אַ פּחדן צווישן אייך. אַזוי האָט אַריה געענטפערט מיט פולער אַנטשלאָסנקייט. ער האָט אָנגעהויבן זיין נייע „קאַריערע״ מיטן באַזאָרגן אַ ביליקן פרישטיק פאַר דער חברה. ער איז אַריין אין אַ קאָלאָניאַל־געשעפט און געבעטן שפּראָטן. ווען דער קרעמער האָט אים געוויזן איין סאָרט, האָט ער געבעטן וויזן נאָך עטלעכע סאָרטן, באַקוקט זיי אַזוי לאַנג, ביז עס זיינען אָנגעקומען נאָך קונדן. אריה האָט באַצאָלט פאַר איין שאַכטל און נאָך דריי אַריינגעלייגט אין קעשענע. געקויפט דערצו אַ לעבל ברויט און געבראַכט אין „מאַלינע״. אַלע יאָטן האָבן אים געריטט פאַרן גוטן און ביליקן איינקויף. זיי האָבן אים געגעבן האָפענונג, אַז גאָר אין גיכן וועט ער ווערן אַ גוטער „פּאַכמאַן״.

דער דערפאָלג פון זיין ערשטער גניבה האָט אים צוגעגעבן מוט צו ווייטערדיקער „אַרבעט״. זיין חברה האָט באַשלאָסן זיך איינצושאַפן די נייטיקע מכשירים, כדי צו קענען אַדורכפירן גרעסערע אונטערנעמונגען. אַריה האָט גענומען אויף זיך די פליכט עס איינצושאַפן. אַריה איז אַראָפּ אין מאַרק און אַרומקוקנדיק זיך צי ס'איז ניטאָ קיין פּאָליציי, איז ער אַריין אין אַן אייזנגעשעפט און געבעטן די נייטיקע מכשירים. דער קרעמער איז געווען אַן אַלטער ייד און בעת ער איז געווען פאַרנומען מיט אַנדערע קונדן האָט זיך אַריה אַרומגעקוקט און אַרויסגעצויגן פון די פּאָליצעס די נייטיקע

כלים. אַ טייל האָט ער דערווייל אַראָפּגעלאָזט אין קעשענע און זיך געווענדט צום קרעמער וועגן די אַנדערע מכשירים, אויספּרעגנדיק זיך אויף די פּרייזן. נאָכן באַקומען דעם ענטפער, האָט ער דערקלערט, אַז ס׳איז פאַר אים צו טייער און איז גיך אַרויס פון געשעפט. דער קרעמער האָט אָבער שנעל געעפנט דאָס שאַכטל און דערזען דעם בראַך און גלייך אַרויסגעלאָפן און אָנגעהויבן שרייען: „כאַפּט דעם גנב!״

מענטשן, וועלכע האָבן זיך געפונען אין דער נאָענט, האָבן אַרומגע־רינגלט אַריהן און ווי פון אונטער דער ערד איז אויסגעוואַקסן אַ פּאָליציאַנט און אים אַוועקגעפירט אין דער פּאָליציי. יאַשקע, וועלכער האָט באַגלייט אַריהן אין זיין אונטערנעמונג, האָט געוואָלט אים אָפּשלאָגן. ער איז צוגעלאָפן צום פּאָליציאַנט און פאַרטשעפּענדיק זיין פוס, אומגעפאַלן צוזאַמען מיטן פּאָליציאַנט. דער פּאָליציאַנט האָט אָבער געקענט די גנבישע טריקן און ניט אַרויסגעלאָזט אַריהן פון זיינע הענט. יאַשקע האָט נאָך צו דעם קלאַפּ בעתן פאַלן צובאַקומען גוטע קלעפּ פון פּאָליציאַנט פאַר דער גנבישער קונץ און אַנטלאָפן קוים מיטן לעבן.

ווען חברה האָט געענדיקט דערציילן, איז מיר נאָך געבליבן אויסצו־פאָרשן אַריהס באַדינגונגען אין זיין היים און די סיבה, וואָס האָט אים געבראַכט צו גיין אויף דעם וועג.

איך בין אַוועק אין זיין מוטערס הויז. פאַרן אַריינגיין צו איר בין איך אַריין צו עטלעכע שכנים, כלומרשט פרעגן ווו זי וווינט און דערביי זיך עפּעס וואָס דערוויסן וועגן זיין לעבן ביי דער מוטער. די שכנים האָבן דערציילט, אַז עס פעלט אים ניט פון קיין פויגלמילך, אָבער ער איז איי־פערזיכטיק אויף זיין שטיפברודער, וועלכער איז פאַרליבט אין זיין מוטער.

אַריהס מוטער, אַ דיקלעכע פרוי, אַ נידעריקע, דאָס פּנים שטאַרק גע־פאַרבט, די קליידער אין שרייַיקע פאַרבן, שטאַרק דעקאָלטירט. אויף די בעטן און סאָפע — קישעלעך אויסגענייטע מיט טאַנצנדיקע פרויען. אויף די ווענט מאַקאַטעס אין זעלבן ביליקן סטיל. די קליינע פרוי האָט זיך אַרומגעדרייט קאָקעטיש און זיכער און דער שטיפזון, אַ בלאַס, צאַרט בחורל, האָט איר נאָכגעקוקט מיט פאַרליבטע אויגן און איז גרייט געווען אויס־צופירן איר יעדן פאַרלאַנג. נאָך איידער זי האָט אים אַרויסגערעדט

זי דערציילט מיר, אַז איר שטיפזון, ווען זי האָט נאָך אַלס קליין פאַריתומט קינד צוגענומען צו זיך, העלפט איר איצט שלעפּן דעם יאָך פון דער משפחה און איז ווי אַ געטרייער ברודער צו אירע צוויי זין. זי ווייסט ניט, וואָס פאַר אַן אומגליק ס'איז איר געשען מיט אַריהן, וואָס ער אַנט־לויפט פון שטוב, פאַרלאָזט די שול און וואַלגערט זיך גאָט ווייסט ווו. ער האָט זיך אַזוי גוט געלערנט און מיר האָבן געהאָפט, אַז ער וועט אַפילו שטודירן.

דער אויספאָרשונגס־ריכטער דערציילט: ווען דער פּאָליציאַנט האָט אים אַריינגעפירט צו אים אין קאַבינעט, איז אַריה געשטאַנען פרעך, גע־קוקט אים גלייך אין די אויגן אַריין, די שוואַרצע, צעשויבערטע האָר זיינען אים געפאַלן אויפן שטערן. ווען ער האָט אים געבעטן זיצן, האָט אריה מיט אַן אומגעדולדיקער באַוועגונג אַ שטופּ געטאָן דעם שטול און זיך אומ־געקערט אַוועקגעזעצט. אויף דער פראַגע, צי ער האָט עלטערן, ברידער, שוועסטער, ווו לעבט ער? האָט אַריה געענטפערט:

— ניט אייער דאגה. אויב איר ווילט וויסן צי כ'האָב געגנבעט, איז עס ריכטיק. — און ער האָט געבעטן אים אָפּפירן אין תפיסה.

אין טורמע, זאָגט דער אויספאָרשער, פירט מען פאַרברעכער, אָבער ניט קיין מענטשן, וועלכע קענען זאָגן דעם אמת. דער אויספאָרשער בעט אים דערציילן, וואָס האָט אים געבראַכט צו טאָן אַזאַ טאַט, ווייל ער וויל אים העלפן.

— איך דאַרף ניט אייער הילף, האָט אריה אויסגעשריגן. — פירט מיך אין טורמע.

אַריה איז אַריינגעפירט געוואָרן אין אַ צווייט צימער און דער אויס־פאָרשער האָט באַפוילן דעם פּאָליציאַנט זיך צו דערוויסן אַריהס אַדרעס און ברענגען זיינע עלטערן. אַריה איז אַרומגעגאַנגען אין צווייטן צימער ווי אַ צערייצטער וואָלף. אין עטלעכע שעה אַרום זיינען שוין זיין מוטער מיטן שטיפברודער געשטאַנען פאַרן אויספאָרשונגס־ריכטער.

— צי ווייסט איר, אַז אייער זון איז געכאַפּט געוואָרן ביי אַ גניבה? — האָט דער אויספאָרשונגס־ריכטער זיי געפרעגט.

— ניין, חלילה, מיין זון האָט קיין מאָל ניט געגנבעט.

— פאַרוואָס לערנט ער ניט אין שול?

— וואָס זאָל איך טאָן, אַ פרוי אָן אַ מאַן, ווען דאָס קינד וויל ניט לערנען? מיין מאַן האָט מיך פאַרלאָזן, ווען אריה איז אַלט געווען פיר יאָר. אַליין געמוזט אויסהאַלטן די משפחה ביז מיין שטיפזון איז אונטערגעוואַקסן און העלפט מיר איצט שלעפן דעם יאָך. מיינע קינדער האָבן אַדורכגעמאַכט שווערע צייטן און געווען אין אָרדענונג. איצט פעלט זיי גאָרניט. דער יינגערער זון לערנט און אַריה וויל ניט. מיר האָבן שוין געפּרווט מיט גוטן און מיט בייזן און קיין זאַך העלפט ניט.

— וואָס טראַכט איר איצט צו טאָן?

— זאָל איך אַזוי וויסן פון צער. אפשר וועט העלפן דאָס, וואָס מ'האָט אים געכאַפּט, אפשר וועט ער איצט מורא האָבן.

— ווילט איר אים אַרויסנעמען אויף אייער פאַראַנטוואָרטלעכקייט?

— פאַרשטענדלעך. איך האָף, אַז איצט וועט ער אפשר גיכער פאָלגן און ניט נעלם ווערן אויף גאַנצע וואָכן פון שטוב.

דער אויספאָרשונגס־ריכטער האָט אַרויסגערופן אַריהן פון צווייטן צימער און ווען ער האָט דערזען דאָס פאָרל (די מוטער און שטיפברודער) איז ער גלייך צוריק אַריינגעלאָפן אין צווייטן צימער. דער ריכטער האָט אויפגעכאַפּט זיין בייזן בליק און אים געבעטן קומען צו זיין טיש. אַריה גייט אומגערן צו צו אים און גלייך איז צוגעלאָפן דער שטיפברודער און אָנגעהויבן בעטן רחמנות האָבן אויף דער מוטער, ווייל זי קען נאָך שטאַרבן פון צער. פון דער צווייטער זייט איז צוגעגאַנגען די מוטער און מיט טרערן אין די אויגן אים געבעטן גיין מיט איר אַהיים.

אַריה האָט ניט געקענט אויסהאַלטן דעם טומל אַרום זיך און האָט זיך געשלעפּט, ווי אַ צום טויט פאַרמשפּטער. ווען ער האָט געעפנט די טיר פון זיין שטוב האָבן אים די באַקאַנטע ריחות אַ שלאָג געטאָן אין נאָז. אויפן טיש, די זעלבע וואַזע מיט די קינסטלעכע בלומען, וואָס זיינען שוין אַריהן פון לאַנג נמאס געוואָרן, אויף די בעטן ליגן די זעלבע ליאַלקעס און טוליען זיך תאווהדיק אין זייערע פּוכיקע קישעלעך. אויף די ווענט די זעלבע אויסגעצייטע מאַקאַטעס מיט די טאַנצנדיקע פּאָרלעך, און צווישן דעם אַלעם

דרייט זיך קאָקעטיש די אָנגעפּאַרבטע מאַמע אין אירע שרייִקע קליידער און קוקט שמייכלענדיק אויפן שטיפברודער. דער שטיפברודער קוקט אויף איך מיט זיינע פאַרחלומטע בלויע אויגן און גייט איר נאָך ווי אַ שאָטן. אַריה גייט אַרום ווי אַ פרעמדער צווישן די ליגנערישע ווענט, ער האָסט אַלץ און אַלעמען.

די מאַמע גייט אים נאָך, אַריהן, און פרעגט אים, וואָס ער וויל עסן. דער שטיפברודער טראָגט אים צו זיסיקייטן, ברענגט אים אָפט מתנות קומענדיק פון דער אַרבעט און וואַרט, אַז אַריה זאָל אים כאָטש באַשענקען מיט אַ לייכט שמייכעלע, אָבער צו דעם זיך קיין מאָל ניט דערוואַרט. ער גייט פון דער אַרבעט אַלע מאָל מיטן געפיל פון שרעק, טאָמער איז אַריה ווידער אַנטלאָפן. ער פילט עפּעס שלעכטס אין אַריהס בליק צו אים, אָבער ער ווייסט ניט אין וואָס עס באַשטייט זיין שולד. אמת, ער האָט ליב זייער מאַמען, אָבער ער בעט דאָך פון איר גאָרניט און גיט אָפּ פאַר דער משפחה אַלץ, זיין פאַרדינסט, זיין טריישאַפט.

אַריהס יינגערער ברודער קוקט אויף אַריהן פון איין זייט מיט כעס, וואָס ער פאַרשאַפט דער מאַמען אַזוי פיל צער און דער גאַנצער משפחה — אַזוי פיל חרפּה, און פון דער צווייטער זייט — האָט ער פאַר אים דרך־ארץ, ווייל אַריה קען לעבן אָן דער הילף פון דער מאַמען, עפּעס לעבט ער אין אַן אומבאַקאַנטער פאַר אים וועלט, וואָס איז אין די אויגן פון יינגערן ברו־דער זייער סודותדיק און רייצט זיין פאַנטאַזיע. עס ווילט זיך אים פרעגן, צי האָט אַריה ניט מורא צו שלאָפן ביינאַכט אין אַ וואַלד, אָדער אין אַנ־דערע באַהעלטענישן, אָבער אַז ער טוט אַ קוק אין אַריהס פאַרשלאָסן מויל, אין זיינע בייזע, אומגליקלעכע אויגן, נעמט אים אָפּ דאָס לשון. עס ווילט זיך אים אָפט צוגיין, אַרומנעמען זיין שיינעם, העלדישן ברודער, אָבער ער ציטערט אַפילו פאַרן דאָזיקן געדאַנק.

אַריה גייט אַרום אין שטוב ווי אין אַ שטייג. אַלע פלעגן אַוועקגיין צו דער אַרבעט און אַריה פלעגט זיך פילן אין זיין שטוב ווי אַ פרעמדער. ער באַקוקט די ווענט און זיין בליק פאַלט אויף דער מאַמעס בילד, וואָס קוקט אַראָפּ פון דער וואַנט אַזוי ליבלעך און גוט. אַמאָל פלעגט ער גלעטן דאָס בילד. עס ווילט זיך אים אויך היינט צוגיין אַ גלעט טאָן, אָבער אַ

געפיל פון צער און כעס, אַז די מאַמע ליבט שוין איצט אַן אַנדערן, שטויסט אים אָפּ פון דאָזיקן פאַרלאַנג.

אַריה איז לאַנג געלעגן איינגעקאַרטשעט אויפן בעט, ביז אַ נייער געדאַנק האָט אים אויפגעוועקט פון זיין צער: וווּ איז דער טאַטע? פאַר וואָס האָט ער זי פאַרלאָזן? פאַר וואָס האָט ער זיינע קינדער פאַרלאָזן, אפשר איז זי שוין דעמאָלט געווען אַ פאַררעטערין? אַריה הייבט אָן אין זיין מחשבה וואַנדערן דורך זיינע קינדער־יאָרן. עפּעס קיין שום זכרונות וועגן זיין טאַטן קומען אים ניט אויף אין זיין זכרון. ער געדענקט בלויז איין מאָמענט: די מאַמע איז געווען קראַנק און געלעגן אין בעט, איז אַריינגעקומען צו איר אַ שכנטע און זיך געזעצט נעבן איר בעט. די מאַמע האָט עפּעס געזאָגט און שטאַרק געוויינט. די שכנטע האָט זי געזידלט:

— נאַרישע פרוי, וואָס איר זענט, נאָך אַזאַ מאַן בענקען, קנאַפּ צער אייך פאַרשאַפט, אַלע טאָג אַן אַנדערע געליבטע און זי וויינט נאָך נאָך אַזאַ אויסוואורף.

— וואָס קען מען טאָן מיט אַ האַרץ וואָס בענקט און וויל ניט וויסן פון קיין שלעכטס?

— איר מוזט געדענקען, אַז איר דאַרפט איצט שאַנעווען אייער געזונט און זיין פאַר די קינדער אַ מאַמע און אַ טאַטע צוזאַמען.

אַריה הייבט איצט אָן צו פאַרשטיין דעם שמועס; אַ געפיל פון רחמנות כאַפּט אים אַרום צו זיין מאַמען און ער איז גרייט איר אַלץ מוחל צו זיין. ביינאַכט, ווען די מאַמע שלאָפט, גייט אָפּט אַריה צו צו איר געלעגער און קוקט זיך איין אין זיין אומגליקלעכע מוטער און ס׳ווילט זיך אים זי קושן, אָבער ווען ער דערזעט די געפאַרבטע ליפּן, וואָס קושן זיין שטיפברודער, כאַפּט אים אַרום אַ ציטער און ער אַנטלויפט, כדי זי ניט צו דערשטיקן.

אריה קען ניט פאַרגעסן דעם פאַל ווען זיין שטיפברודער איז אַריין זיך באָדן און האָט פאַרגעסן מיטנעמען זיין ריינע פּיזשאַמע, איז די מאַמע אַריין אים געבן ד י פּיזשאַמע און ווען זי איז אַרויס, איז איר פּנים געווען באַלייגט מיט רויטע פלעקן. אַריה איז דאַן אַלט געווען אין גאַנצן 9 יאָר און האָט זיך פון אָנהייב צעלאַכט, אָבער ביינאַכט האָט ער זיך באַטראַכט, אַז די מאַמע האָט אים אָפּגענאַרט. זי האָט אים געזאָגט, אַז דער שטיפּברו־

דער האָט זי אויסגעשמירט. אַריה קען זיין שטיפברודער און ווייסט, אַז ער איז בעסער פון אַלעמען, באַשיידן און וועט זיך אויף אַזעלכע שפּאַסן ניט דערלויבן. דאַן האָט ער דאָס ערשטע מאָל אָנגעהויבן טראַכטן, אַז זיי האָבן זיך געקושט. ווי אַ וואָרעם האָט זיך אין אריהס האַרץ פאַרקליבן דאָס געפיל פון קנאה. פון דאַן אָן האָט ער אויפגעהערט צו גלייבן זיין מאַמען און האַסן זיין שטיפברודער. אָט דער קליינער פונק פון האַס איז געוואַקסן צו־זאַמען מיט אַריהן און זיך צעפלאַקערט אין אַ פייער, וואָס לעשט זיך קיין מאָל ניט אויס אין זיין האַרץ.

דער פריילעכער אַריה האָט אויפגעהערט צו שטיפן. דאָס לערנען איז מער אין קאָפּ ניט געקראָכן. זיינע שול־חברים, וועלכע האָבן זיך נאָך אַזוי זאָרגלאָז געשפּילט, האָבן אים אויפגעהערט צו אינטערעסירן. די לערערין האָט זיך אָנגעהויבן באַקלאָגן פאַר דער מוטער, אַז אַריה האָט אויפגעהערט מאַכן די לעקציעס. די מאַמע פלעגט אים דערפאַר מוסרן און וויינען, פאַר וואָס ער גייט אַראָפּ פון גלייכן וועג, אָבער דאָס האָט נאָך מער פאַרער־גערט די לאַגע. דער שטיפברודער פלעגט אים שיצן פון דער מאַמעס כעס און מיט צאַרטע רייד אים דערקלערן, ווי וויכטיק עס איז פאַר אים דאָס לערנען און געבעטן אים זיך נעמען אין די הענט.

אריה האָט זיך אָבער איינגעשלאָסן אין זיין וועלט פון צער און שנאה און מער קיינעם קיין צוטריט ניט געגעבן צו זיך. אַריה הייבט אָן בלאָנדזשען דורך די גאַסן און הינטערגעסלעך און דערגייט צו די קינדער פון דער אונטערוועלט. זייער דרייסטקייט, זייער פרייהייט און העלדישקייט אימפּאָנירט אים. ער הייבט זיך אָן חברן מיט זיי. ער ברענגט זיי פון צייט צו צייט זיסיקייטן און סתם מתנות.

אָט אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן אַריהס פריינדשאַפט מיט דער אונטער־וועלט און דאָרט פלעגט ער זייער אָפט פאַרברענגען טעג און אַפילו וואָכן. ווען מ׳האָט אַריהן צום צווייטן מאָל געבראַכט פאַרן אויספאָרשונגס־ריכטער איז ער שוין ניט געווען אַזוי פרעך און ציניש. דער ריכטער האָט אים גע־פרעגט, צי מיינט ער ניט, אַז ווען ער וואָלט אָנגעקומען אין אַן אַנשטאַלט און געלערנט אַ פאַך, וואָלט דאָס אים אפשר לייכטער געמאַכט. דערויף האָט אַריה געענטפערט, אַז עס לוינט ניט, ווייל ער וועט ווידער גנבענען.

אויף דער פראַגע, מיט וואָס וואָלט ער אים געקענט העלפן, איז געקומען בלויז איין תשובה: לאָזן אים גיין אין טורמע.

ווען די מוטער איז געקומען אים אַרויסנעמען אויף איר אַחריות האָט ער זיך קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט צו גיין און איז אַוועק אין אַ יוגנט־תּפיסה. אַלע פּעקלעך, וואָס די מוטער האָט געשיקט זיינען צוריקגעשיקט געוואָרן. קיין זעונג מיט איר ניט אויפגענומען.

איין מאָל איז צו אים אין טורמע געקומען דער אויספאָרשונגס־ריכטער און אים דערציילט, אַז זיין מוטער איז שטאַרק קראַנק און זי וויל אים זען. אַריה האָט פון אָנהייב ניט געגלייבט און זיך אָפּגעזאָגט צו גיין, אָבער ווען דער ריכטער האָט מיט ערנסקייט אים געזאָגט, אַז איר צושטאַנד איז זייער אַן ערנסטער איז ער מסכים געווען צו גיין זי זען. ווען אַריה איז מיטן ריכטער אַריין אין שטוב, איז די מוטער געלעגן אַ טויט־בלאַסע אויפן בעט און קיין כוח ניט געהאַט צו ריידן, אָבער אַז זי האָט דערזען אַריהן, האָט אַ פרייד אָנגעפילט איר בליק. זי האָט אויסגעשטרעקט ביידע הענט צו אים, נאָר אויפזעצן זיך ניט געקענט זי איז געווען נאָך אַ שווערן האַרץ־אַטאַק. אַריה האָט געהאַלטן איין האַנט אין קעשענע און די צווייטע אומדרייסט אויסגעשטרעקט צו דער מוטער. דער ריכטער האָט זיך דאַן אָפּגעזעגנט און געלאָזן זיי ביידע אַליין.

— מיין קינד, — האָט שטיל געזאָגט די מוטער, — כ׳האָב געמיינט, אַז איך וועל שטאַרבן און זיך מיט דיר אַפילו ניט געזעגענען.

די אויגן ביי אַריהן זיינען פייכט געוואָרן. ער האָט זיך איינגעהאַלטן מיט אַלע כוחות ניט צו צעכליפּען זיך. דער מאַמעס בלאַסקייט, די בלויע ליפּן, די געלע הענט האָבן אים דערמאָנט אין אַ טויטן. ער האָט שוין מער ניט געצויגן זיין האַנט פון דער מאַמעס, אַליין אים האָט זיך געצויגן צו איר. אַזוי געוואָלט אַ גלעט טאָן איר בלאַס פּנים, אַ קוש טאָן אירע בלויע ליפּן און בעטן איר מוחל זיין פאַר אַלע צרות, וואָס ער האָט איר אָנגעטאָן, אָבער זיין שטאָלץ האָט ניט דערלאָזן דערצו. אַריה האָט געפרעגט דער מוטער אפשר דאַרף מען עפּעס איינקויפן אָדער אָפּקאָכן. די מוטער האָט אָבער נאָך שטאַרקער געדריקט זיינע הענט צו איר האַרצן און שטיל געענטפערט:

— אַ שאָד דיך אַוועקצולאָזן פון זיך, אַזוי פיל צייט געבענקט נאָך דיר. זאָג מיר צו, מיין קינד, אַז וועסט קיין מאָל מיך ניט פאַרלאָזן און דאָס וועט זיין די גרעסטע רפואה פאַר מיר.

דער מוטערס בעטנדיקער בליק, די ציטערנדיקע הענט און ליפן און די הייסע טרערן, וואָס זיינען געראָנען פון אירע אויגן אויף זיינע הענט האָבן אַריהן אַנטוואָפנט. דער פּאַנצער פון זיין האַרץ האָט געפּלאַצט און אַ קוואַל פון טרערן האָט זיך אַ גאָס געטאָן פון זיינע אויגן. אַריה האָט צוגעלייגט זיינע ציטערנדיקע ליפן צו דער מאַמעס בלאַסע הענט און זיי ליידנשאַפט־לעך געקושט, כליפּענדיק דערביי אויפן קול. ער געדענקט ניט ווי לאַנג ער איז אַזוי געלעגן. אַ סקריפּ פון דער אַריינגאַנג־טיר האָט אים אויפגע־וועקט און דערשראָקן. אין צימער איז אַריין דער ייִנגערער ברודער. אַריה איז ווייטער געזעסן אַ צעבראָכענער און שולדיקער. דער בליק פונעם ברו־דער איז פון אָנהייב געווען האַרט און בייז, שפּעטער אַלץ ווייכער און ווייכער ביז ער איז צוגעגאַנגען צו אַריהן, אים אַרומגענומען און אים הייס געקושט.

— גוט וואָס דו ביסט געקומען, אפשר וועט איצט דער מאַמען בעסער ווערן.

ער האָט זיך געשטעלט מאַכן עסן פאַר דער מוטער און שפּעטער אויך איינגעלאַדן אַריהן צום טיש. נאָכן עסן זיינען בידע ברידער אַריין צו דער מוטער.

אַרום 4 אַ זייגער נאָך מיטאָג איז געקומען דער שטיפברודער. דער־זעענדיק אַריהן איז ער אַ גליקלעכער צוגעלאָפן און מיט הייסע קושן באַ־דעקט זיין פּנים. די מוטער האָט גליקלעך אָנגעקוקט איר משפחה און גע־שמייכלט. אַריה איז אָבער געווען דערדריקט און געשוויגן. די טעג זיינען געגאַנגען און אַריה האָט זיך מטפּל געווען מיט דער מאַמען.

זי האָט זיך אָנגעהויבן פילן אַלץ בעסער און בעסער און נאָך עטלעכע וואָכן אַראָפּ פון בעט. ווען זי איז צוגעגאַנגען צום שפּיגל און דערזען איר פּנים איז זי דערשטוינט געוואָרן. זי האָט גלייך אָנגעפּאַרבט די ליפּן, דאָס פּנים, אָנגעקרויזט די האָר און מיט שטאָלץ אַ זאָג געטאָן צו די קינדער:

— אַט לעב איך שוין ווייטער! אַלץ אַ דאַנק אייער זאָרגפעליקער באַהאַנדלונג, קינדערלעך טייערע!

מיט יעדן טאָג האָט זיך די מוטער געפילט אַלץ קרעפטיקער. די בלאַסקייט פון פנים איז ביסלעכווייז פאַרשוווּנדן, די אויגן האָבן אָנגעהויבן באַקומען דעם אַמאָליקן גלאַנץ, דאָס קול איז געוואָרן אַלץ הילכיקער, ביז זי איז ווידער אַוועק צו דער אַרבעט.

אַריה האָט ווידער געזען, ווי דער שטיפברודער פירט זיין מאַמען געאָרעמט צו דער אַרבעט און ברענגט זי פונקט אַזוי צוריק. אירע קאָקעטישע שמייכלען ווערן אַלץ אָפטער און אין אַריהן הייבט זיך אָן אָנצוצינדן דאָס אַלטע אייפערזוכט־פייערל. ער הייבט ווידער אָן באַזוכן זיין באַליבטע חברה פון דער אונטערוועלט, ברענגט זיי מתנות פון שטוב און לאַדט זיי איין צו זיך, ווען אַלע זיינען ביי דער אַרבעט. סוף כל סוף טראָגט ער אַרויס פון שטוב דעם בינט מיט שליסעלעך, שרויפנציער, די קאָלדרע און די וועש פון זיין שטיפברודער און גייט אַוועק צוריק צו זיין חברה.

כדי די מאַמע זאָל אים ניט געפינען, טראָגט זיך אַ טייל פון דער חברה איבער, צוזאַמען מיט אַריהן, אין אַ דערבייִיק שטעטל. די גניבות, וואָס זיי פלעגן דאָרטן דורכפירן פלעגן זיי אַריבערפירן צו דער ווילנער חברה און זיי פלעגן עס פאַרקויפן. אַ יאָר צייט איז די אַרבעט געגאַנגען ווי געשמירט. ווען אַריה איז אָנגעקומען מיטן לעצטן טראַנספּאָרט האָט מען אים געכאַפּט און אַוועקגעפירט אין טורמע. ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס ער איז שוין אַלט געווען 16 יאָר איז דאָך דער ריכטער ניט געווען געניגט אים צו שיקן אין אַ קאָלאָניע צווישן גרעסערע גנבים און האָט מיך איינגעלאַדן אין געריכט און געבעטן ברענגען אַ פּינקטלעכע אויספאָרשונג וועגן אים.

ווען איך בין געגאַנגען אין געריכט האָבן מיך אַלע באַגלייט און נאָך אַ מאָל געבעטן אים וואָס גיכער אַרויסצונעמען. אויפן וועג האָט אַרקע באַוויזן מיר צו דערציילן נאָך אַ פראַגמענט, וואָס האָט געדאַרפט באַשטעטיקן דעם וווּנדערבאַרן כאַראַקטער פון אַריהן:

— ווען מ׳האָט געשטאָכן זיין טאַטן, האָט חברה קדישא ניט געוואָלט אַרויפלאָזן דעם מת אויפן בית־עלמין. זיי האָבן געזאָגט, אַז גנבים און מעסערשטעכער טאָרן ניט ליגן צווישן אָרנטלעכע יידן... זאָלן זיי אַזוי פיל

מכות האָבן וויפל גנבים און רוצחים עס ליגן אויפן בית־הקברות. איר געדענקט, חברה, — ווענדט ער זיך צו די איבעריקע ייִנגלעך, — יענקעלע פּאַרכס טאַטע, וויפל האָט ער אָנגעגנבעט און וויפל מענטשן אומגעבראַכט און מיט וואָס פאַר אַ פּאַראַד מ׳האָט אים געפירט צו קבורה. ער האָט אַזוי פיל געגנבעט, אַז עס האָט אים געסטייעט אַפילו אונטערצוקויפן די חברה־קדישא. אַריה האָט אים דאַן געהאָלפן אויסגראָבן אַ גרוב נעבן פּאַרקאַן און געהאָלפן אים באַגראָבן זיין פאָטער.

— לערעריַן, — שרייט סיאָמקע, — מ׳מוז אים ראַטעווען!

אין געריכט־זאַל איז געווען פול חברה פון דער אונטערוועלט. אויף דער ערשטער באַנק זיצט זיין מוטער אַ פאַרוויינטע מיט זיין שטיפברודער. אויף דער באַשולדיקונגס־באַנק זיצט אַ בלאַס ייִנגל מיט אַ פאָר שוואַרצע גרויסע אויגן, וואָס קוקן גלייכגילטיק אין חלל. קיין געפיל פון שרעק, פון אומגעדולד און קיין אינטערעס ניט צו עפּעס וואָס. נאָכן איבערלייענען דעם באַשולדיקונגס־אַקט ווענדט זיך דער ריכטער צו אַריהן און פרעגט אים, צי האָט ער עפּעס צוצוגעבן:

— ס׳איז אַלץ אמת — זאָגט ער שטיל, — איך בין ווערט תפיסה.

דער ריכטער פרעגט דער מוטער, וואָס האָט זי צו דערציילן וועגן איר זון. זי דערציילט מיט אַ וויינענדיקן טאָן, אַז ער איז אַ טייער און ליב קינד און די אונטערוועלטניקעס האָבן אים אַראָפּגעפירט פון גלייכן וועג. זי בעט ווידער איר אַרויסגעבן דעם זון אויף איר אַחריות.

אויף דער באַראַטונג פון ריכטער־פּערסאָנאַל איז באַשלאָסן געוואָרן אים דער מוטער ניט אַרויסצוגעבן, נאָר איבערגעבן אים צו אונדז אין קינדערהיים. איך בין אַראָפּ זיך דורכשמועסן מיט אים אין זיין איזאָלאַציע־צימער, אָבער ער האָט בשום אופן ניט מסכים געווען צו פאַרלאָזן די טורמע. איך מעלד דעם ריכטער, אַז ער האָט נאָך קיין אינטערעס ניט צו באַפרייען זיך און צום לעבן בכלל. עס ווערט באַשלאָסן, אַז איך הייב אָן צו פירן מיט אים אַ דערציִערישע אַרבעט אין טורמע. אַנטוישטע, זיינען מיר אַלע אַוועק אַהיים.

תהילה טיקטין־פרטיג

דער ערשטער באַזוך אין טורמע

ווי נאָר איך האָב געעפנט די טיר פון זיין קאַמער האָט ער מיך אומ־צופרידן אָגעקוקט און מיר געמאָלדן, אַז איך דאַרף זיך ניט באַמיִען, ווייל ער וועט פון טורמע ניט אַרויסגיין. ווען איך האָב אים דערציילט, אַז זיין חברה בענקט נאָך אים און יאָשקע האָט אים אַפילו געשיקט אַ בריוועלע, האָט ער אומגערן אויסגעצויגן די האַנט עס צו נעמען. נאָכן איבערלייענען, געשוויגן אַ ווײַלינקע, און שפּעטער, ווי צו זיך רעדנדיק, געזאָגט:

— גיט זיי איבער, אַז עס לוינט ניט מער צו טראַכטן וועגן מיר, אַז איך פיל זיך אין טורמע בעסער, ווי אויף דער פאַרשאָלטענער וועלט.

— אפשר ווילסטו עפּעס אָנשרייבן צו זיי?

— ניין. איך וויל מער גאָרניט און קיינעם ניט.

איך האָב זיך צוריקגעקערט אַהיים אומעטיק און מיט קליינע האָפענונ־גען צו קענען נאָך אַ מאָל אויפוועקן זיין אינטערעס צום לעבן. אונדזערע קינדער זיינען ממש געווען צעבראָכן און אָן אויפהער געטראַכט ווי אַזוי צו ראַטעווען אַריהן.

אויף דער צווייטער זעונג איז מיטגעגאַנגען מיט מיר יאָשקע. ווען ער האָט דערזען יאָשקען האָט אַ שוואַכער שמייכל זיך באַוויזן אויף זיין פּנים און גלייך ווידער פאַרשוווּנדן.

יאָשקע האָט אים חבריש אַ קלאַפּ געטאָן אין פּלייצע און מיט אויגן פול מיט ליבע אים אַ זאָג געטאָן:

— זאָג נאָר, אריה, וואָס עפּעס ביסטו אַזוי גיך צעקראָכן געוואָרן? אַלע יאָטן האָלטן דיך פאַר אַ העלד און דו האָסט זיך אַרויסגעוויזן שוואַכער פון אַ יענטע. אויב אונדזער לערערין וויל דיך אַרויסנעמען אויף איר פאַראַנטוואָרטלעכקייט, טאָ טראַכט ניט, נאָר לויף! וועסט זען סאַראַ לעבן ביי אונדז איז.

אריה האָט אָגעקוקט יאָשקען און אים געהייסן איבערגעבן דער חברה, אַז ער האָט זיי ליב, נאָר אים ווילט זיך מער ניט לעבן. אײדער יאָשקע האָט נאָך געפונען וואָס אים צו ענטפערן האָט שוין דער וועכטער געבעטן פאַרלאָזן די קאַמער.

מיר האָבן אים איבערגעלאָזט אַ זעקעלע מיט זיסיקייטן און זיך צע־שיידט מיט אים. מיר ביידע זיינען געגאַנגען דערדריקטע און געטראַכט יעדער אויף זיין אופן. פּלוצים שרייט אויס יאַשקע, אַז ער האָט אַן עצה. ער זאָגט, אַז אין דער „מאַלינע" געפינט זיך אַ יינגל, וועמען אַריה האָט זייער ליב געהאַט, מ׳רופט אים זיידל. יאַשקע לייגט פאָר אים אויפצוזוכן און אים מיטנעמען דאָס נאָענטסטע מאָל צו אַריהן. זיין פּלאַן געפעלט מיר און מיר באַשליסן טאַקע גלייך אים גיין אויפזוכן. די זאַך איז ניט אַזוי פּשוט, דער־קלערט מיר יאַשקע. בייטאָג זיינען זיי דאָרט ניטאָ און ביינאַכט טאָר מען אַן אַ פּאַראָל זיך ניט דערנענטערן צו זיי. מיר זיינען אַוועק אַהיים. פון דער חברה זיך דערוווּסט זייער נייעם פּאַראָל און אין אָוונט זיינען מיר מיט יאַש־קען אַוועק צו זיי. יאַשקע איז אַ היימישער, פיר יאָר געלעבט מיט זיי און געקומען איז ער צו אונדז נאָר דערפאַר, ווייל זיין פוס האָט יאָרן געאיי־טערט און אין יענע באַדינגונגען זיך ניט געקענט אויסהיילן. עס האָבן אָנגעהויבן זיך פאַרשפּרייטן ווונדן אויפן גאַנצן לייב. מיר האָבן אויף יאַשקען אַ סך כוחות אַוועקגעלייגט, ביז מיר האָבן זיינע ווונדן באַזייטיקט. יאַשקע האָט זיך צוגעבונדן און געוואָרן אַ געטרייער חבר אין אונדזער קאָלעקטיוו.

ווען מיר זיינען אָנגעקומען צו דער „מאַלינע" האָט מיך יאַשקע געבעטן צוואַרטן און איז אַריין מיט זיי ריידן. חברה האָט מיט פרייד אויפגענומען דעם פאָרשלאָג און צוגעזאָגט צו דער קומענדיקער זוּנג שיקן זיידלען צו אונדז.

ווען אַריה האָט דערזען זיידלען איז ער צוגעגאַנגען צו אים, ביידע האָבן זיך אַרומגענומען און עטלעכע מינוט געשטאַנען שטום. שפּעטער האָבן זיי זיך אַוועקגעזעצט אויף אַריהס נאַרע און זיידל האָט אים אָנגעהויבן דערציילן, וואָס עס טוט זיך אין זייער לעבן.

אַז זיידל האָט געזען אַז אַריה באַגייסטערט זיך ניט פון קיין זאַך, האָט ער אים אַ זאָג געטאָן:

— איך זע, אַז דו ביסט געוואָרן אַ בורזשוי, ווילסט האָבן כמעט אַן אייגענעם צימער, פרישע לופט, ווייזט אויס, אַז דיר איז נמאס געוואָרן צו לעבן מיט לייבושקעס גאַז־באָמבעס. הערסט, נעכטן האָט ער זיך אָנגעגעסן

מיט באָב און האָט אונדז אַלעמען פאַרטריבן פון דער „מאַלינע״. אַ שאָד, וואָס ער קען ניט קומען צו דיר, ער וואָלט דיך זיכער פון דאַנעט פאַר־טריבן.

אַריה קוקט אַן זיידלען מיט ליבשאַפט און שמייכלט.

— ווייסט, אַריה, וואָס חברה טראַכטן וועגן דיר, אַז דו האָסט זיך דאָ פאַרליבט אין אַן אַרעסטאַנטקע און קענסט זיך ניט שיידן מיט איר.

אַריה שמייכלט לייכט און ענטפערט גאָרניט. דער וועכטער קומט אַריין און מעלדעט, אַז די צייט איז פאַרביי. זיי פאַטשן זיך ביידע אין די פּליי־צעס און מיר צעשיידן זיך.

בעת די שפּעטערדיקע זעונגען האָט מיך שוין אַריה אויפגענומען, ווי אַן אייגענע. ער האָט זיך געפרעגט ווער פון די יאַטן זיינען אַריינגעפאַלן. ער פלעגט אויפנעמען פון מיר ביכעלעך מיט שפּאַנענדיקע דערציילונגען, אַפילו קרימינעלע ליטעראַטור פלעג איך אים ברענגען, אַבי אויפצוּוועקן זיין אינטערעס צום לעבן. איך פלעג אים אין די וויטערדיקע באַגעגענישן ברענגען בריוועלעך פון זיין באַליבטער חברה און מיט יעדן טאָג איז זיין בליק געוואָרן אַלץ וויכער און וויכער צו מיר. ער האָט מיט צוטרוי גע־פרעגט, צי איז זיין חברה מצליח און צי איז קיינער ניט אַריינגעפאַלן. אים האָט אָנגעהויבן אינטערעסירן ווער ס׳איז נאָך אָנגעקומען צו אונדז אין היים. נאָך דריי חדשים איז געלונגען אים צו באַווירקן מסכים צו זיין אַריינצוגיין אין אונדזער היים. איין תנאי האָט ער געשטעלט, אַז זיין משפּחה זאָל פון דעם ניט וויסן און זיך קיין מאָל פאַר זיינע אויגן ניט באַ־ווייזן.

ס׳איז ניט פאַרצושטעלן זיך די שמחה פון אונדזערע קינדער, ווען מיר זיינען אַריין מיט אים אין אונדזער היים. זיי האָבן אים געגלעט און געקושט, געקלאַפּט אין פּלייצע און פון פרייד ניט געוווּסט, וואָס אים צו זאָגן. כדי פאַרשאַפן אַריהן פרייד, איז יאַשקע אָוועקגעלאָפן אין „מאַלינע״ און אָנגעזאָגט דער חברה. זיי זיינען גלייך געקומען צו אים, מיטברענגענ־דיק צוויי פלעשלעך גוטן וויין, כדי צו מאַכן אַ „לחיים״. זיי האָבן אויך מיטגעבראַכט הערינג. מיר האָבן געגעבן ברויט און מ׳האָט געמאַכט אַ סעודה כיד המלך. ווען די שמחה האָט זיך געענדיקט און די געסט האָבן

זיך געקליבן אַוועקצוגיין, האָב איך זיך צו זיי געווענדט און געבעטן, אַז זיי קענען קומען צו אונדז אַלע שבת, אָבער אַריה טאָר צו זיי ניט גיין, ווייל אויב מ׳וועט אים נאָך אַ מאָל כאַפּן וועט מען אָפּנעמען ביי מיר דאָס רעכט אַרויסצוראַטעווען קינדער פֿון די טורמעס. די געסט האָבן עס פֿאַרשטאַנען און מיר צוגעזאָגט צו היטן מיין גוטן נאָמען, ווייל איך בין דאָך אַ זייעריקע. מיר האָבן זיך האַרציק געזעגנט און זיי זיינען אַוועק.

אַריה האָט זיך אַרומגעקוקט אין אונדזער היים און געפֿרעגט, וואָס ער האָט צו טאָן? די יינגלעך האָבן אים געענטפֿערט, אַז פֿריִער זאָל ער זיך גוט אויסשלאָפֿן און צו מאָרגנס וועט ער זען וואָס זיי טוען וועט ער אויך טאָן. חברה האָט אים אויסגעקליבן דאָס בעסטע בעט, און צוויי יינגלעך זיינען געשלאָפֿן צוזאַמען ביז מיר האָבן באַקומען אַ ניי בעט. ווען זיי האָבן אַריהן צוגעפֿירט צום דעם ריינעם בעט האָב איך באַמערקט, אַז אַ לייכטער ציטער איז אים אַדורך איבערן לייב, עס האָט אים אין עפּעס דערמאָנט. ער האָט זיך באַמיט גלייך צו באַהערשן און גענומען זיך אויסטאָן גלייך מיט אַלעמען. ווען אַלע זיינען שוין געלעגן אין די בעטן בין איך אַריין אין שלאָפֿצימער, אַנדערע פֿון זיי צוגעדעקט און זאָגנדיק „אַ גוטע נאַכט" האָב איך אויסגעלאָשן דאָס ליכט און אַרויס פֿון צימער. ס׳איז היינט גיכער שטיל געוואָרן. יעדער איינער איז געווען פֿאַרנומען מיט זיין נייעם געפֿיל און געדאַנק וועגן אַריהן.

אין דער פֿרי האָט זיך יעדער איינער גענומען צו זיין אַרבעט. היינט איז פֿרייטיק און יעדן פֿרייטיק אין אָוונט קומט פֿאָר אַ זיצונג, ווו עס ווערט פֿאַרטיילט די אַרבעט פֿאַר דער גאַנצער וואָך. אַריה האָט זיך צוגעקוקט צו אַלע אַרבעטס־צווייגן און געפֿילט זיך שלעכט, וואָס נאָר ער איינער טוט גאָרניט.ביים עסן איז ער געווען באַשיידן, געגעסן ווייניק און אַ גאַנצן טאָג געשוויגן. אין אָוונט, נאָכן אָוונטברויט, האָט זיך אָנגעהויבן די זיצונג. יעדער פֿאַראַנטוואָרטלעכער פֿאַר זיין אָפּטיילונג האָט דערציילט, וואָס ס׳איז אויפֿגעטאָן געוואָרן אין זיין צווייג: אין דער סטאָליעריי, ביי דער שטרוי־אַרבעט, דער סאַניטאַר און צום סוף דער מאַגאַזין־פֿאַראַנטוואָרטלעכער. ער האָט דערציילט וויפֿל ער האָט אַרויסגעגעבן מאַטעריאַלן פֿאַר יעדן צווייג, וויפֿל ס׳איז אַוועק אויף עסן און וויפֿל ס׳איז געבליבן אין קאַסע. אין קאַסע

האָט שטענדיק געמוזט בלייבן אַ באַשטימטע סומע אויף עסן און דאָס איבעריקע איז פאַרטיילט געוואָרן אויף איינצוקויפן די נייטיקע רוישטאָפן און אַ טייל האָט געקאָנט פאַרנוצט ווערן אויף שבתדיקע פאַרוויילונגען. די סומע אויף פאַרוויילונגען איז דאָס מאָל געווען 37 זלאָטעס. יעדער איינער האָט זיך אַרויסגעזאָגט ווי ער וואָלט געוואָלט פאַרברענגען דעם שבת: איינער וויל גיין אין קינאָ, אַנדערע שרייען טעאַטער, נאָך אַנדערע שרייען אַן אויספלוג. איך האָב זיי דערמאָנט, אַז אַריהן וועלן זיכער באַזוכן זיינע חברים און דעריבער לייג איך פאָר אָנצוגרייטן כיבוד פאַר די געסט, אי־בערהזרן די לעצטע פאַרשטעלונג און איינלאַדן פּיניען מיט דער מאַנדאָ־לינע, כדי חברה זאָל קענען אַ זינג טאָן, אָדער זיך לאָזן אין אַ טאַנץ. חברה האָט ניט לאַנג געטראַכט און אָנגענומען מיין פאָרשלאָג פאַרן ריכטיקסטן.

היינטיקן שבת איז מען אויפגעשטאַנען פריִער ווי געוויינלעך. דער מאַ־גאַזינער איז אַוועק איינקויפן כיבוד, די אָרדנער האָבן זיך גענומען צום רייניקן און צופוצן דעם זאַל, און די איבעריקע — צום גרייטן די פּראָבע. די אָרדנעריי אין קיך האָב איך היינט איבערגענומען, כדי זיי אַלעמען באַ־פרייען פאַר דער פאָרשטעלונג. ווען ס׳פרישטיק איז געווען שוין געגרייט אויפן טיש האָבן מיר זיך אַרומגעזען, אַז אברהמקע איז נאָך ניט אויפגעע־שטאַנען. אברהמקע איז אַזוי פאַרמאַטערט פון זיין אָנאַניזירן זיך ביי נאַכט, אַז ער שטייט אויף מידער ווי נאָך אַ שווערן אַרבעטס־טאָג. חברה וויל ניט ליידן, וואָס ער שטערט צו מאַכן אָרדענונג און קלייבט זיך אים צו געבן קלעפּ. איך האָב זיי געבעטן ניט צו פאַרשטערן דעם גוטן שבת מיטן נייעם גאַסט. אברהמקע הייבט זיך אָן פויל צו ציִען און קריכט אומגערן אַרויס פון בעט. נאָכן פרישטיק האָט זיך יעדער געשטעלט צו זיין אַרבעט און די וואָס האָבן פריִער געענדיקט, קלייבן זיך אַראָפּצוכאַפּן אין שטאָט אַריין. זיי רופן מיט אַריהן, אָבער ער גייט ניט, ער האָט מורא זיך צו באַגעגענען מיט זיינע שטוביקע. אַריה בלייבט מיט מיר אין שטוב און שטעלט זיך צו מיין דינסט. ער אַרבעט געשיקט, רויִק און מיט פאַרשטענדעניש. ער באַמיט זיך צו פאַרכאַפּן די שווערע אַרבעטן און מאַכט עס אומבאַמערקט פאַר מיר. איך וויל אים אַריינציִען אין אַ שמועס, אָבער ער לאָזט זיך ניט. איינס בייטאָג זיינען אַלע קינדער געקומען צום מיטאָג. יעדער איינער האָט

דערציילט די נייעס וואָס ער האָט געהערט אין שטאָט. איין סיאַמקע איז גע־קומען אַן אומעטיקער, ער האָט דערציילט, אַז מ׳האָט שוין ווידער אַרעס־טירט זיין טאַטן. קיינער האָט ניט געפרעגט פאַר וואָס, ווייל יעדער ווייסט מיט וואָס זיין פאָטער באַשעפטיקט זיך.

נאָכן עסן האָבן די אָרדנער אָפּגערייניקט דעם טיש, אָפּגעוואַשן די כלים און זיך גענומען רעפּעטירן. די פאָרשטעלונג האָט זיך געדאַרפט אָנהייבן זעקס אָוונט, אויב אָבער די געסט וועלן זיך פריִער צוזאַמענקומען וועט מען אָנהייבן פריִער. אַריה קוקט זיך צו מיט פאַרוואונדערונג צו זייער פרייקייט, זייער באַלעבאַטעווען און קען עס ניט באַגרייפן. ער איז נאָך דערדריקט און קען נאָך קיין איין וואָרט פון מויל ניט אַרויסברענגען. ער קוקט זיך צו צו דער פראָבע און קען ניט פאַרשטיין, ווי אַזוי שעמען זיי זיך ניט אַרויסצוטרעטן.

— אַפילו אַרקע איז אויך אַ גאַנצער אַרטיסט — זאָגט ער מיט פאַר־וווּנדערונג.

איך זאָג אים, אַז מיר האָבן אַרקען זייער ליב, ווייל ער איז אַ גוטער און געטרייער חבר אין קאָלעקטיוו. וואָס איז ער שולדיק, אַז די נאַטור האָט אים ניט באַשענקט מיט צו פיל שכל?

אַריה האָט זיך נאָר צעשמייכלט, ווען פינקע האָט געשפּילט די ראָל פון אַ פרוי און האָט גערעדט מיט אַ דין שטימעלע. די געסט זיינען זיך צוזאַמענגעקומען פרי און די פאָרשטעלונג האָט זיך אָנגעהויבן פינף אַ זייגער. די פאָרשטעלונג האָט זיך אָנגעהויבן אין אַ וואַלד, ווו אַן אָרעם מיידעלע קלייבט יאַגדעס און רויבער באַפאַלן זי און ווילן זי טויטן. זי זינגט פאַר זיי אַ האַרצרייסנדיק ליד, ווו זי בעט רחמים אויף איר קראַנקער מוטער, וועלכע וואַרט אַ הונגעריקע אין דער אָרעמער היים. די רויבער האָבן רחמנות אויף איר און זי זינגט אַ לויב־געזאַנג צו גאָט. נאָך דעם לויפט זי אַ גליקלעכע אַהיים צו איר קראַנקער מוטער. עס זיינען געווען בילדער וועגן העלדישע גניבות און דורכפאַלן, שיסערייען און זיגערישע אויסגעשרייען.

ווען די פאָרשטעלונג האָט זיך געענדיקט האָט זיך צו מיר געווענדט איינע אַ לערערין און פאַרזיכטיק אַ פרעג געטאָן:

— זאָגט מיר, חברטע, וואָס איז דער ציל פון אַזאַ פאַרשטעלונג: אַזוי פיל כאַאָס, אַזוי פיל צעשטערונג, און דער סטיל — אַזאַ שלעכטער, צי וואָלט ניט בעסער געווען עס אויסצובעסערן, מאַכן קולטורעלער?

— ניין, חברטע, איך וויל, אַז זיי זאָלן שאַפן און אויסדריקן אַלץ, וואָס עס טוט זיך אין זייער נשמה. אַלע געפילן פון שרעק, נקמה, האַס, ליבע און דורשט צו זיין עפּעס. איך מיין, אַז אָן דעם אויסדרוק קענען זיי זיך ניט באַפרייען פון זייער אינערלעכער שפּאַנונג און אָן דעם — איז ניט מעגלעך קיין פאָרשריט.

אַריה האָט פאַרגעזעצט זיין שוויגן. געאַרבעט צוזאַמען מיט די חברים, געווען אָרדנער, געגרייט דעם טיש, געשפּילט שאַך, געלייענט אַ צייטונג, געהערט ראַדיאָ, אָבער אַלץ אָן באַגייסטערונג און שוויגנדיק. כמעט קיין אָנטייל ניט גענומען אין די זיצונגען. איך האָב אָן אויפהער געטראַכט ווי אַזוי צו געפינען אַ שליסל צו זיין נשמה און עפענען די קוואַלן פון האַס און צער, וואָס דריקן אַזוי אויף זיין געמיט.

איין מאָל, ווען ס'איז שוין געקומען די צייט צו גרייטן אַ נייע פאָר־שטעלונג, האָב איך זיי דערציילט, אַז איך האָב געלייענט אַן אינטערעסאַנט בוך, וועלכן מ'וואָלט מיט דערפאָלג געקענט פאָרשטעלן. די דערציילונג הייבט זיך אָן מיט אַ שטיפברודער אין וועלכן די מוטער און די טאָכטער זיינען פאַרליבט, און ווייל דער שטיפברודער איז פאַרליבט אין דער מוטער, באַשליסט די שוועסטער אים צו דערשיסן. די דערציילונג איז זיי געפעלן און זיי זיינען גרייט געווען זי צו שטעלן. מיין הויפּטציל איז, אַז אַריה זאָל שפּילן די ראָל פון דער שוועסטער און דערשיסן דעם שטיפברודער, אָבער פאַרלייגן עס אים איז געפערלעך, ער קען דערפילן, אַז מיר איז באַוווּסט זיין הייליקסטער סוד און קען אַנטלויפן פון אונדז. ניט קוקנדיק, וואָס מיינע אַלע מחשבות און נערוון זיינען געווענדט צו אים, לייג איך פאָר די ראָל זיין שכן וואָס זיצט נעבן אים. אַריה האָט זיך געדרייט אויפן שטול ווי אַ שלאַנג און ווען ער האָט דערפילט, אַז דער חבר וויל מסכים זיין צו שפּילן די ראָל, האָט ער אויסגעשריִען ממש מיט אַ ווילד קול: „איך וועל אים דערשיסן!" אין מיין האַרצן האָט זיך אָנגעצונדן אַ פונק פון האָפענונג און נצחון. איך האָב רויִק מסכים געווען אויף זיין פאָרשלאַג. מ'האָט אָנגעהויבן

שרייבן און לערנען די ראַלן. אין אַ וואָך שפּעטער האָט מען אָנגעהויבן צו רעפּעטירן. איך האָב צוגעגרייט אַ ביקסל וואָס פּלעגט אַרויסלאָזן אַ שטורמישן קנאַל. אַריה פּלעגט שיסן יעדעס מאָל אין זיין שטיפברודער מיט דער גרעסטער תאווה. צו דער פאָרשטעלונג זיינען געקומען אַ סך וויל־נער לערער, דער שילער־פּאַטראָנאַט מיטן לערער טעפּער און אייניקע על־טערן פון די קינדער. דער זאַל איז געווען געפּאַקט. אַריה איז ניט אַרויס פון הינטער די קוליסן. ער האָט געפּאָדערט אַ שטאַרקן גרים, מ׳זאָל אים, חלילה, ניט דערקענען. די פאָרשטעלונג איז אַדורך גלענצנדיק. ווען דער עולם האָט נאָך שטאַרק אַפּלאָדירט איז שוין אַריה געלעגן אויף זיין בעט און האָט האַרציק געכליפּעט. איך בין געשטאַנען הינטער דער טיר, ווי אַ גליקלעכע מוטער מיטן געבורט פון איר ערשט אייניקל און קיינעם ניט אַריינגעלאָזן אים שטערן. זאָל ער וויינען, אַזוי פיל יאָרן ניט געוויינט און געשטיקט אין זיך דעם גרויסן צער. ערשט האָבן זיך געעפנט די טויערן פון זיין נשמה־תפיסה.

דער עולם איז שוין לאַנג אַוועק, די בעטן זיינען שוין געבעט צום שלאָפן גיין, אָבער אַריה ליגט נאָך אַלץ איינגעקאָרטשעט און וויינט. איך לאָז קיינעם אים ניט וועקן און ניט אויסטאָן. ווען איך האָב געזען, אַז אריה איז איינגעשלאָפן האָב איך אים פאָרזיכטיק איינגעדעקט און געלאָזן ווייטער שלאָפן. אין דער פרי האָט דער אָרדנער ווי געוויינלעך אַלעמען אויפגע־וועקט. אַריה איז אויפגעשטאַנען און זיך דערזען אין די בגדים, האָט ער זיך צעשמייכלט און געזאָגט, אַז ער האָט זיך איינגעשפּאָרט אַן אַרבעט זיך אָנצוטאָן. קיינער פון די קינדער האָט אים ניט דערמאָנט וועגן זיין נעכטיקן וויינען.

די וואָכן און חדשים זיינען געלאָפן און אַריה האָט אָנגעהויבן ווערן אַלץ לעבעדיקער, אָנטיילגענומען אינעם לעבן פון קאָלעקטיוו, פאַרגעלייענט פאַר די קינדער די נייעס פון צייטונג, אויסגעשריבן דעם מעניו פאַר דער וואָך. צוזאַמען מיט לייבושקען האָט ער אויך אָנגעהויבן אַרויסגעבן אַ וואַנט־צייטונג. ער האָט אויך אָנגעהויבן אַראָפּכאַפּן זיך אין שטאָט. איין מאָל איז ער געקומען מיט אַ ידיעה, אַז מ׳האָט זיין שטיפברודער צוגענומען אין דער אַרמיי, און ער האָט זיגעריש געשמייכלט.

איין מאָל, ווען איך בין צוזאַמען מיט אַריהן געווען אָרדנער אין קיך, האָב איך אים פאַרזיכטיק אַ פרעג געטאָן, צי שרייבט עפּעס דער ברודער פון דער אַרמיי. דערויף האָט ער מיר געענטפערט:

— צו זיין געליבטער שרייבט ער מן הסתם.

— האָט ער שוין אַ כּלה?

— ער איז ביז איבער די אויערן פאַרכלאַפּטשעט אין מיין מאַמען.

דאָ האָט אַריה אָנגעהויבן דערציילן דאָס אַלץ, וואָס איך האָב דערציילט אין מיין פריערדיקער באַשרייבונג.

— פון 9 יאָר אָן האָב איך זיי שוין געכאַפּט ביי אַ ליגן און פון דאַן אָן ווילן זיי מיר שוין דעם קאָפּ ניט פאַרדרייען.

— מיינסטו ניט, אַז דאָס קען זיין אַ געפיל פון דאַנקבאַרקייט מצד אַ קינד אַ יתום, וועלכער איז אַזוי מוטערלעך באַהאַנדלט געוואָרן דורך דיין גוטער מוטער?

— אָ, ניין! אַזוי ליבט מען ניט אַ מאַמען: ווען איר וואָלט געזען, ווי זי פוצט זיך פאַר אים, פונקט ווי די גאַסנפרויען אויף סאַפּיאַניקעס.

— מיינסטו ניט, אַז עס איז נאָך אַ נס, וואָס דיין מוטער האָט זיך ניט אָפּגעלאָזן, ניט געפאַלן פון מוט פון אַזוי פיל יאָרן לעבן אָן אַ מאַן און שלעפּן דעם יאָך פון אַ משפּחה? ווען דו, אַריה, וועסט עלטער ווערן, וועסטו זען, ווי שווער עס פאַלט די עלנטקייט אויף אַ פרוי, וועלכע בלייבט אַליין מיט קינדער. איך שטעל זיך פאָר, ווי דאַנקבאַר זי דאַרף זיין דיין שטיפ־ברודער, וועלכער העלפט איר שלעפּן דעם יאָך.

אַריה הערט און שייערט נערוועז דעם טאָפּ. ער שווייגט.

שוין העכער אַנדערטהאַלבן יאָר, ווי אַריה האָט זיינע שטוביקע ניט געזען. איין מאָל, אין אַ קאַלטן ווינטער־אָוונט, ווען מיר זיינען געזעסן אַרום טיש און זיך דערציילט געשיכטעס, איז אַריינגעקומען אַריהס יינגע־רער ברודער. זיינע אויגן זיינען געווען רויט פון וויינען, אָדער ניט־דער־שלאָפנקייט. ער איז אומדרייסט צוגעגאַנגען צו אַריהן און אים שטיל איינגערוימט, אַז די מוטער איז שטערבלעך קראַנק און ער, אַריה, מוז גיין מיט אים, ווייל מ׳קען זי אויף קיין איין מינוט ניט לאָזן אַליין. אַריה האָט זיין פרעגנדיקן בליק אָנגעשטעלט אויף מיר און איך בין אים גלייך אַנט־

קעגנגעקומען מיטן ענטפער, אַז אויב נאָך עמעצער דאַרף באַהילפיק זיין, זיינען מיר אַלע גרייט אייך צו העלפן. אַריה האָט זיך אומדרייסט אויפגעהויבן פון באַנק אוןביידע ברידער זיינען אומעטיקע אַוועק, מיטנעמענדיק אונדזער טיפסטן אָנטייל אין זייער צער.

יעדן טאָג איז אַן אַנדערער געגאַנגען באַזוכן אַריהן און אָפט מאָל מיטגענומען עפּעס געשמאַקס פאַר זיין קראַנקער מוטער. לאַנגע חדשים איז די מוטער געלעגן צוגעשמידט צום בעט אָן האָפענונג צו קענען ווען עס איז קומען צו די כוחות און אָנהייבן אַרבעטן. די קינדער האָבן געמוזט טראַכטן וועגן חיונה פאַר דער משפחה. איך בין אַוועק צו אַ באַקאַנטן סטאָליער, דערציילט אים וועגן אַריהס נויט און גלייכצייטיק וועגן זיינע אויסערגעוויינלעכע פעיִקייטן אין סטאָליעריי און געבעטן געפינען אַרבעט פאַר אים. דער סטאָליער האָט אים צוגענומען צו זיך און געגעבן אים די מעגלעכקייט צו פאַרדינען ביים אויסאַרבעטן לייכטע טיילן צו פּאָליצעס. אַריה האָט זיך אויסגעצייכנט אין דער אַרבעט און זיינע פאַרדינסטן זיינען געוואַקסן. ער פלעגט מיט דער גרעסטער פרייד אַהיימברענגען די שכירות דער מוטער, בעטנדיק אַ מאָל געלט אויף קינאָ פאַר אים מיט זיין ברודער.

די זאָרג פאַר דער שטוב האָט נאָך מער געשטאַרקט זיין גייסט און זיין בטחון און אָנגעפילט זיין נשמה מיט אַ נייעם אינהאַלט.

אַן אומגעריכטער גאַסט אין אונדזער היים

אין מיטן גרייטן זיך צו אַ פאָרשטעלונג, זאָגט מען מיר אָן, אַז עפּעס אַ פרוי וויל זיך מיט מיר זען. איך בין אַרויס אין קאָרידאָר און געטראָפן אַן אומבאַקאַנטע פרוי, וועלכע האָט זיך פאָרגעשטעלט אַלס לערערין און געבעטן, אַז מיר זאָלן איר דערלויבן צו אָבסערווירן אונדזער אַרבעט און אונדזער שטייגער־לעבן, וועגן וועלכן זי האָט אַזוי פיל געלייענט אין די צייטונגען. איך בעט זי אונטערוואַרטן אין קאַנצעלאַריע ביז איך וועל פרעגן ביי די קינדער, צי ס׳וועט זיי ניט שטערן אין מיטן דער פּראָבע. ווען די קינדער האָבן מסכים געווען, האָב איך זי איינגעלאַדן אין צימער, ווו ס׳איז פאָרגעקומען די פּראָבע.

איידער זי איז מיט מיר אַרויס אין צווייטן צימער, האָט זי זיך אַנט־שולדיקט און שטילערהייט אַ פרעג געטאָן:

— ווען די קינדער וואָלטן ניט מסכים געווען, וואָלט איר מיך ניט אַריינגעלאָזט?

— פאַרשטענדלעך, — האָב איך געענטפערט. — מיר טוען קיין שום זאַך ניט אָן דער הסכּמה פון דער מערהייט. אויב איר ווילט, אַז קינדער זאָלן אייך שעצן, מוזט איר קודם זיי שעצן. מיר, דערציִער, טאָרן זיך ניט שטעלן העכער פונעם קינדער־קאָלעקטיוו.

די לערערין האָט מיך אָנגעקוקט, אויסגעהערט און מיט אַן אומעטיקן בליק זיך געווענדט צו מיר, אַרויסלאָזנדיק דערביי אַ שטאַרקן און טיפן זיפץ:

— אויך איך האָב פאַרוואַלטעט מיט אַ היים פאַר גאַסנקינדער. צוגע־גרייט פאַר זיי אַ היים פון כּל־טוב: נייע בעטן, מאַטראַצן אויף ספּרונזשי־נעס, גוטע וואַרעמע קאָלדרעס מיט ווייסן איבערצוג, פאַרביקע פּיזשאַמעס. איך האָב געוואָלט אַריינברענגען אַ ביסל פרייד אין זייער לעבן, אַ ביסל פאַרביקייט אין זייער אייביקער גרויקייט. צוגעגרייט אַ שיין עסצימער און געוואַרט אויף דער נייער גרופּע קינדער, וואָס די סאָציאַלע פאַרזאָרגונג האָט געדאַרפט צושיקן. פונקט 4 אַ זייגער נאָכמיטאָג האָט דער באַאַמטער צוזאַמען מיט אייניקע עלטערן געבראַכט אַ גרופּע פון 20 קינדער.

ווען די דערוואַקסענע זיינען אַוועק האָבן איך איינגעלאַדן די קינדער, זיי אַלץ געוויזן און געזאָגט, אַז דאָס איז אַלץ פאַר זיי, פאַר זייער פרייד, זיי זאָלן וואַקסן אַלס גוטע און אָרנטלעכע מענטשן. ווען איך בין אַריין אין קאַנצעלאַריע זען צי איך האָב פאַרשלאָסן אַלע דאָקומענטן, הער איך פּלוצים ווילדע קולות. איך לויף אַריין, אַן אומגליק איז געשען: אויף די שמוציקע בגדים האָבן זיי אַרויפגעשלעפּט די נייע פּיזשאַמעס. אַ סך פון זיי האָבן שוין באַוויזן צו פּלאַצן, און מיט ברודיקע פיס און אין די שיך האָבן זיי געטאַנצט אויף די מאַטראַצן. במשך 15 מינוט איז צעשטערט געוואָרן די גאַנצע איינריכטונג. די אויגן האָבן ביי זיי געגלאַנצט מיט אַ סאַדיסטישער הנאה. איך בין פאַרגליווערט געוואָרן פון צער. איך האָב קוים געקאָנט אַרויסברענגען איין און איינציקן זאַץ:

— איך האָב געמיינט, אַז איר זענט קינדער און אַרויסגעוויזן האָט איר זיך פאַר חיות.

איך האָב מורא געהאַט, אַז איך וועל באַלד זיך צעוויינען. פון גרויס צער בין איך אַרויסגעלאָפן אין קאַנצעלאַריע. זײַענדיק אַזוי אַ צעבראָכענע, הער איך ווי זיי זאָגן דאָרטן:

— וואָס איז זי אין כעס, זי האָט דאָך אַליין געזאָגט, אַז דאָס איז פאַר אונדזער פרייד; אַ ליגנערין פונקט ווי אַלע מענטשן.

— ווען כ׳האָב זיך אַ ביסל באַרויִקט און צוריק אַריין צו זיי אין צימער, האָב איך געפונען בלויז אָנגעוואָרפענע פּיזשאַמעס און קיין איין קינד ניט מער. כ׳בין געבליבן זיצן און געטראַכט, אַז די קאָמפּליצירטע וועלט פון די פאַרוואָרלאָזטע קינדער איז מיר נאָך אין גאַנצן ניט קלאָר און האָב זיך אָפּגעזאָגט פון דער אַרבעט. פון דעמאָלט אָן איז שוין אַוועק צוויי יאָר. איך גיי אַרום פון שטוב צו שטוב און זוך אָן ענטפער אויף די צענדליקער פראַגן, וואָס גיבן מיר קיין רו ניט. נאָך ביז איצט קיין ענטפער ניט באַקומען. אַלע דורך מיר באַזוכטע אַנשטאַלטן זײַנען זייער ענלעך אין זייערע יסודות. יעדער איינער שטרעבט צו מאַכן שענער, זאַטער און בעסער באַקליידן די קינדער. עפּעס פיל איך ניט אין אייער היים די דאָזיקע יסודות. זייט ניט אויף מיר ברוגז, איך מיין אייך, חלילה, ניט צו באַליידיקן. אָבער פאַר וואָס לייגט איר אַזוי ווייניק אַכט אויף דער אויסערלעכקייט?

— די אויסערלעכע שיינקייט מוז וואַקסן צוזאַמען מיט דער אינער־לעכער — האָב איך געענטפערט — אויב ניט, שאַפט עס אַ דיסהאַרמאָניע. אַ זייער שיינע שטוב מוז מען פּוצן, מ׳מוז אויסווישן לאַנג די פיס איידער מ׳גייט אַריין אין דער דירה, מען מוז גוט אַרומוואַשן דעם גוף, כדי אָנטאָן שיינע, ריינע וועש, עסן מיט אַ גאָפּל און מעסער ביי אַ פיין געגרייטן טיש אאַז״וו. אונדזערע קינדער זײַנען נאָך ווייט פון דעם. עס וועט זײַן פאַר זיי אַן איבעריקער באַלאַסט, וואָס זיי וועלן ניט וועלן שלעפּן. מיר דערגייען דערצו שטופּנווייז. קיין זאַך ניט אָנוואַרפן מיט געוואַלד. זיי האָבן בלויז ניט לאַנג אָנגעהויבן צו וואַשן די ציין, נאָך דעם ווי מיר האָבן דורך אַ מיקראָ־סקאָפּ געוויזן, וואָס עס געפינט זיך אויף די ציין. איך האָף, אַז זיי וועלן מיט דער צייט אויך דערגיין צו שיינקייט.

מלחמה — באַפרייאונג

די וואָרעמע און דערהויבענע שעהען מיט די קינדער זיינען איבערגעריסן געוואָרן דורך די דייטשישע באָמבעס אַזוי פּלוצים און אומדערוואַרט און געבראַכט מיט זיך טויטשרעק אין די הערצער פון די קינדער.

מיר האָבן אַליין ניט געוווּסט וויפל וואַרעמקייט און אינטימקייט מיר האָבן אויפגעוועקט במשך פון די פיר יאָר אַרבעט מיט די קינדער צו זייערע אומגליקלעכע עלטערן. די קינדער האָבן פאַראַכט זייערע עלטערן, באַשול־דיקט זיי אין אַלע זייערע יסורים; אָבער שוין בעת דער באָמבאַרדירונג איז דאָס ערשטע וואָרט זייערס געווען:

— ווער ווייסט וואָס ס׳טוט זיך מיט מיין משפחה!

איניקע קינדער זיינען געלאָפן זוכן אַ נאָענטן משפחה־מענטש אין סאַמע פייער פון דער באָמבאַרדירונג. אַנדערע האָבן צוגעוואַרט ביז עס האָט זיך אַ ביסל באַרויִקט. די „היים״ איז געוואָרן פּוסט. ניט געווען קיין צייט צו קומען אַפילו זיך געזעגענען. די אַלע וואָס זיינען מיטגעלאָפן מיט דער רויטער אַרמיי האָבן אין גרעסטן טייל זיך געראַטעוועט. אַלע אַנדערע, וואָס האָבן געוואַרט אויף זייערע משפחות, זיינען אומגעקומען צוזאַמען מיט זיי.

איך בין אַוועק צו מיין מאַן. מיר האָבן געפּרוּווט זיך איינפּאַקן און אויך געוואָלט זיך לאָזן אין וועג אַריין. עס זיינען געקומען צו אונדז אונדזערע פּוילישע און ליטווישע פריינד, פאַרלייגנדיק אויסצובאַהאַלטן אונדז ביי זיי. זיי האָבן אונדז ממש געצוווּנגען צו גיין מיט זיי. אויפן וועג האָבן אונדז פאַרכאַפּט פרישע באָמבאַרדירונגען און דער גערויש פון דייטשישע טאַנקען. דער נאָענטסטער וועג האָט געפירט צו אונדזער פריינד קאַזיס באַרוטאַ — איינער פון די גרעסטע פּאָעטן אין ליטע.

אַ דאַנק אים און אַנדערע אַזעלכע ווי ער, וועלכע האָבן מיך אויסבאַ־האַלטן פון די אַכזריותדיקע דייטשע מערדער האָב איך נאָכן נצחון פון דער רויטער אַרמיי זיך צוריקגעקערט אין מיין געליבטער שטאָט ווילנע. די שטאָט איז געלעגן אין חורבות, ווי זי וואָלט געוויינט נאָך אירע אַכציק טויזנט אומגעבראַכטע יידן

מיר, לעבנגעבליבענע, זיינען ווידער געשטאַנען פאַרן שווערן און

וויכטיקן פּראָבלעם: צונויפזאַמלען די ניצול־געוואָרענע קינדער. די לערערין ליכטענשטיין איז שוין געשטאַנען ביי דער אַרבעט — זי האָט שוין געהאַט אויפגעזוכט די רעשטלעך פון אונדזער אויסגעהרגעטן פאָלק — די געראַטעוועטע יידישע קינדער, וועלכע האָבן געבלאָנדזשעט אין די וועלדער אַרום ווילנע. די נאַקעטע, פאַרבלוטיקטע קינדער האָבן געוועקט רחמנות ביי איינציקע קריסטן, וואָס האָבן זיי געגעבן אַ צייטווייליקע היים.

די לערערין ווילדשטיין איז אַרומגעלאָפן און צונויפגעזאַמלט די דאָזיקע קינדער. בעת מיין צוריקקומען קיין ווילנע זיינען שוין דאָרט געווען אַ פּאָר צענדליק קינדער. כ׳האָב זיך גלייך געשטעלט צו דער אַרבעט און במשך פון אַ קורצער צייט זענען אין אונדזער היים שוין געווען אַרום 120 קינדער.

ניט געקוקט וואָס פון יענער צייט (1944) טיילן אונדז אָפּ 22 יאָר, האָב איך נאָך ניט געפונען די געהעריקע רו וואָס איז נייטיק, שריפטלעך צו באַאַרבעטן אַזאַ שווער און וויכטיק חינוך־געביט. כ׳האָף אָבער עס נאָך צו טאָן.

מיין ערשטע באַגעגעניש מיט יאַשקען אין ארץ־ישראל

ווען איך האָב זיך צוריקגעקערט פון תל־אביב אין קיבוץ אַריין האָט מיך באַגעגנט מיין שכנטע מיט אַן אויסגעשריי:

— אוי, תהילה, נעכטן האָט איר געהאַט אַזאַ טייערן גאַסט, אַ שילער אייערער פון ווילנע. ער האָט זיך דערוווּסט אויף דער אזכרה פון די ווילנער, אַז איר לעבט, איז ער געקומען צו לויפן אין איין אָטעם און צום סוף אייך ניט געפונען. ער איז געווען אַזוי אַנטוישט און פול מיט צער. ער האָט מיר איבערגעלאָזן אַ בריוועלע פאַר אייך.

אין בריוועלע שרייבט יאַשקע, אַז ער איז געלאָפן אַ גליקלעכער און גייט אַוועק אַן אַנטוישטער, ווייל ער האָט מיך ניט געפונען. ער גלייבט אָבער, אַז איך וועל אים טאָן די טובה און קומען צו אים קיין דימונה, וווּ ער לעבט מיט זיין משפחה און אַרבעט אין אַ פאַבריק. ווי נאָר איך האָב איבערגעלייענט זיין בריוו, האָב איך זיך גרייט געמאַכט צו פאָרן אים זען.

צו מאָרגנס גלייך אין דער פרי בין איך אַרויסגעפאָרן און 11 אַ זייגער שוין געווען אויפן אָרט. יאָשקע און זיין פרוי זיינען געווען ביי דער אַרבעט. אַ שכנטע האָט מיך איינגעלאַדן צו זיך ביז דער זון וועט קומען פון שול. זיצנדיק אַזוי האָט זי מיר דערציילט, אַז זיי לעבן זייער שיין, אַז זיי האָבן צוויי קינדער, איינער פון יאָשקען און דער עלטערער זון איז פון איר ערשטן מאַן. זי האָט מיר אויך דערציילט, אַז יאָשקע האַלט אים ווי אַן אייגן קינד און דער זון האָט אים ליב ווי אַ טאַטן. 12 אַ זייגער איז אָנגעקומען יאָשקעס זונעלע פון שול און בעת ער איז אַריינגעקומען נאָכן שליסל האָט אים די שכנטע דערציילט, אַז איך בין זייער גאַסט, די אַמאָליקע לערערין פון זיין פאָטער. דאָס קינד האָט מיך איינגעלאַדן אין שטוב און מיר דערציילט, אַז ער ווייסט פון מיר, אַז דער פאָטער רעדט אָפט וועגן מיר.

צבי האָט מיר דערציילט וועגן זיינע שוועריקייטן אין שול, אַז ער האָט ליב צו אַרבעטן און ניט צו לערנען אַזוי פיל, אַז ער קען צענעמען אַ ראָווער און אים צוזאַמענשטעלן, אַז ער קען אַלץ פאַרריכטן, אָבער לערנען איז אים שווער.

צוויי אַ זייגער איז אָנגעקומען יאָשקעס פרוי פון דער אַרבעט. ווען זי האָט דערהערט ווער איך בין, האָט זי מיך האַרציק אויפגענומען און גע־קושט. זי האָט דערביי צוגעגעבן, אַז יאָשקע זאָגט, אַז דאָס איז געווען זיין מאַמע, וועלכע האָט אים געשטעלט אויף די פיס. ווען יאָשקע איז אַריין אין שטוב און האָט מיך דערזען איז ער בלאַס געוואָרן און פון די אויגן האָבן זיך אָנגעהויבן גיסן טרערן און קיין איין וואָרט האָט ער ניט געקענט אַרויסברענגען פון זיין מויל. ווען ער איז געקומען צו זיך האָט ער געזאָגט, אַז די איינציקע, וואָס איז אים געבליבן אין לעבן בין איך, אַז אַלע זיינען אים אומגעקומען. ער האָט געהאַלטן מיינע הענט און אין גאַנצן געציטערט פון איבעראַשונג. ער האָט אַפילו ניט געפילט, אַז כ'שטיי די גאַנצע צייט און ער לאָזט זיך מיר ניט אַוועקזעצן. זיין פרוי האָט אים דערמאָנט וועגן דעם, האָט ער זיך אויפגעכאַפּט ווי פון אַ חלום און זיך אַנטשולדיקט.

ווען מיר האָבן זיך שוין אַוועקגעזעצט, איז זיין ערשטע פראַגע געווען:

— לערערין, צי וועט איר מיר אַ מאָל מוחל זיין פאַר די צרות, וואָס כ'האָב אייך אָנגעטאָן?

— איך בין קיין מאָל ניט געווען אין כעס אויף דיר און האָב דיר ניט וואָס מוחל צו זיין.

דערוויַיל דערמאָנט ער זיך, אַז ער האָט מיר נאָך ניט פאָרגעשטעלט זיין משפחה. מיר שליסן באַקאַנטשאַפט מיט זיין פרוי און ביידע זין. די פרוי דערציילט מיר, אַז זי האָט שוין אַזוי פיל געהערט וועגן מיר, אַז איר דוכט זיך, אַז זי רעדט מיט אַן אַלטער באַקאַנטער. מיר האָבן זיך אַרומגע־זעצט אַרום טיש. דאָס דירהלע איז געווען געמיטלעך, אויפן טיש איז באַלד אַרויפגעשטעלט געוואָרן פון כל טוב. די פרוי קוקט אונדז ליבלעך אָן און פרעגט יעדעס מאָל, אפשר עפעס נאָך ברענגען.

— לערערין, איך קען אייך ניט דערציילן וואָס אין מיין האַרצן טוט זיך איצט. מיט מיין אייגענער מאַמען וואָלט איך זיך מערער ניט געפרייט. וואָס האָט מיר אייגנטלעך געגעבן מיין מאַמע, אויסער קללות?

— וואָס האָט דיין מאַמע געהאַט אין איר לעבן מער ווי הונגער, קעלט און באַליידיקונג?

יאָשקעס מוטער איז געווען כמעט בלינד. פון אירע פיר קינדער זיינען דריי געווען האַלב בלינד. ניט געקענט זיך לערנען אין קיין שול און אויך ניט קיין פאַך. זיין פאָטער האָט פאַרלאָזן זיין מוטער גלייך נאָכן ערשטן קינד און אַוועק לעבן מיט אַ גאַסנפרוי. זי, מיט איר משפחה זיינען געבליבן אָן שום מיטלען צום לעבן. שוין צו פיר, פינף יאָר האָט זי אַרויסגעשיקט יאָשקען, איר עלטסט קינד, זוכן ברויט פאַר דער משפחה. דער פאָטער פלעגט קומען איין מאָל אין אַ יאָר אויף עטלעכע טעג, לאָזן דער פרוי שוואַנגערנדיק און ווידער אַוועקגיין. דער הונגער האָט באַרעכטיקט אַלע וועגן. יאָשקע האָט זיך געראַנגלט ווי אַ פיש אויף דער יבשה, זיך געוואָרפן פון איין וועג צום אַנדערן. צו 11 יאָר איז שוין יאָשקע געווען איבער 60 פראָצענט בלינד און האָט ניט געקענט לערנען קיין פאַך. ער איז געווען שטענדיק דערדריקט און אין כעס אויף דער גאַנצער וועלט. ניט פאַר־מאָגט קיין זכר פון גלויבן אין מענטשן. ער האָט אַלע מאָל געטראַכט, אַז מ'וויל אים אָפּנאַרן, אויסלאַכן, און איז כסדר געווען גרייט צום קאַמף. יאָשקע האָט געהערט צו דער ערשטער גרופּע קינדער, וועלכע איך האָב

איינגעלאַדן צו זיך, ממש פון גאַס, כדי צו זוכן צוזאַמען מיט זיי אַ בעסערן לעבנסוועג.

הגם יאַשקע האָט זיך געניײטיקט אין אַ היים מער ווי אַ סך אַנדערע קינדער, האָט ער אָבער ניט געגלייבט, אַז אַזאַ היים קען געשאַפן ווערן. ווען מיר האָבן זיך שוין אָנגעהויבן צוזאַמענקומען אין קלוב און אָרגאַני־זירט דעם בשותפותדיקן אונטערבויט, האָט זיך יאַשקען אַלע מאָל געדוכט, אַז זיין שטיקל ברויט איז קלענער און זיין טיי איז ביטערער. אין סטאָליערײַ האָט ער צוליב זיינע אויגן ניט מצליח געווען, פלעגט ער אַלע מאָל באַ־שולדיקן עמעצן, אַז מ׳האָט אים ניט געגעבן די גוטע זעג, אַז זיין ברעט איז אַן ערגערס. אַט אַזוי זיינען טאָג־איין, טאָג־אויס געווען צוליב אים קריגע־רייען און אָפט אַפילו געשלעגן ביז בלוט. ער האָט אַזוי דערעסן די יינגלעך, אַז זיי זיינען גרייט געווען אים אַוועקצולייגן. יאַשקע האָט ניט געהאַט קיין קאָאָרדינאַציע אין די הענט, און וואָס ער פלעגט נעמען אין האַנט פלעגט אים אַרויספאַלן, אָפט צעבראָכן ווערן און ביי אונדזער דעמאָלטיקער אָרעמ־קייט איז יעדער שאָדן געווען אַ גרויסע איבערלעבונג. די חברה פלעגט רעאַגירן זייער שלעכט אויף זיין אומגעלומפּערטקייט, ניט קוקנדיק אויף מיינע אויפקלערונגען, אַז ער איז דערין ניט שולדיק.

יאַשקע האָט זייער ליב געהאַט פאַרצושטעלן, זינגען און הערן וויצן. קינאָ און טעאַטער איז געווען זיין גרעסטע ליידנשאַפט. מיר פלעגן שפּאָרן פון עסן און קליידונג, אַבי געניסן כאָטש איין מאָל אַ וואָך פון דעם תענוג. יאַשקע האָט אויך ליב געהאַט דעם טאָג, ווען ס׳פלעגן קומען זיינע יאַטן פון דער אונטערוועלט. דאַן פלעגט ער זיך שפּירן מעשה באַלעבאָס, געווען פריילעך, דערציילט וויצן. ניט איין מאָל פלעגט יאַשקע האָבן האַרצווייטיק, הערנדיק וועגן זייערע דערפאָלגן אינעם גאַסנלעבן, אָבער פאַרלאָזן אונ־דזער היים האָט ער קיין כוח ניט געהאַט. נאָך יעדן באַזוך פון אַזאַ חברה, פלעגט יאַשקע קומען צו מיר מיט טענות:

— איר זעט, לערערין, זיי שטעלן טאַקע אין די פרייהייט, אָבער ווען עס געלינגט זיי לעבן זיי ווי פריצים: פרעסן דאָס בעסטע, ווי חזירים, טרינקען וואָס דאָס האַרץ גלוסט, גייען אַלע טאָג אין קינאָ און מיר, וואָס האָבן מיר, חוץ אונדזער אָרעמקייט? כדי צו גיין איין מאָל אַ וואָך אין קינאָ

אָדער טעאַטער, דאַרף מען זיך אָפּט אָפּזאָגן אַפילו פון דעם פּיצל פלייש.

— אָט דאָס, יאָשקע, איז דער וועג פון אַן ערלעכן מענטשן. דער וועג איז שווער און מיט דעם וועג גייען נאָר שטאַרקע מענטשן. ווער עס קען ניט באַקעמפן זיין ווילן צו באַפרידיקן זיינע אַלע באַגערן, ניט רעכענענדיק זיך מיט וועלכע וועגן, דער בלייבט אונטן אין אָפּגרונט. איך האָס זיי ניט און באַשולדיק זיי ניט, זיי זיינען שוואַך און קענען ניט נעמען אויף זיך אַזאַ שווערן אָבער בכבודיקן וועג. אַלע אונדזערע ייִנגלעך האָבן פון פריִער געוווּסט, ווי שווער דער וועג איז, אָבער זיי ווילן אויספּרוּוון זייערע כוחות, אפשר וועט זיי דאָך געלינגען אויסצוהאַלטן דעם פּרוּוו. איך בין ניט זיכער, צי אַלע וועלן אויסהאַלטן דעם פּרוּוו, אָבער דער ווילן צו גיין אין שפּאַן און נעמען אויף זיך אַלע שווערע פליכטן איז אויך אַ גבורה. מיר זיינען שוין אַ גאַנץ גרויסע משפּחה און אַלע מאָל איז דער כוח פון אַ קאָלעקטיוו שטאַרקער ווי דער כוח פון אַ יחיד. מיר וועלן זיך העלפן איינער די אַנדערע און ניט לאָזן פאַלן די שוואַכע.

— אוי, לערערין, וואָס מאַכט איר זיך נאַריש, צי זעט איר דען ניט, אַז שייקע איז שוין אַ יאָר אין אונדזער היים און אָט האָט ער ווידער געגנבעט, אַפילו פון אַן איינגענער חברה. ער ווייס דאָך ווי שווער עס איז אונדז אָנגעקומען צונויפצושלעפּן אַ ביסל געצייג, גייט ער און נעמט צו אַ צווענגל. איך מוז אייך זאָגן, לערערין, אַז איך האָב ממש געהאַט נחת צוצוקוקן ווי חברה האָט אים אַריינגעוואָרפן הייסע קלעפּ ביז בלוט. ער האָט זיך געוואַלגערט אַ פאַרבלוטיקטער און קיינער האָט ניט געוואָלט צוגיין אים העלפן, זיך געמיאוסט צוצוגיין צו אים, ווי צו אַ קרעציקן הונט. ער האָט דאָך אַפילו ניט די מאָראַל פון אַ גנב. אַ שאָד, לערערין, וואָס איר זענט צו פרי אָנגעקומען, חברה וואָלט אים צעטראָטן ווי אַ שפּין.

— איך פאַרשטיי, יאָשקע, אייער אויפרעגונג, אָבער איך קען בשום אופן ניט מסכים זיין מיט אייער האַנדלונג. אייער אויפרעגונג איז געווען אַ מענטשלעכע, אָבער אייער האַנדלונג איז געווען זייער ברוטאַל. ניט אַזוי דערציט מען אַ חבר. אַפילו די פּאָליציי דערלויבט זיך ניט אַזוי צו באַשטראָפן פאַר זינד, ווי איר האָט זיך דערלויבט.

— לערערין, איר מוזט זיך אָפּזאָגן פון אייער האָפענונג אונדז צו מאַכן פאַר מענטשן, מיר זיינען שוין צו פיל איבערגעפירט.

— ווען איך זאָל ניט גלייבן אין אייער כוח, וואָלט איך ניט אָנגעהויבן מיין אַרבעט. איך ווייס גאַנץ גוט, אַז ניט אַלע וועלן דערגיין צום ציל.

— ווי מיינט איר, לערערין, איך וועל דערגיין ביזן סוף? ,

— כ׳בין כמעט ווי זיכער, אַז יאָ!

— אוי, לערערין, צו וואָס בייערט איר (זאָגט ליגן) איך ווייס דאָך, אַז איר האַלט ניט פון מיר, און פאַר וואָס טאַקע יאָ האַלטן: ניט געלערנט, ליימענע הענט צו דער אַרבעט, צו וואָס טאַקע האַלט איר מיך דאָ?

— אין דער מענטשלעכער געזעלשאַפט זיינען פאַראַן און זיינען אַלע מאָל געווען פאַרשידענע מענטשן, און יעדער איינער טראָגט אַריין לעבן און נוצן לויט זיינע מעגלעכקייטן. אָט, למשל, דו, וועסט מיט גרויס הצלחה פאַר־קויפן די סחורה וואָס מיר וועלן אויסאַרבעטן.

יאָשקע גיט אַ פאַרבאַהאַלטענעם שמייכל, כלומרשט צופרידן, אָבער די צופרידנקייט דויערט בלויז עטלעכע מינוט און באַלד געפינט ער ווידער מיט וואָס צו זיין אומצופרידן. אָט אַזוי האָט זיך געלעבט יאָשקע און זיך געראַנגלט מיט זיין צער און פעלן פון גלויבן אין זיינע כוחות, און נאָר בלויז געציילטע מינוטן האָט ער געפונען זיין אָפּרו אין אַ דינעם שטראַל פון פרייד און האָפענונג, וועלכע האָבן זיך אים געוויזן בעת דער פאַר־שטעלונג, אָדער נאָך אַ גוטן פאַרקויף פון אונדזער סחורה.

מיט גרויסע שוועריקייטן האָט זיך יאָשקען איינגעגעבן אויסצולער־נען שרייבן, לייענען א צייטונג אָדער אַ לייכט ביכל מיט גרויסע אותיות, אַלע פיר אָפּעראַציעס פון חשבון, אפילו פאַרריכטן אַ קליינעם פעלער אין אַ בענקל אָדער טיר. דאָס האָט ביסלעכווייז געהויבן דעם גלויבן אין זיינע כוחות, אָבער ער האָט דאָס קיין מאָל ניט אַנטפּלעקט.

ווען די מלחמה האָט זיך אָנגעהויבן איז שוין יאָשקע אַלט געווען 15 יאָר. די שרעק, אַז עס גייט דער דייטש און וועט פאַרניכטן אַלע יידן, האָט צעיאָגט די קינדער אין פאַרשידענע וועגן. ווער ס׳איז געלאָפן זיך ראַטעווען מיט דער מאַמען, מיט אַ שוועסטער, און ווער עס האָט פון שרעק פאַר־געסן אין אַלעמען און געלאָפן, ניט וויסנדיק אַפילו וווהין. פאַרשטייט זיך,

אַז יאַשקע האָט געהערט צו דער לעצטער גרופּע. ער איז געלאָפן נאָך דער רויטער אַרמיי. די זעלנער האָט מען אָבער אויפגעקליבן אין לאַסטוואָגנס און די בירגער זיינען געבליבן לויפן אונטער אַ האָגל פון דייטשע באָמבעס. שווער איז געווען דער וועג פון אַ האַלב בלינד קינד, אָן געלט, אָן פּראָ־דוקטן און אָן וואַרעמע מלבושים. יאַשקע דערציילט, אַז די שרעק האָט אים געגעבן פליגל און ער איז הונדערטער קילאָמעטער געלאָפן מיט פאַר־וווּנדעטע פיס. די שיך זיינען געווען צעפּלאַצט און צוגעקלעפּט צו די ווונדן און זיי געריבן. וואָכן לאַנג ניט אַראָפּגענומען זיי פון די פיס. אַפילו וואַסער איז געווען אַ פּראָבלעם און מ׳פלעגט זיך וואַרפן צו יעדן רינשטאָק, כדי צו שטילן דעם פּיינלעכן דורשט. „איך האָב אַליין ניט געוווּסט ווי שטאַרק איך בין געווען. הונדערטער מענטשן זיינען געפאַלן ווי די פליגן און איך האָב אויסגעהאַלטן. ווען איר, לערערין, וואָלט געזען וואָס עס האָט זיך געטאָן אויף די וועגן, וואָלט איר פון צער ניט אויסגעהאַלטן. קינדער זיינען אויסגעגאַנגען אין די אָרעמס פון די עלטערן, מוטערס זיינען אומגעקומען, איבערלאָזנדיק אויף די וועגן זייערע קליינע קינדער, וואָס זיינען צעטראָטן געוואָרן דורך די מחנות מענטשן, מאַשינען און זעלנער. די פאַרצווייפלטע געשרייען זיינען געגאַנגען ביזן הימל. איצט זע איך, אַז אונדזערע יאַטן זיינען טאַקע שטאַרקע. אַלע, וואָס זיינען אַנטלאָפן האָבן זיך געראַטעוועט. אומגעקומען זיינען נאָר די, וואָס זיינען געבליבן נעבן זייערע עלטערן, וועלנדיק זיי העלפן זיך ראַטעווען. ווער, מיינט איר, לערערין, האָט בעסער געטאָן, די, וועלכע זיינען געלאָפן, ניט טראַכטנדיק וועגן קיינעם און זיינען לעבן געבליבן, אָדער די, וועלכע זיינען געבליבן העלפן זייערע נאָענטע און זיינען אומגעקומען צוזאַמען מיט זיי?“

— שווער, יאַשקע, צו ענטפערן אויף אַזאַ פראַגע. דו פאַרשטייסט דאָך ווי גליקלעך מיר זיינען מיט יעדן געראַטעוועטן לעבן, אָבער ס׳איז ניט אָפּצושאַצן די גרויסקייט פונעם געפיל פון ליבע צו אַ נאָענטן, פאַר וועמען מ׳איז גרייט אָפּצוגעבן דאָס לעבן.

— לערערין, איר טראַכט געוויס וועגן מיר, אַז איך בין געווען און געבליבן אַן אוממענטש?

— ניין, יאַשקע! וועלן לעבן איז אַ מענטשלעך געפיל און איך בין

גליקלעך, וואָס דו ביסט געבליבן לעבן. ערשט וועסטו נאָך קענען אַ סך גוטס טאָן אין לעבן, פֿאַר דיין פרוי, פֿאַר דיינע קינדער און פֿאַר מענטשן בכלל.

— איין גאָט ווייסט ווי שווער איך אַרבעט, כדי צו פֿאַרדינען מיין ברויט און קענען פירן מיינע קינדער אין גוטן וועג. הלוואי וואָלט עמעצער פֿון מיין משפּחה געבליבן לעבן, איך וואָלט זיך מיט זיי געטיילט מיטן לעצטן ביסן. ניט באַשערט געווען זיי צו האָבן אַפֿילו איין גוטן טאָג אין לעבן.

יאַשקע פֿאַרטראַכט זיך פּלוצים, שווייגט אַ ווײַלע, פֿאַררויטלט זיך און זאָגט אומדרייסט:

— אוי, לערעריך, ווען איר לאָזט מיך טאָן עפּעס גוטס פֿאַר אייך, וואָלט איך געווען דער גליקלעכסטער אויף דער וועלט.

— דיין ווילן, יאַשקע, איז פֿאַר מיר אַ גליק, וואָס נאָך דאַרף איך?

— איך וויל, אַז איר, לערעריך, זאָלט מיט אייער זון לעבן ביי מיר און ניט האָרעווען אַזוי שווער אין קיבוץ. איך שווער אייך, עס וועט סטייען פֿאַר אונדז אַלעמען.

— יאַשקע, איך בין נאָך צו שטאַרק און אַרבעטספֿעיִק, כדי זיך אַוועקצוזעצן אויף עמעצנס פּלייצעס. דו געדענקסט דאָך, מן הסתם, מיין געדאַנק פֿון אַלע מאָל, אַז אַ מענטש קען זיין גליקלעך נאָר דאַן ווען ער פֿילט, אַז ער קען נאָך ברענגען נוצן אין לעבן.

דריי טעג האָב איך געמוזט בלייבן ביי זיי, ניט געקענט זיך שיידן. נאָכן געזעגענען זיך, האָבן מיר אָפּגערעדט, אַז יום־טוב פֿאַרברענגען זיי ביי מיר אין קיבוץ.

מיין ערשטע באַגעגעניש מיט אַרקען אין ארץ־ישראל

ווען איך האָב זיך באַגעגנט דאָס ערשטע מאָל מיט צדוקן אין לאַנד, האָט ער מיר דערציילט, אַז אויך אַרקע איז דאָ אין לאַנד. אַ פֿרייטיקדיקן טאָג האָבן מיר פֿאַרבראַכט ביי צדוקן און שבת אין דער פֿרי זיך אַוועקגעלאָזט צו אַרקען. ער האָט געוווינט ניט מער ווי 15 קילאָמעטער פֿון

צדוקן. ער איז געקומען אין לאַנד פריִער ווי צדוק און געפינט זיך שוין אין לאַנד 13 יאָר.

ווען צדוק איז אָנגעקומען אין לאַנד האָט ער גלייך געפונען אַ היים ביי אַרקען. ער האָט זיך געפילט ביי אים ווי ביי אַ ליבלעכן ברודער. צדוק דערציילט, אַז ווען ער איז געגאַנגען קויפן זיין געשעפט האָט אים אויסגע־פעלט 150 דאָלאַר. ער האָט אַרקען וועגן דעם ניט געוואָלט דערציילן און זיך געווענדט צו זיינע פריינד, מיט וועלכע ער איז געווען צוזאַמען אין דייטשלאַנד און צוזאַמען דאָ אָנגעקומען. זיי האָבן געהאַט געלט ווי בלאָטע, אָבער אויסלייען אַזאַ סומע האָט זיך קיינער ניט געאיילט. ער איז אַרומגע־גאַנגען אַ פאַרזאָרגטער און ניט געקענט זיך קיין עצה געבן. אַרקע האָט באַמערקט זיין שווערע שטימונג און איז צוגעשטאַנען צו אים ער זאָל אים זאָגן, וואָס אים קוועלט. צדוק האָט געוווסט, אַז אַרקע האָרעוועט פון דריי אַ זייגער ביינאַכט און שלאָגט קוים אויס זיין חיונה. אַרקע האָט פאַרקויפט גרינס אין זיין קליין שטעטל. אַרקע האָט זיך אָנגעזעצט אויף צדוקן און ער האָט אים דערציילט. ס'איז ניט אַוועק קיין האַלבער טאָג און אַרקע האָט שוין געהאַט אויסגעליִען ביי זיינע קונדן 150 דאָלאַר און זיי אים געבראַכט. צדוק איז געווען אַזוי איבעראַשט, אַז טרערן זיינען אים גערונען פון די אויגן.

— אָט דאָס, לערעריך, איז די גרעסטע און שענסטע ירושה, וואָס ס'איז אונדז געבליבן פון אונדזער קינדערהיים. אויב איך שטיי היינט אויף די פיס איז עס נאָר אַ דאַנק אַרקען

שבת אין דער פרי זיינען מיר אַוועק צו אַרקען.

אַ צוויי־צימערדיקע דירה, אָרעם מעבל: אַ פּאָר אייזערנע בעטלעך, אַ טישל מיט אַ פּאָר שטולן. אַ קראַנקע אָבער האַרציקע פרוי מיט צוויי ליבע, קליינע קינדערלעך, האָבן זיך אַרומגעדרייט אין שטוב. ווען מיר זיינען אַריין, איז אַרקע געלעגן און גערוט אויפן בעטל. ווען ער האָט אונדז דערזען האָט ער אַ געשריי געטאָן אויפן קול:

— לערעריך, ווי קומט איר דאָ? אויף אַזאַ טייערן גאַסט זיך גאָרניט געריכט. — מיר האָבן זיך לאַנג געדריקט די הענט, געהאַלדזט און ניט געקענט זיך אָנפרייען. ער האָט זיך גלייך געווענדט צו זיין פרוי און קינדער־

לעך און צו זיי געזאָגט: — אָט דאָס איז די לערערין, וועלכע האָט מיך אַרויסגעריסן פון מיין גאַסנלעבן און געטאָן אַלץ, כדי מיך צו מאַכן פאַר אַ מענטש.

מיר האָבן זיך באַקענט און די פרוי האָט אָנגעהויבן זיך פאָרען ביים גרייטן כיבוד. זי האָט ניט געאַרבעט, ווייל זי איז געווען קראַנק און ס׳איז איר פאַרגעשטאַנען אַן אָפעראַציע. אַרקע האָט געזאָרגט פאַר איר, ווי אַ גוטער טאַטע, כאָטש ער איז יונגער געווען פון איר. נאָך יענעם באַזוך זיינען אַוועק אַ סך יאָרן, און אָט האָב איך זיך ווידער אויסגעקליבן באַזוכן מיינע קינדער. איך האָב פאַרגעסן דעם געניַיעם אַדרעס און געפאָרן אין שטעטל, טראַכטנדיק, אַז אפשר וועט עמעץ מיר אָנווייזן זיין דירה. פאָרנדיק אין אויטאָבוס האָב איך געפרוווט אַ פרעג טאָן אַ פרוי, וואָס איז געזעסן נעבן מיר, אפשר ווייסט זי ווו עס וווינט אַרקע, וואָס פאַרקויפט גרינוואַרג. מיט אַ ברייטן שמייכל האָט זי מיר געענטפערט, אַז אַרקען קענען אַלע. דאָס איז דער בעסטער מענטש, וואָס זי האָט ווען עס איז געטראָפן. זי דערציילט מיר, אַז ער איז אַ געקוועלטער מענטש, אָבער רייך אין גוטסקייט. כדי עס צו באַשטעטיקן זאָגט זי מיר, אַז עס טרעפט אָפט ווען מ׳דאַרף אים באַצאָלן, און קיין געלט איז ניטאָ, איז אָנשטאָט זיך בייזערן, ווי עס טוען דאָס אַנדערע, טרייסט ער מיך: „דאגהט ניט, איר וועט האָבן וועט איר באַצאָלן״. מיר ווייסן, זאָגט זי, אַז ער קען ניט וואַרטן, ווייל ער האָט ניט קיין אייגענעם קאַפּיטאַל, אָבער זיין גוטסקייט שטייגט איבער זיינע מעגלעכקייטן.

איך האָב זיך צוגעהערט און דאָס האַרץ איז מיר געוואַקסן פון פרייד. איך האָב אַלע מאָל געוווסט, אַז ער איז אַ גוטע נשמה, אָבער איך האָב זיך ניט געריכט, אַז נאָך אַזוי פיל שווערע יאָרן אויפן פראָנט, יאָרן פון הונגער און עלנט, וועט ער קענען בלייבן דער זעלבער האַרציקער מענטש. נאָך אַלס קליין ייִנגל ווען אַרקע האָט געפּאַכעט מיטן מעסער און ניט איין מאָל, אין אַ מאָמענט פון צעיושעטקייט, האָט ער פאַרגאָסן בלוט, איז ער גלייך נאָכן באַרויִקן זיך גרייט געווען די נשמה אָפּגעבן דעם זעלבן, וועמען ער האָט ערשט ניט לאַנג אַזוי אַכזריותדיק געשלאָגן. דאָס איז אָבער געווען

די איינציקע ירושה פון זיין טאַטן. מער האָט זיין טאַטע אים ניט געלערנט, ווייל דאָס איז געווען זיין אייגן לעבן.

איידער איך בין געקומען אין שיכון, ווו ער האָט געוווינט, בין איך פריִער אַריין אין אַ שפּייז־קראָם, וואָס גֿעבן זיין שטוב, כּדי דאָרט זיך עפּעס דערוויסן. ווען כ'האָב געפרעגט, ווו ער וווינט, האָט מיר דער קרעמער מיט אַ ברייטן שמייכל דערקלערט:

— ווער ווייסט דאָס ניט ווו עס וווינט אַרקע דער בעל־טובה? גלייבט מיר, פּרוי, אַז איך בין דריי מאָל רייכער פון אַרקען, ער איז אַ ייד אַן אָרע־מאַן, אָבער אין מצוות איז ער זיכער רייכער פון מיר. אַז מיר פעלט אַ מאָל אויס אַ הונדערטער אויסצוקויפן סחורה, וועל איך ניט גיין צו קיין איין גביר, נאָר צו אַרקען. ער וועט פון זיך אַוועקגעבן דאָס לעצטע אָבי אַ מענטשן אַ טובה צו טאָן. איין מאָל — דערציילט ער ווייטער — האָב איך אים געוואָלט באַדאַנקען מיט אַ 15 לירות פאַר די 150 לירות, וואָס איך האָב ביי אים געליִען, האָט ער זיך באַליידיקט און געזאָגט, אַז ער איז נאָך ניט גענוג רייך, כּדי צו פאַרקויפן זיין געוויסן פאַר געלט. מיר קוקן אויף אים ווי אויף אַ שטילן צדיק.

ווען איך בין אַרויף צו אים אין שטוב, איז ער ווידער געלעגן אַ מידער, אַן אויסגעדאַרטער, אויף זיין אייזערן בעטל און גערוט נאָך אַ שווערן אַר־בעטס־טאָג. ווען ער האָט מיך דערזען, האָט ער זיך תּיכּף אַראָפּגעכאַפּט פון בעטל און מיט אַן אויסגעשריי צוגעלאָפן צו מיר, געדריקט מיינע הענט און זיך געפרייט. די גאַנצע משפּחה איז זיך באַלד צוזאַמענגעקומען, זיך אַרומגעזעצט אַרום טיש און גענומען אַראָפּדערציילן אַלץ, וואָס נאָר אויפן האַרצן איז געווען. זיין פרוי איז שוין געווען נאָך דער אָפּעראַציע און גע־זאָגט, אַז זי פילט זיך בעסער. די קינדערלעך זיינען ווי אַלטע באַקאַנטע צוגעגאַנגען צו מיר, געפרעגט, וואָס עס הערט זיך אין קיבוץ, וואָס עס מאַכט מיין זון און דערציילט וועגן זייערע דערפאָלגן אין שול. דער שמועס איז געווען אַ לעבעדיקער. דער זון האָט מיך איינגעלאַדן צו זיין בר־מצווה, וואָס דאַרף פאַרקומען אין יולי. אַרקע האָט געבראַכט אַ טראַנזיס־טאָר, און אַ פאָטאָ־אַפּאַראַט, וואָס ער האָט איינגעקויפט פאַר די קינדער און דערביי צוגעגעבן, אַז זיינע קינדער פעלט גאָרניט. ער וויל ניט, אַז זיי זאָלן

דאַרפֿן מקנא זיין זייערע חברים און זוכן וועגן, ווי אַזוי עס צו דערגרייכן. ווי זייער פֿאָטער האָט אַ מאָל געטאָן.

— מיינע קינדער באַקומען יעדע וואָך טאַשנגעלט.

אויף מיין פֿראַגע, צי מיינט ער ניט, אַז ס'איז בעסער זיי זאָלן באַקומען דאָס וואָס זיי באַדאַרפֿן און ניט אַרומטראָגן זיך מיט געלט, האָט מיר אַרקע דערויף געענטפֿערט:

— נייך, לערעריך, אין שטאָט איז דאָס לעבן ניט ווי אין קיבוץ, וווּ אַלע קינדער האָבן דאָס זעלבע. אויב מיינע קינדער וועלן זען, אַז די שכנישע קינדער קויפֿן זיך אַ גלידה אָדער אַ פֿאַלאַפֿעל און זיי וועלן ניט האָבן די פּאָר גראָשן, וועלן זיי זיך פֿילן אומגליקלעך. מיך קענען זיי אין שטוב ניט געפֿינען ווען זיי דאַרפֿן מיך. איך וועל טאָן פֿאַר זיי אַלץ, זיי זאָלן ניט דאַרפֿן גיין אין מיינע אַמאָליקע וועגן.

דאָס יינגעלע האָט מיר געוויזן די פֿאָטאָגראַפֿיעס, וואָס ער מאַכט שוין אַליין מיט זיין נייעם אַפּאַראַט און האָט מיך געבעטן איך זאָל אים דערלויבן זיך צו פֿאָטאָגראַפֿירן. איך האָב איינגעלאַדן צוזאַמען מיט מיר די גאַנצע משפּחה. באַלד האָבן זיך אַלע אויסגעפּוצט אין די שבתדיקע בגדים און מיר זיינען אַראָפּ אין גערטנדל זיך פֿאָטאָגראַפֿירן. נאָך דעם איז מען אַרויף אין שטוב מאַכן אַ „לחיים" און צובייסן. אין דער דאָזיקער גאַנצער פּרימיטיווקייט איז געווען אַזוי פֿיל ברייטהאַרציקייט, אַזאַ ערלעכקייט, אַזאַ טיפֿע פֿרייד, וואָס איז זעלטן צו געפֿינען אין לעבן.

אַרקע איז זייער אויסגעדאַרט פֿון האַרעווען איבער די כוחות. איך האָב אים אַ פֿרעג געטאָן, צי ער איז ניט קראַנק. דערויף האָט ער מיר געענטפֿערט, אַז ער איז געזונט ווי אַ פֿערד.

— ווען איר, לערעריך, וואָלט געזען ווי איך האָב געקעמפֿט אויפֿן פֿראָנט, וואָלט איר אייערע אייגענע אויגן ניט געגלייבט. איך האָב זיך תמיד געריסן אויף דער ערשטער ליניע. איך האָב געוואָלט זען מיט מיינע אייגענע אויגן ווי די פּוליע לייגט אַוועק דעם בלוטיקן שונא פֿון אונדזער פֿאָלק. ווען אַ דייטשע פּוליע האָט מיר אַראָפּגעריסן צוויי פֿינגער, האָב איך נאָך מיט די לעצטע דריי פֿינגער געשאָסן. אַוועקשלעפּן מיך פֿון פֿראָנט האָט זיך איינגעגעבן ערשט דאַן ווען די צווייטע פּוליע האָט דורכגעריסן מיין זייט און

איך בין אומגעפאַלן. אוי, לערערין, ווען איר וואָלט געזען וויפל בלוט פון מיר איז אָפּגעפלאָסן, וואָלט איר געזאָגט, אַז איך בין אַ העלד וואָס איך לעב נאָך. ווען כ׳בין אַרויס פון שפּיטאָל איז שוין דער דייטש געלעגן אויף די לאַפּאַטקעס. דאָן האָב איך באַשלאָסן אַ קוק טאָן אויף מיין ווילנע. כאָטש מיר האָבן אַ סך געהערט, וואָס מ׳האָט געמאַכט מיט אונדזערע מענטשן, אָבער טיף אין האַרצן האָט נאָך געגליט אַ פונק, אפשר איז דאָך עמעצער פון די נאָענטע פאַרבליבן. ווען כ׳בין אָנגעקומען קיין ווילנע האָב איך זיך אַרומגעדרייט צווישן די בערג גרוז פון די חרוב געוואָרענע הייזער, ניט באַגעגענענדיק קיין איין ווילנער מענטש. ס׳איז מיר געוואָרן אַזוי קאַלעמוטנע אויפן האַרצן, אַז איך וועל זיך ניט שעמען אויסצוזאָגן, אַז איך בין געשטאַנען אויפן הויף פון גאונס קלויז און שטאַרק געוויינט. דאָרט פלעגט אָפּט שטיין מיין אומגליקלעכע מאַמע מיטן קאָשיקל געפּרוירענע עפּל. דאָרט פלעגט מיין שטומע שוועסטער אַרומלויפן און זיך מיט אַלעמען קריגן. זי האָט געוואָלט האָבן חברים און קיינער האָט זי ניט געוואָלט. זי פלעגט ממש רייסן שטיקער פון די קינדער, שפּייען אויף זיי. אָך און ווי איז געווען צו איר לעבן, אפשר איז פאַר איר דער טויט בעסער. דאָס האַרץ האָט אַזוי געבענקט נאָך עפּעס נאָענטס, כאָטש אַ ווילנער משוגענעם זאָל איך טרעפן. אויך זיי האָט מען אויסגעשאָכטן. איין מאָל הער איך אַזוי ווי מ׳רעדט יידיש, זיך צוגעהערט ווי מ׳זאָגט: „אפשר צוגיין אין דער יידישער קינדערהיים?"

איך בין צוגעגאַנגען צו זיי און געפרעגט וווּ עס געפינט זיך די יידישע קינדערהיים. זיי האָבן מיר געזאָגט דעם אַדרעס און מיר זיינען אַלע אַהין. אַ גאַנצן וועג האָב איך געטראַכט, אַז אויב די לערערין טילטשע לעבט ווער זי זיכער זיין דאָרטן. וווּ איז איר אָרט אויב ניט צווישן די אומגליקלעכע קינדער. אוי, לערערין, ווען איר זאָלט וויסן, וואָס עס האָט זיך געטאָן אין מיין האַרצן, ווען איך האָב אייך דערזען. איר געדענקט ווי מיר האָבן זיך ביידע געקושט, געוויינט, און ניט געקענט אויסריידן אַ וואָרט? מיר זיינען נאָך לאַנג געזעסן און געשוויגן און דערנאָך האָט איר מיר דערציילט ווי אייער מאַן האָט אייך געראַטעוועט און איצט האָבן די באָלשעוויקעס אים אַרעסטירט אָן אַ פאַרוואָס.

איך האָב אָנגעקוקט אַרקען, זיין וויכן, וואַרעמען בליק און פאַר מיינע

אויגן איז אויפגעשווומען דאָס יאָר 1944. כ׳האָב זיך דאַן אומגעקערט פון טיף ליטע, ווו איך בין געווען פאַרבאַהאַלטן אין די שרעקלעכע יאָרן פון דער דייטשער אָקופּאַציע. דערהערנדיק, אַז מיין ווילנע איז פריי, בין איך געלאָפן צו איר ווי צו אַ ליבער מאַמען. אָנגעקומען און געטראָפן בלויז אַ גרויסן בית־עלמין: חורבות, חורבות און קיין ווילנער מענטש זעט מען ניט אַפילו אויף אַ רפואה. כ׳בין אַריין צו אַ באַקאַנטער פּוילישער משפחה און זיך דאָרט דערוווּסט, אַז עמעצער זאַמלט צונויף די יידישע יתומים אין אַ היים, וואָס געפינט זיך אויף נאַבערעזשנע 12. איך בין גלייך אַוועקגעלאָפן אַהין און געפונען דאָרט די ווילנער לערערין ווילדשטיין, וועלכע איז געווען די איניציאַטאָרין פון אַט דער הייליקער מיסיע, אַ לערערין פון גלובאָק, וואָס איז געראַטעוועט געוואָרן דורך אַ פּוילישער גוטער משפחה. זלאַטע קאַטשערגינסקי, און אַ פּאָר צענדליק בלאַסע קינדערלעך, וועלכע האָבן זיך אַרומגעדרייט ווי שאָטנס אין די קאַלטע צימערן, אָן פענצטער. די לערערין ווילדשטיין, וועלכע איז געווען די פאַרוואַלטערין פון דער היים, האָט זיך דערפרייט מיט מיין אָנקום און שוין צו מאָרגנס בין איך געשטאַנען ביי דער אַרבעט. ניט לייכט געווען אָנצוּוואַרעמען די פאַרגליווערטע קינדערלעך, וועלכע זיינען ניט לאַנג צוריק אַרויס פון די גריבער, פון אונטער די טויטע קערפּערס פון זייערע עלטערן. זייערע אויגן האָבן געקוקט שטאַר אין חלל, אָן קיין שום אינטערעס צום לעבן. ניט וויינען און ניט לאַכן האָבן זיי געקענט. יעדער ענטפער, וואָס פלעגט קומען נאָך אַ פראַגע איז געווען קאַלט און גלייכגילטיק. אין די צימערן האָט געוואָיעט דער ווינט. אויף די הילצערנע נאַרעס זיינען געלעגן איינגעקאָרטשעטע גופימלעך אין זייער צער. ניט קיין גלעט און ניט קיין וואָרעם וואָרט האָט געקאָנט ווייך מאַכן זייער בליק. עס פלעגט זיך וועלן מיטן אייגענעם גוף זיי אויסהיטן פון האַרב־סטיקע ווינטן און קעלטן. די לערערין קאַטשערגינסקי, וועלכע האָט אויך דורכגעמאַכט דעם גרויל פון געטאָ, האָט פאַר זיי געזונגען לידער, לידער פון נקמה און נצחון, לידער פון מענטשלעכע ליידן און פיין און די קלאַנגען פון דער מאַנדאָלינע פלעגן מיטווייינען צוזאַמען מיט איר געזאַנג. עס האָט זיך געוואָלט אַרויסרופן, וועלכע ס׳איז רעאַקציע. יעדער האָט געפרעגט: „ווען וועלן מיר שוין דערהערן אַ קינדיש געוויין, אַ קינדיש לאַכן?״ אומ־

זיסט האָבן געוואַנדערט אונדזערע בליקן איבער די אויסגעלאָשענע קינ־דערישע אויגן.

צו אונדז אין היים פלעגן קומען יעדן טאָג צענדליקער יידן, ווילנער און פון אַנדערע פוילישע שטעט און שטעטלעך זוכן אַ קינד, ווער אַ שוועס־טער, אַ קרוב. אין איינעם אַ טאָג איז אַריין צו מיר אַרקע. מיר האָבן זיך געפרייט, געוויינט און געשוויגן. נאָך אַ קורצן שוויגן האָט ער מיך שטיל אַ פרעג געטאָן:

— שוין אַ סך קינדער אויפגעזאַמלט?

— אין גאַנצן אַ פּאָר צענדליק. דאָס זיינען קינדער לויט די יאָרן, אָבער זקנים לויט זייער פּסיכיק. קינדער, וואָס לעבן און טויט איז פאַר זיי דאָס זעלבע. קינדער, וועלכע האָבן פאַרגעסן ווי מ׳שמייכלט, ווי מ׳וויינט. קינדער, וואָס דער טויט האָט זיך איינגעקריצט אין זייערע בליקן. אומבאַ־האָלפן שטייען מיר פאַר זייער פאַרגליווערטקייט. יאָרן פון אונדזער לעבן וואָלטן מיר אָפּגעגעבן פאַר איין שמייכל זייערן.

— און וואָס הערט זיך ביי אייך אין שטוב? — פרעגט אַרקע.

— די שטוב ניט געפונען. גוטע פּאָליאַקן האָבן אונדז אַריינגעלאָזן אין אַ צימער. פלוצים האָט מען אַרעסטירט מיין מאַן אַן אַ פאַרוואָס.

— אוי, לערערין, מ׳מוז אים ראַטעווען, זיי וועלן אים אומברענגען, אַזאַ ערלעכן, גוטן מענטשן. זיי ווילן כאַבאַר, דעריבער אַרעסטירן זיי אומ־שולדיקע מענטשן.

— קיין כאַבאַר וועל איך זיי ניט געבן, ווייל אונדזער געוויסן איז ריין.

— אוי, לערערין, איר רעדט נאָך אַלץ די אַמאָליקע נאַיווע רייד? איר האָט דאָך געזען ווי אַזוי מענטשן זיינען גרויזאַם און איר גלייבט נאָך אַלץ אין גערעכטיקייט? מ׳מוז גלייך נעמען אַן אַדוואָקאַט.

שוין צו מאָרגנס 4 אַ זייגער נאָך מיטאָג איז געקומען אַרקע מיט 800 רובל און גערופן מיך צו אַן אַדוואָקאַט. איך האָב זיך אָפּגעזאָגט צו נעמען. ער האָט געשריגן אויפן קול, אַז איך האָב ניט קיין רעכט זיך אָפּצוזאָגן, ווייל ער גיט עס ניט פאַר מיר, נאָר פאַר אַ מענטשן, וואָס האָט אין אַ קאַלטן ווינטער־טאָג אויסגעטאָן פון זיך זיין מאַנטל און מיר אים אָנגעטאָן, ווען איך בין געקומען צו אייך אין איינעם פון די ווינטער־טעג. איך וועל עס קיין מאָל ניט פאַרגעסן.

איך האָב מער ניט געהאַט קיין רעכט זיך אָפּצוזאָגן. גלייך צו מאָרגנס בין איך טאַקע אַוועק צו אַן אַדוואָקאַט און אים געפרעגט, וואָס מ׳קען טאָן.

— איר געדענקט, לערערין, ווען איך האָב געבראַכט צו אייך אין שטוב מיין חברטע, וועלכע האָט געדאַרפט ווערן מיין פרוי, און איר האָט מיך אַ פרעג געטאָן צי איז זי ניט צו פיל קלוג פאַר מיר און צי מיינט זי טאַקע ערנסט צו פאַרבינדן זיך מיט מיר. איך בין נאָך אַלץ געווען קינדער־ריש און האָב איר געגלייבט, אָבער אין אַ קורצער צייט אַרום האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זי האָט צו טאָן מיט אַן אַנדערן. מילא, איך ווינטש איר ניט קיין שלעכטס, זאָל איר גוט זיין, אָבער בלייבן אין ווילנע האָב איך שוין מער ניט געקענט און בין אומלעגאַל אַוועק קיין פוילן. דאָרט האָט מען מיך געכאַפּט און מיך אַריינגעזעצט אין תפיסה. ווען ניט צדוק, ווער ווייסט וויפל צייט איך וואָלט נאָך אָפּגעזעסן. איר הערט, לערערין, ניטאָ קיין בעסערע מענטשן ווי אונדזערע, זיי זיינען גרייט צו גיין אין פייער פאַר אַ חבר. צדוק האָט אונטערגעקויפט עטלעכע גרויסע מיליטערלייט און מ׳האָט מיך אַרויסגעלאָזן. דאַן האָב איך פון פוילן אָפּגעצויגן קיין דייטש־לאַנד. דאָרט האָט חברה געמאַכט גאָלדענע גליקן, אָבער איך האָב שוין מער ניט געוואָלט קיין גליקן און בין אַוועק קיין ארץ־ישראל. און ווי איר זעט, לערערין, האָב איך דאָ אָנגעהויבן אַ ניי לעבן, ווי איר האָט זיך געווונטשן. מער קיין חרפה וועט איר פון מיר שוין ניט האָבן.

כ׳האָב אָנגעקוקט אַרקען און געטראַכט: ווער ווייסט וויפל מענטשלע־כע אוצרות זיינען דורך די לעבנס־באַדינגונגען אַרויסגעשטויסן געוואָרן אין דעם מיסט פון אונטערוועלט־לעבן. ווי הייליק איז דער פּרווו זיי אַרויס־צונעמען און העלפן זיי אָפּצוגעפינען דעם וועג צו אַ מענטשלעך לעבן.

צוקוקנדיק זיך צו אַרקעס האַרציקע קינדערלעך, האָב איך אים אַ פרעג געטאָן, וואָס עפּעס איז ער געבליבן נאָר ביי צוויי קינדער. אויף דעם האָט ער מיר געענטפערט:

— קינדער האָבן קען יעדער אָקס, אָבער געבן זיי וואָס מ׳דאַרף פון ערלעכער פּראַצע, איז גאָרניט אַזוי לייכט. עס ווילט זיך זיי געבן בילדונג, דערציִען זיי פאַר מענטשן, אַז זיי זאָלן ניט דאַרפן דורכמאַכן דאָס וואָס איך. קליידן זיי מיט אַנדערע קינדער צוגלייך מוז מען אויך — דאָס אַלץ איז

ניט קיין לייכטע זאַך. אויף מײַנע צוויי קינדער און מײַן פרוי אַרבעט איך 12 שעה אַ טאָג. איך וויל ניט זײַן אַזעלכער ווי מײַן טאַטע איז געווען. איך וויל ניט, אַז מײַנע קינדער זאָלן גיין אין מײַנע וועגן.

ער האָט גערעדט מיט אַזאַ ערנסטקייט און מיט אַזאַ טיף געפיל פון אַחריות, אַז איך בין ממש דערשטוינט געוואָרן. ס׳איז געוואָרן שפּעט און איך האָב נאָך געוואָלט אויסנוצן מײַן פרײַען טאָג, כדי זיך צו זען אויך מיט צדוקן. שווער געווען זיך צו שיידן. אַרקע האָט באַשלאָסן מיך צו באַגלייטן ביז צדוקן און אויך דאָרטן פאַרברענגען צוזאַמען אין זכרונות פון אַ מאָל, זכרונות וואָס האָבן געוואַרעמט דאָס האַרץ ווי אַ וואַרעמער שטראָם. ווען דער זייגער איז געוואָרן 9 אָוונט האָט זיך אַרקע גענומען געזעגענען, זאָגנדיק דערבײַ:

— איר ווייסט, לערעריך, ניט איין מאָל טראַכט איך, וואָס אַזעלכעס האָט אונדז אַזוי צוגעבונדן צו דער קינדערהיים, עסן ניט צו דער זעט, אָנטאָן נאָך ערגער ווי דאָס עסן, ווייזט אויס, אַז אמתדיקע חברישקייט איז טײַערער ווי אַלץ אין דער וועלט.

מיר אַלע האָבן מסכים געווען און זיך האַרציק צעשיידט.

מײַן ערשטע באַגעגעניש מיט צדוקן אין ארץ־ישראל

נאָך דעם ווי איך בין אָנגעקומען קיין ארץ־ישראל, בין איך גלײַך אַרײַנגעטראָטן אין אַ קיבוץ. די שפּראַך ניט געקענט און דעריבער האָב איך ניט געקענט פאָרזעצן מײַן באַליבטע אַרבעט אַלס פּעדאַגאָג. איך בין געשיקט געוואָרן קיין בת־גלים, ווו ס׳איז געווען אַן אולפּן מיט אַן אינ־טערנאַט. געלערנט די שפּראַך און געשיכטע פון דער אַנטוויקלונג פון לאַנד פון אָנהייב אָן און געאַרבעט מיט גרויס התמדה. אין איינער פון אַזעלכע שעהן איז אַרײַן די סעקרעטאַרין און געפרעגט, צי געפינט זיך דאָ די פרוי תהילה טיקטין. ווען איך האָב זיך אָנגערופן, האָט זי מיר געמאָלדן, אַז עפּעס אַ מאַן וואַרט שוין אפשר צוויי שעה אויף מיר. זי איז שוין געווען אין אַלע קלאַסן און אין ערגעץ מיך ניט געפונען. ווען איך בין אַרויס

אויפן הויף האָב איך דערזען צדוקן. אונדזער שמחה איז געווען אַזוי גרויס, אַז מיר האָבן זיך ווי צוויי קליינע קינדער אַרומגענומען און געקושט און פון שמחה ניט געוווסט וואָס צו טאָן איינער מיטן אַנדערן.

— איר זעט, לערערין, אַז פון מיר קען מען זיך ניט אויסבאַהאַלטן, — האָט צדוק זיגעריש געזאָגט. — איך האָב געטראָפן מיט אַ וואָך צוריק אַ ווילנער האָט ער מיר געזאָגט, אַז אים דוכט זיך, אַז די לערערין טיקטין איז אין לאַנד. דערהערנדיק דאָס, האָב איך איבערגעלאָזן אַלץ און געלאָפן אין סוכנות. דאָרט האָט מען מיר געזאָגט, אַז איר זענט אין אַ קיבוץ, נאָר זיי ווייסן ניט אין וועלכן, ווייל פון עטלעכע קיבוצים האָט מען זי געזוכט. איך בין אויף צומאָרגנס אַוועק אין דער צענטראַלע פון קיבוץ השומר הצעיר און אויך דאָרט ניט געפונען, בין איך אַוועקגעפאָרן קיין תל־אביב אין מזכירות פון אחדות העבודה און דאָרט האָט מען מיר געזאָגט ווו איר געפינט זיך. בין איך אַוועקגעפאָרן קיין רמת־הכובש און דאָרט זיך דערוווּסט, אַז איר זענט גאָר אין חיפה און אָט, לערערין, זיינען מיר שוין ווידער צוזאַמען. היינט איז פרייטיק, נאָך מיטאָג לערנט מען ניט, טאָ זייט אַזוי גוט און קומט מיט מיר צו מיין פרוי און קינדער. מיין גאַנצע משפחה וואַרט אויף אייך מיט אומגעדולד. זיי ווייסן שוין אַלץ וועגן אייך.

— אָבער מיין זון וואַרט דאָך אין קיבוץ אויף מיר, ווי קען איך אים אַזוי אַנטוישן?

— לערערין, איך גיי שוין אָנקלינגען אין קיבוץ און וועל אים דער־ציילן, ווו איר וועט זיין אויף שבת. ער האָט אייך אַלע מאָל און איך ניט.

עס בלייבט מיר גאָרניט איבער, נאָר גיין מיט אים צום אויטאָבוס.

— איך ווייס ניט, לערערין, ווי עס איז ביי אייך, אָבער ביי אונדז, יאָטן, ליגן די זכרונות פון יענע יאָרן אין אונדזער היים טיף אין האַרצן. ס'איז ניט דאָס מאָל, ווען מיר באַגעגענען זיך, מיר זאָלן ניט דערמאָנען יענע צייטן.

— אויך ביי מיר, צדוק, איז עס דער שענסטער פּעריאָד אין מיין פּע־דאַגאָגישער אַרבעט.

אָנגעקומען צו אים אַהיים. אַ קליין דירהלע, אינטים איינגעאָרדנט. עס

איז אונדז אַנטקעגנגעקומען אַ האַרציקע פרוי, וועלכע האָט מיך אויפגע־נומען ווי אַן אַלטע באַקאַנטע און צוויי טייערע קינדערלעך. די קינדער זיינען צוגעלאָפן צו מיר און מיך אַרומגענומען, ווי אַ נאָענטער קרובה. זיי האָבן מיט אַ שמייכל געזאָגט, אַז זיי ווייסן ווי מ׳רופט מיך און וווּ איך האָב גע־לעבט, און אַז איך בין געווען זייער פּאַטערס אַ לערערין. זיי האָבן מיך גלייך איינגעלאַדן צו ווערן אויך זייער לערערין. דאָס עלטערע טעכטערל דערציילט מיר, אַז זי העלפט דער מאַמען אין קראָם און אַז זי איז שוין אַלט 11 יאָר. באַלד האָבן מיר זיך אַרומגעזעצט אַרום טיש און ביי אַ וואַרעם גלאָז קאַפע זיך אָנגעהויבן דערציילן וואָס יעדער האָט אַדורכגעמאַכט במשך דער צייט, וואָס מיר האָבן זיך צעשיידט.

— ווען ס׳האָט זיך אָנגעהויבן די מלחמה — הייבט צדוק אָן זיין דער־ציילונג — איז יעדעס קינד געלאָפן זען, ווי מען קען ראַטעווען זיין מאַמע, אַ שוועסטער און אַ מאָל אַלע צוזאַמען. דער פּחד פאַר די דייטשן האָט זיך ווי אַ פייל פון בויגן אַריבערגעטראָגן אין יעדן ווינקעלע פון שטאָט. ווער איז נאָך אַזוי גענייגט צו גלייבן אין שלעכטס ווי אונדזערע קינדער, וועלכע האָבן אַליין געליטן פון אַזוי פיל אַכזריות? די גרעסטע צאָל יינגלעך איז צוזאַמען מיט דער רויטער אַרמיי געלאָפן קיין רוסלאַנד. דאָרט, אין סאָ־ציאַליסטישן לאַנד, פון וועלכן זיי האָבן געהערט אַזוי פיל גוטס, און שפּע־טער אַפילו געשטרעבט צו אים, האָבן זיי געמיינט צו געפינען זייער נייע היים. איך בין שוין געהאַט דערגאַנגען ביז מינסק. ווען צו מיר איז דערגאַנגען די ידיעה, אַז ווילנע איז געבליבן אין די הענט פון די רוסן, האָט זיך דאָס האַרץ אָנגעפילט מיט פרייד. עפּעס אַ בענקעניש האָט אָנגעהויבן נאָגן אין האַרצן טאָג און נאַכט, און וויפל איך האָב ניט איינגעטענהט מיטן האַרץ אַז ס׳איז ניטאָ וואָס צו לויפן, אַז די אָרעמקייט איז ניט פאַרשווונדן און קיין אַרבעט וועל איך ניט באַקומען, האָט דאָס האַרץ, אַלץ איינס, דערפון ניט געוואָלט וויסן. פאַר איין קוק אויפן אָרעמען שולהויף, אויף מיין אָרע־מען יאַטקעווער געסל, וואָלט איך אָפּגעגעבן צען זאַטע יאָרן. ווען דו לעבסט און ליידסט, דוכט זיך דיר, אַז דו וואָלסט אַנטלאָפן ווו דער פעפער וואַקסט, אָבער ווי נאָר דו דערווייטערסט זיך, דוכט זיך דיר, אַז דו האָסט פאַרלוירן עפּעס זייער נאָענטס. וואָס איז אין דיר אַריינגעוואַקסן און קענסט עס ניט

אַרויסרייסן. איר ווייסט, לערערין, אַז כ׳האָב געבענקט ניט בלויז נאָך מיין אָרעמען טאַטן, נאָר אויך נאָך די שמאָלע אָרעמע געסלעך און אַפילו נאָך די ווילנער משוגעים. עפּעס איז אַלץ מיר אַזוי טייער געוואָרן, אַז כ׳האָב זיך געמוזט אומקערן. איך בין אַוועק אין דער פּאָליציי בעטן אַ דערלויבעניש צוריקצופאָרן. ווערט מען גאָר אויף מיר אין כעס און מ׳רופט מיך פאַררעטער. פאַרשטייט זיך, אַז איך בין אַרויס אָן אַ דערלויבעניש. חברה האָט מיר דערציילט, אַז אַ סך, וואָס האָבן געבעטן אַ דערלויבעניש צו פאָרן צוריק, זיינען אַרעסטירט געוואָרן. אויב אַזוי, האָב איך אַ טראַכט געטאָן, זעל איך שוין אין דעם גן־עדן ניט בלייבן. איך האָב גענומען די פּיס און זיך געלאָזן אין וועג אַריין. נאָך עטלעכע וואָכן וואָגלעניש בין איך דאָך אָנגעקומען קיין ווילנע.

— די שטאָט איז שוין דאַן געווען איבערגעגעבן צו די ליטווינער. איך האָב געפונען אַרבעט אַלס שלאָסער אַדאַנק דעם, וואָס אַ סך זיינען אַנטלאָפן פון שטאָט, איז דעריבער קיין אַרבעטלאָזיקייט ניט געווען. געאַרבעט און פאַרדינט. כ׳האָב אַרויסגעהאָלפן די עלטערן און אַליין אויך געלעבט ווי אַ מענטש. כ׳האָב ניט באַוויזן זיך אָנצוואַרעמען, האָט זיך ווידער אָנגעהויבן די מלחמה. עס שיטן זיך באָמבעס ווי זאַמד, מויערן קראַכן און ווו דו לויפסט זעסטו די אָנקומענדיקע דייטשן אויף טאַנקן. אָט אַזוי בין איך געבליבן אין ווילנע, צוזאַמען מיט אַלע יידן אַריין אין געטאָ. בעסער געזאָגט, אַלע יידן זיינען געקומען אין מיין גאַס, אין מיין רעזידענץ, ווו איך בין געבוירן און אויפגעוואַקסן. אין אונדזער דירה זיינען אַריינגעשיקט געוואָרן נאָך 7 פּערזאָן. היות איך בין געווען אַ שלאָסער, האָט מען מיך געשיקט אַרבעטן אין אַ געווער־פאַבריק. דאָרט זיינען אויסגעאַרבעט געוואָרן פאַרשידענע טיילן צו פאַרשידן געווער. איך בין גלייך צוגעשטאַנען צו דער קאָמוניסטישער גרופּע, וועלכע האָט שוין אָנגעהויבן זוכן אַ וועג צו דער פּאַרטיזאַנקע. קודם כל האָבן מיר אָנגעהויבן שאַפן געווער. איך און נאָך צוויי חברהלייט, וועלכע האָבן געאַרבעט מיט מיר, האָבן אָנגעהויבן אַרויסטראָגן און אַריבערוואַרפן פאַרשידענע געווער־טיילן. צוויי מאָל בין איך געכאַפּט און אָפּגעפירט געוואָרן צום שיסן. ווען מען האָט מיך אַרויפגעפירט אויפן פערטן שטאָק צו וואַרטן אויף מיין חבר, כדי אונדז צוזאַ־

מען צו שיסן, האָב איך זיך אַראָפּגעלאָזט דורכן פענצטער אויף דער רינווע און בין פאַרשוווּנדן.

— לאַנגע טעג בין איך געלעגן אין די קאַנאַליזאַציע־רערן אָן עסן ביז איך בין איין מאָל אַרויס און אַנטלאָפן אין וואַלד צו די פּאַרטיזאַנער. געאַרבעט דאָרט מער ווי אַ יאָר, אויסגעפירט וויכטיקע אויפגאַבן, און ווען די דייטשן האָבן געהאַלטן אונדז ביים אַרומרינגלען בין איך ווידער אַנטלאָפן און אַריין אין דער רויטער אַרמיי. איך האָב געקעמפט מיט אַזאַ ריזיק געפיל פון נקמה, אַז ס׳איז שווער זיך פאָרצושטעלן. יעדע קויל, וואָס איך האָב אַריינגעשאָסן אין אַ דייטש האָב איך באַגלייט מיט אַ געשריי: „פאַר מיין משפּחה, פאַר מיינע חברים, פאַר מיין ווילנע!" ווי אַ מערדער האָב איך געקעמפט, ביז זיי האָבן מיך געטראָפן מיט אַ קויל אין לונג און מיך אָוועקגעלייגט. לאַנג בין איך געלעגן אין שפּיטאָל, געשפּיגן מיט בלוט און מ׳האָט מורא געהאַט מיך צו אָפּערירן. איך האָב זיך אַ ביסל אָפּגערוט, זיך פאַרריכט און ווידער אַוועק אויפן שלאַכטפעלד; דערגאַנגען ביז בערלין. ווען די מלחמה האָט זיך געענדיקט האָב איך געלעבט אויף אַ נעבעכדיקער פּענסיע און געשפּיגן מיט בלוט. אויף דעם דאָזיקן עטאַפּ האָב איך באַגעגנט מיין איצטיקע פרוי. זי האָט מיר געהאָלפן אין מיין קראַנקייט און חדשים־לאַנג מיך באַהאַנדלט אין שפּיטאָל. שפּעטער האָט מיין פרוי געבוירן אַ קינד. די נויט איז געווען גרויס, כ׳האָב אָנגעהויבן, פּונקט ווי אַלע אינוואַלידן, צו האַנדלען און געהאַט גרויס הצלחה. איך פלעג אַפילו פון מאָסקווע פירן סחורה, וואָס איינער אַ פּאָלקאָווניק האָט מיר צוגעשטעלט און פלעג זי פאַרקויפן. לערעריין, איך זע, אַז אייער פּנים ווערט אומעטיק. איר האָט מסתּם מורא, אַז איך בין געווען אַ גנבֿ? ניין! איך האָב נאָר געטאָן דאָס, וואָס ס׳טוען דאָרט אַלע. פון געהאַלט קען קיינער ניט לעבן.

איך פּרוּוו אים דערקלערן, אַז צו גוט לעבן איז קיין גרענעץ ניטאָ, אַז די נויט אין לאַנד האָט געצוווּנגען צו באַנוגענען זיך מיט אַ מינימום.

— לערעריין, — זאָגט צדוק אַ שמייכלענדיקער, — אַזעלכע נאַיווע מענטשן ווי איר זיינען שוין אין רוסלאַנד ניטאָ. ווען זיי זאָלן נעמען די אַלע גניבות און צונויפחשבונען, וואָלטן זיי געזען, אַז עס וואָלט זיי געסטייעט אויף אַ גוטן געהאַלט פאַר אַלעמען און מ׳וואָלט פאַרשפּאָרט בויען תּפיסות

פאַר מיליאָנען גנבים. נאַר, ווי אייגנטלעך, וואָלטן זיי געקענט אויפבויען די קאַנאַלן און באַן־ליניעס אין דער טייגע, ווען ניט די מיליאָנען אַרעס־טירטע. אָט אַזוי, לערערין, פירן זיך אייערע „הייליקע" קאָמוניסטן אין וועמען איר האָט אַזוי הייליק געגלייבט. איך געדענק נאָך גוט, ווי מיר פלעגן זיצן אין מיטן דער נאַכט ביים ראַדיאָ, איבערגעדעקט מיט אַ קאָלדרע דעם ראַדיאָ־אַפּאַראַט און אונדזערע קעפּ, כדי אָפּצוטעמפּן דעם קלאַנג און הערן די אוידיציעס פון מאָסקווע. יעדער פון אונדז האָט געשטרעבט צו לעבן אין סאָציאַליסטישן גן־עדן. איצט אָבער, אַז איך האָב שוין געהאַט דאָס גליק צו לעבן דאָרט, וויל איך עס מער ניט.

— איך מיין, צדוק, אַז אין יענער צייט איז די שטרעבונג צו לעבן אין אַ סאָציאַליסטיש לאַנד, ווו מיר אַלע האָבן געגלייבט, אַז ס׳איז דאָ גלייכע רעכט אויף אַרבעט און אַ מענטשלעך לעבן, געווען אַ סך שענער, ווי דאָס שטרעבן אַדורכצופירן אַ לינק שטיקל אַרבעט.

— דריי מאָל האָב איך אָנגעגעבן אַ ביטע מ׳זאָל מיך לאָזן, אַלס פּוילישער בירגער, פאָרן קיין פּוילן און אַלע מאָל האָט מען אָפּגעוואָרפן מיין בקשה. און אָט בין איך בייז געוואָרן און בין אַנטלאָפן מיט מיין פאַמיליע אומלעגאַל. איך האָב איינגעשטעלט מיין לעבן, אָבער ניט געוואָלט דאָרטן בלייבן און צוקוקן די נאַכאַלנע שטיק. זיי מאַכן דיך אַליין פאַר אַ גנב און שטראָפן דיך שפּעטער מיט די ערגסטע שטראָפן. און ווער שטראָפט דיך? דווקא די, וואָס גנבענען נאָך בעסער פון דיר.

— פון פּוילן בין איך אַוועק קיין דייטשלאַנד. דאָרט בין איך ווידער אַריין אין שפּיטאָל, דורכגעמאַכט שווערע אָפּעראַציעס און ווידער זיך געשטעלט אויף די פיס. אין דייטשלאַנד מאַכן אַ פּאָר דאָלאַר האָט געקענט יעדער נאַר. גאָלד האָט זיך ממש געוואַלגערט אויף די גאַסן. ווען איך האָב שוין געהאַט אַ ביסל געלט, בין איך אָפּגעפאָרן קיין ארץ־ישראל. געוואָלט שוין אָנהייבן לעבן ווי אַ מענטש. כ׳בין אַוועק אַרבעטן אַלס שלאָסער־עלעקטריקער און געהאַט גרויס דערפאָלג. און אָט האָב איך ווידער אָנגעהויבן בלוטיקן און ווידער אַריין אין שפּיטאָל און דורכגעמאַכט די לעצטע אָפּעראַציע. מען האָט מיר אויסגעשניטן אַ לונג און דריי ריפּן און אָנגע־

זאָגט ניט אַרבעטן מער פיזיש. כ׳האָב געעפנט אַ שפּייזקרעמל. איך און מיין פרוי אַרבעטן פון פאַרטאָג ביז שפּעט אין דער נאַכט. מ׳פאַרדינט ניט שלעכט, אָבער מ׳פילט ניט דעם טעם פון לעבן. ניט קיין שבת און ניט קיין יום־טוב.

— אפשר — פרעג איך — קען מען זיך באַגיין מיט ווייניקער און ניט האָרעווען אַזוי שווער ?

— ניין, לערעריך, איך וויל ניט, אַז מיינע קינדער זאָלן האָבן צער, וואָס זייערע חברטעס האָבן דאָס וואָס זיי ווילן און זיי קענען עס ניט דערגרייכן.

ווען כ׳האָב באַזוכט צדוקן צום צווייטן מאָל, האָב איך אים שוין געפונען אין אַ רייך־אויסגעשטאַטער דירה. די טאָכטער האָט זיך גע־גרייט צו דער מאַטורע. זי וויל שטודירן אויפן אוניווערסיטעט. דאָס צווייטע קינד איז שוין אַריבער אין גימנאַזיע. די קינדער זיינען זייער גוט אַנט־וויקלט סיי גייסיק און סיי פיזיש, האָבן ליב דאָס לאַנד און זיינען שטאָלץ מיט זיין יעדער דערגרייכונג. די עלטערן זעצן פאָר זייער שווערן אַרבעטס־טאָג, ווייל זייערע פאַרלאַנגען וואַקסן צוזאַמען מיט זייער פאַרמעגן. ניט קוקנדיק אויף זיין עשירות איז צדוק געבליבן דער זעלבער האַרציקער מענטש, גרייט צו העלפן יעדן איינעם, וואָס ווענדט זיך צו אים. איין מאָל האָט זיך צו אים געווענדט נאָך אַ הלוואה אַ מענטש, וואָס האָט זייער אַ שלעכטן נאָמען אין שטעטל. שכנים האָבן געוואָלט פאַרהיטן צדוקן פון אַן אומגליק און אים דערציילט, אַז דער מענטש גיט ניט אָפּ און דעריבער באָרגט אים קיינער ניט מער קיין גראָשן. דערויף האָט צדוק געענטפערט :

— אויב קיינער וועט אים ניט העלפן, טאָ ווי אַזוי זאָל ער ווערן גוט ?...

אָט אַזאַ צוגאַנג האָט צדוק צו מענטשן.

תהילה טיקטין־פרטיג

נאָכוואָרט

וואָס מער איך קוק אַרייַן אין מייַנע געשריבענע זכרונות וועגן לעבן און אַרבעט אין דער „היים פאַר פאַרוואָרלאָזטע קינדער", אַלץ מער דוכט זיך מיר, אַז דאָס זייַנען בלויז ברעקלעך פון אַ גרויס לעבן און נאָך אַ גרעסערן געראַנגל פאַרן צוריקקערן דער געזעלשאַפט דאָס דעקלאַסירטע קינד — דאָס קינד, וואָס איז, אָן זייַן שולד, אַזוי אַכזריותדיק אַרייַנגעשליידערט געוואָרן אין זומפּ פון ליידן און זינד.

די שטענדיקע זאָרג ווי אַזוי צו לעשן דאָס פייַער פון האַס צו דער אַרומיקער וועלט מצד די קינדער, צו דער אומגערעכטער סאָציאַלער אָרדענונג, צום גלייַכגילט פון דער געזעלשאַפט צו די ליידן און גורל פון טויזנטער קינדער, האָט צוגערויבט מייַן רו. כ'האָב געזוכט קוואַלן פון ליכט, פון מענטשלעכע געשטאַלטן און אידעאַלן, וואָס האָבן באַדאַרפט העלפן אויפטייען די פאַרגליווערטקייט, פאַרצווייפלונג, דעם אומגלויבן פונעם קינד אין דער מענטשלעכער געזעלשאַפט.

דער ערשטער קוואַל צו וועלכן ס'האָט מיך געצויגן, איז געווען דער אוראַלטער קוואַל פון וועלכן כ'האָב געטרונקען אין מייַנע קינדער־יאָרן — אַ ירושה פון מייַן דורותדיקער רבנישער משפחה — די דערציילונגען, לעגענדעס וועגן די גרויסע און הייליקע מאַרטירער פון יידישן פאָלק, אָנהייבנדיק אַפילו פון משה רבינו, וועלכער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון מלכותדיקן כבוד, פון משפחה־לעבן, פון עלעמענטאַרער באַקוועמלעכקייט, און זיך מקריב געווען פאַר דער פרייהייט פון פאָלק, פירנדיק אַ לעבן פון עלנט און בענקשאַפט אין אַ מדבר פון יסורים, נויט און אַנטוישונגען.

כ'האָב זיי דערציילט פון רבי עקיבא, וועגן זייַן לאַנגן וועג פון ליידן צוליבן אידעאַל פון לערנען תורה, כדי צו קענען העלפן זייַן פאָלק און פירן עס אין וועג פון ליכט. כ'האָב זיי דערציילט וועגן די גרויסע מאַרטירער צווישן די יידן אין דער צייט פון דער שפּאַנישער אינקוויזיציע. כ'האָב זיי פאַרגעלייענט קאָרעישע לעגענדעס, וואָס שפּיגלען בולט אָפּ דעם קאַמף פאַר מאָראַלישע צווישנמענטשלעכע באַציִונגען, וועגן לאַנגן מאַרטירער־וועג פון העלדישע קעמפער פאַר גערעכטיקייט פון אַלע פעלקער און צייטן.

כ׳האָב געוואָלט, אַז די קינדער זאָלן זיך ניט פילן ווי די איינציקע באַ־עוולטע אין דער וועלט, נאָר ווי אַ טייל פון אַ שיכט מענטשן, וואָס טיילט דעם זעלבן גורל, אָבער קעמפט קעגן שלעכטס אַנדערש ווי זיי.

כ׳האָב זיי קיין מאָל ניט באַשולדיקט אין זינד, אַפילו ניט אין שוואַכ־קייט. אין יעדן טאַט זייער האָב איך געזוכט דאָס שטאַרקע, דאָס מענטשלעכע.

כ׳האָב ניט איין מאָל זיך טועה געווען. זעענדיק מיט וואָס פאַר אַן אינטערעס זיי הערן זיך צו צו מיינע שמועסן, פלעג אָפט פאַרגעסן אין זייער אָפּגעשטאַנענקייט און זיי פאַרלייענען שאַפונגען, ניט צוטריטלעכע פאַר זייער גייסטיקן ניוואָ, ווי פּרצס „דריי מתנות" א״אַנד. זיי פלעגן דערויף רעאַגירן אויסלאַכעריש.

— לערעריך, צי גלייבט איר טאַקע אין אַזעלכע נאַרישקייטן? צי גלייבט איר. אין אַ גאָט, און אַז מענטשן זיינען געגאַנגען צום טויט צוליב אים?...

— איך גלייב אינעם מענטשן — האָב איך געענטפערט אַנטשלאָסן — איך גלייב, אַז אין יעדן מענטשן איז פאַראַן דאָס געטלעכע געפיל פון ליבע צום מיטמענטש, צו אַן אידעאַל, פאַר וועלכן ער איז גרייט אָפּצוגעבן דאָס לעבן.

לאָמיר אַ זוך טאָן דאָס דאָזיקע געפיל אין אייך גופא. איר זאָגט אָפט: „איך וויל בעסער גיין אין טורמע אידער פאַרראַטן אַ חבר..." אין דעם זאָג ליגט דער סוד פון געטלעכקייט. ניט געקוקט אויף אייערע ליידן, אויף אייער האַס צו די מענטשן, וועלכע האָבן געבויט אַן אָרדענונג אַן גלייכע רעכט פאַר אַלעמען, זיינען דאָך פאַראַן אַזעלכע,פאַר וועלכע איר זייט גרייט צו ליידן און מקריב צו זיין אַפילו אייער פרייהייט...

נאָך די דאָזיקע שמועסן, פלעגן זיי אָנהייבן זוכן און אַנטפּלעקן אין זיך און צווישן זייערע חברים טאַטן, אין וועלכע ס׳איז געווען אַ סך מסירת נפש, ליבע צום חבר און דערהויבנקייט. בהדרגה האָבן זיי אָנגעהויבן פאַר־שטיין, אַז „גאָט" איז ניט אַזאַ שרעקלעך וואָרט, אַז „גאָט" איז ניט בלויז דער, וועלכער העלפט יענע, וואָס טוען תפילה צו אים. כ׳האָב מיט זיי געשמועסט וועגן בעש״ט און זיין הויכן אידעאַל צו דינען גאָט מיט גוטע

מעשים, דורך פרייד און געזאַנג — און ניט דווקא אין בית המדרש, נאָר אין יעדן אָרט, ווו דער מענטש געפינט זיך.

בעת די דאָזיקע שמועסן פלעגט הערשן אַזאַ געמיטלעכקייט, אַזאַ גוטסקייט... אַ מאָל פלעגט זיך מיר אויסדוכטן, אַז עפּעס איז צו זיי דערגאַנגען — אויב ניט צו זייער באַוווסטזיין, איז לפּחות צו זייער געפיל. וואָס וואַרעמער און דערהויבענער דאָס געפיל, אַלץ שוואַכער דער האַס — און שטאַרקער די מעגלעכקייט צוצוקומען צו זייערע נשמות.